STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04339

OYSGEVEHLTE SHRIFTEN

Nahum Sokolow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. סאקאלאוו.

אויסגעוועהלטע שריפטען.

אָריגינעלע און איבערזעצונגען.

ערשטע באנד.

פערלאג
פ. קאנטאראוויטש.

ווארשא
תרע"ב.

Drukarnia „Hacefira“, Pańska 40.

אויסגעוועהלטע שריפטען.



אין גלות.

די פֿערטריבענע און די פֿערוואָגעלטע, פֿערשפּרייט אין אלע עקען, נאַקעט און בלויס, געשוואָלען פֿון הונגער, שוואַרץ ווי די ערד, וואָס זענען ענטרונען געוואָרען פֿון שאַנד און פֿון פּיין און פֿון טויט, שלעפּען זיי זיך ארום—אוי, גרויסער גאָט! —פֿון שטאָדט צו שטאָדט, פֿון לאַנד צו לאַנד—און אויך אין האָלאַנד, ביי די געמויזעכצען פֿון וואַסער, קריכען זיי אַרום, און זייערע האָר־לאָקען טריפּען פֿון דעם פֿוילען שבת־רעגען, וואָס גיסט זיך אָהן אַנ'עק.

צווישען שלש־סעודות און הבדלה — אזוי האָב איך אמאָל געהערט אַ בבא־מעשה—קיהלען זיך די מתים אין וואַסער, כדי זיי זאָלען קומען אביסעל קיהלער אין גיהנם אַריין.

אזוי צוואָגען זיך דאָ די פֿערשטויסענע, אַידער זיי וועלען אַריינפֿאַלען אין דעם נוי־יאָרקער קעסעל.

איך האָב געזעהן אַ יודענע אין אַ צוריסענע סאַמעטענע סאַליפּע, בלויז פֿעדערן, אַ פֿערשטויבטען קאַפּעליוש אויפֿ'ן קאָפּף, נאַ באַקיער, פֿון אונטער'ן האָר־שייטעל האָבען ארויסגעקוקט זיידענע, יונג גראָהע האָר.

מען האָט זי אַרומגעפֿיהרט אין יאָדען־ברייט־שטראַאַד, ווייסע חברה איז נאָכגעלאָפֿען: אַ משוגענע! אַנ'עמיגראַנטקע!

זי איז אַרויסגעפֿאָהרען מיט זעקס קינדער פֿון דערהיים, אויפ'ן וועג האָט זי פֿערלאָרען דריי, פשוט פֿערלאָרען! שריי: חי וקים! זי ווייס נישט, אַ שווער געמיטה, אַ געטומעל, אין וואַגאָן אַנ'-ענגשאַפּט, שטייג איין, שטייג אויס—קינדער, בּרעקעלעך, צוויי אין שוים, איינס אויפ'ן אָרם — די גרעניץ, מען בּעזוכט, פֿרעמדע גוים, מען קלינגט, אין איילעניש, אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, געלאָפֿען אויף אַ סטאַציע נאָך אַביסעל וואַרעם וואַסער, זיך פֿער-בּלאָנדזעט אין אַנ'אַנדער וואַגאָן.

יודען בּני-רחמנים, וואו זענען מיינע קינדער? זעקס שטענגלעך הדסים האָבּ איך געהאַט, און געבּליבּען זענען נאָר דריי! פֿאַר וואָס פֿאַר אַ זינד האָבּ איך פֿערלאָרען די קינדער? וואו זענען די עופ'לעך מיינע? —

אַ שיפֿסקאַרט האָט ער מיר געשיקט, ער אַרבּייט נעבּעך שווער, — מיין שפּייזער, מיין דערנעהרער!—איך זאָל קומען מיט די קינדער! אוי, ווי וועל איך קאָנען איהם קוקען אין פּנים אַריין?

פֿאַרבּייגערוקט אַ געגאָלט יודעלע מיט אַ קרום נעזעל — אַ ווענעלע, און שרייט מיט אַ הייזעריג קול: סינאַאָם אַפּפעל, סינאַאָם אַפּפעל! (פּאָמעראַנצען) — און דערלאַנגט מיט'ן ווענעלע דער יודינע אַ שטוים אין זייט.

ס'איז ענג אויפ'ן בּרייטען-יאָרדען-שטראַאָט, פֿעהלט נאָך דאָ בּריינע פֿון זינקעוו מיט איהר יאָמערן וועגען קינדער!

דער קטב-מרירי הערשט, און די טעג זענען בּערייט, חס ושלום צו פּורעניות. אַ תּוכחה האָט זיך אויסגעגאָסען אויף מיין פֿאָלק! בּייזע רוחות יאָגען אונז; מען בּאָדט זיך אין אונזער בּלוט, און מיר מוזען לויפֿען, ווי די רוצחים — אין ערי מקלט אַריין.

שטאַרק דיינע לענדען און הער ווייטער, מענשענזאָהן!

אַ יונגעלע פֿין אַ יאָהר צוועלף, פֿון צווייטען קלאַס, פֿון גימנאַזיע, אוים אַדעס — פֿאָהרט אַליין קיין אַמעריקא. דער טאַטע איז געשטאָרבּען יונגערהייט; די מאַמע איז גע'הרג'עט געוואָרען אין פּאָגראָם, אַ פֿעטער אין אַמעריקא; צוזאַמענגענומען אויף הוצאות, און געשיקט דעם וואָרם אין דער וועלט אַריין.

און ער פֿאָהרט מיט'ן גימנאַזיסטישען היטעל, מיט'ן רוסי-

שען גימנאזיסטישען היטעל, נישט דערשלאָפּען, נישט דערעסען, געל ווי וואקס — און רעדט רוסיש, נאָר אַ פּאָר ווערטער יודיש.

און רוסיש פערשטעהט קיינער נישט, נאָר יודיש קומט אַביסעל צונויף.

צו פריה האָט מען געוואָלט אָבשאפען דאָס העברעאיש מיט'ן זשארגאָן, די פערוואָגעלטע קינדער — ווי וואָלטען זיי גערעדט, און ווי וואָלט מען זיי פערשטאַנען.

און עס טריפט אַ זיסקייט פון דאָרען פּנים'ל, און אַ טרויערקייט גלאָצט אַרויס פון די אויגעלעך, די נאַסע. — דער טאַטע געשטאָרבען; די מאַמע — דער'הרג'עט!

אוי, יודעלע קליינס, יודעלע — אין דעם ביטערען גלות!

ווי נאָך אַ מת געה איך נאָך דיר, און מיינע לעפּצען ברומען: „מיט זיינע פליגעל וועט ער דיך בעדעקען; קיין פּלאָג וועט נישט געגעהנען אין דיין געצעלט!"

פאָהר, פאָהר, יודעלע קליינס!

ווי איין איילבערט וועט שפּראָצען דיין שענקייט, ישראל!

אַ יונגערמאַן פון קיעוו, מיט אַ צובראָכענע האַנד, באַנדאַזשירט מיט אַ שמוציג געל האַנדטוך, פערשלימפּערט מיט רוסישע, דייטשע און האָלענדישע בלאַטע, גלעזערן־גלאָצעדיגע, האַלב־דולע אויגען, אויפ'ן קאָפּף אַ מיצעל פון אויסגעקראָכענע, אויסגעצופּטע באַראַנקעס, דער שטערען פערבונדען מיט אַ שנופּטוך, אַ צוקראַצט פּנים, שטיוועל—צוריסען, די פיס—קוים־קוים זיי שלעפּען זיך.

אַזוי זעהען אויס די אויסדערוועהלטע פון די אומות העולם, וואָס השם יתברך האָט זיי אויסגעוועהלט צו טהון זיין געבאָט.

און געטהון האָט ער זיין געבאָט — דער יונגער מאַן פון קיעוו. און צובראָכען האָט מען איהם אַ האַנד, און צוקראַצט דאָס פּנים, און פערפינסטערט די צורה — און אַרויסגעשיקט אין די וועלט אַריין, כדי צו בעשענען דיין נאָמען, באַרמהאַרציגער פאָטער!

אין ראָטערדאַם געהט ער אַרום. איך האָב געמיינט, אַ ער מיל פערברייטען „די אידעע דעם מאָנאָטהעאיזמוס" — „די אויפגאַבע דעם יודענטהומס אונטער דען נאַציאָנען".

אַזוי פֿיעל האָב איך מיך אָנגעלעזען און אָנגעהערט פֿון די דייטש-איזראַעליטישע פרעדיגערם.

נײַן! ער וויל — 50 גולדען, כדי צו קאָנען פֿערברייטען טאַנדייט-מכנסים איבער די דערפֿער.

ער טענה׳ט: וואָס זאָל איך מיר ברעכען די פֿיס קיין אַמע-ריקאַ — איך וויל דאָ האַנדלען!

עס איז דאָך אָבער דאָ נישט קיין פלאַץ, מען דאַרף נישט דײַן האַנדלען, יורעלע!

וואָס דען קאָן ער טהון מיט איין האַנד?

איינער פֿון די פרנסים זאָגט, מען זאָל איהם קויפֿען אַ קאַטערינקע. געַנוג איין האַנד.

דער רוב אָבער זאָגט, מען זאָל איהם שיקען נאָר ווייטער, ווייטער!

און עס איז אָוועַנד, און די לבנה שיינט — אַז מען מעג זי מחדש זיין בײַם ים, און איך בעגלייט צום שיף דעם יוד מיט דער צובראָכענער האַנד.

— פֿאָהר, ליעבער יוד, פֿאָהר ווייטער!



אליהו הנביא'ס כוס.

(פון מיין רויט נאָטיץ-ביכעל).

אין יאָהר 1904 בין איך אין קישענעוו געווען און פערביטערט ארומגעגאנגען צווישען לעבעדיגע און טויטע, צושלאָגענדיג פון בושה און יסורים, און אונאויפהער דערצעהלט מען מיר:

— ראָטמאַנ'ס מוטער האָט געגעבען אַ שנצ'ל פינף קאָפּיקעס פאַר אַ פויק, וואָס ער האָט זיך געמאַכט פון אַ יריעה פון אַ ספר-תורה. מען האָט איהם געזעהן פויקען אין דער גרויסער אַלעע פון שטאָדט-גאָרטען. אין אַ ווינקעלע איז ער געשטאַנען מיט דער פויק, עקסטרא אום זיך צו רייצען מיט די פאַרבייגעהענדע יודען. די פויק האָט ער אויסגעדרעהט צו די יודען: גלייך אין זייערע פנים'ער, דאָס כתב פון ספר-תורה זיי צו ווייזען. „סוויטקי" האָב איך! „סוויטקי" האָב איך!

מען האָט מיר געבראַכט די פויק. איך דערקען קוים צייכענס פון די פסוקים: א-ם י-ה-י-ה נ-ד-ח-ך ב-ק-צ-ה ה-ש-מ-י-ם מ-ש-ם א. אַז. וו. דאָס פאַרמעט פון דער פויק איז שוין געווען געלעכערט; ווען עס וואָלט נישט געווען געלעכערט, וואָלט דער שנץ די פויק נישט פערקויפט.

איך בין נאָך אריינגעטהון אין דעם, און איינער קומט און דערצעהלט מיר:

— אָט איז דער קרעמער, וואָס האָט פונאַנדערגעטהיילט זיבענהונדערט רובל — צו איינציגע רובל; אַזוי פיעל מאָל איז מען איהם אָנגעפאַלען. אַ באַנדע אַרויס, אַ באַנדע אַריין. אַזוי איז געווען אַ גאַנצען טאָג. ער האָט ביליג אָבגעהאַנדעלט, נאָר אין

סך הכל האָט ער זיין גאַנץ פערמעגען אוועקגעגעבען. דאָך האָט ער גוט געטהון, ווארום על כל פנים דאָס לעבען האָט ער זיך אָבגעראַטעוועט.

— ער איז זעהר בעליעבט — האָט איינער געזיפצט — אַ שאָד! עס איז איהם אפילו אויף אַ אָנבייסען נישט געבליבען און ער איז אַ חשוב'ער מענש... אַביסעל צו־גרוים ביי זיך. ער וועט נישט געהן זיך דאָרט שטופען מיט די אָרימע לייט.

איך בין געגאַנגען זעהן דעם קרעמער, וואָס האָט זיך אויס־געלעזט דאָס לעבען. ער ציטערט מיט אַלע אברים און קוקט זיך אום אין אַלע זייטען. ער האָט מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען. איך האָב געפרובט פון איהם אַרויסשלאָגען דעם פחד און עס האָט נישט געהאָלפען.

און אַ מלמד, אַ פערמאַטערטער, פער'חושכ'טער, מיט אַ פערוועלקט פנים און אַ הייזעריגען, שרעקליכען הוסט — דריי טעג האָט ער שוין נישט געגעסען און דריי נעכט האָט ער שוין נישט געשלאָפען — שרייעט צו מיר מיט אַ איינגעהאַלטענע שטימע: מען קאָן דאָס גאָר נישט גלויבען! דאָס בלוט אין די אָדערן איז פערגליווערט געוואָרען... אַזאַ נבלה, אַזאַ נבלה!... פאָהנען האָבען זיי זיך געמאַכט פון טליתים! אוי. תפילין האָבען זיי זיך אָנגעטהון און געשריען: אָט איז דער יודישער גאָט! אַלע האָבען געלאַכט, געזונגען פון פערגניגען, געשפרונגען, ווי די קעלבער. פשוט — דער חורבן!

מען לויפט, מען שפרינגט אַרום מיר, מען דונערט מיר אין די אויערען, איך ווער יעדע ווײַלע בעוואָרפען מיט נייע שרעקליכע ערצעהלונגען. איך זאַפּ זיך אָן מיט אַלע מיני יסורים, מיט אַלע מיתות משונות, אַלע געוויינען, פערצווייפלונגען, שגעון פון כעס. מעהר קיין אָרט געפינט זיך נישט אין מיר.

מען פיהרט מיך אין שוהל פון נאָווי־באַזאַר, די „שניידער־שוהל". איך זעה אַ באַרג מיט מיסט — גאַנצע פעק ספרי־תורות צוריסענע, צוטרעטענע, פערבלאָטיגטע. איך בין אַרויס פון שוהל, פון דער גאַס — און דער באַרג מיט די ספרי־תורות שטעהט מיר נאָך אַלץ פאַר די אויגען.

און אַ יודענע, אַ שותפ'טע אין אַ קליין שפּײַז־קרעמעל —

אײגענטליך איז זי גאר א פאריקמאכערין און אבּיסעל א אינטעלי-גענטין אויך — דערצעהלט מיר: דער פריסטאוו איז זיך מיט הרחבה געשטאנען פון וויטענס און גערויבערט פאפיראסען. זײן פנים האט געבלאנקט פון פערגניגען. דער המון איז געווען א קלײנער; איין געשרײ פון א סטראזשניק וואלט געקלעקט זײ צו פערטרײבען וואו דער פעפער וואקסט. די ספרי-תורות האבען זײ ארויסגעווארפען דורכ׳ן צובראכענעם פענסטער. א גויה, א בארפיסע מיט א נײ זײדען טיכעל אויפ׳ן קאפ — א נײ טיכעל! — האט געחאפט די ספרי-תורות, ווי באלען, א שפילעכצעל האבען זײ זיך געמאכט. אוי, א סקאנ-דא-א=א-ל!...

נעבען דער פעריקמאכערין שטעהט זיך איהר טאכטער, א מײדעל מיט געשוירענע האר און ברילען אויף די אויגען. לכל הפחות איז זי א „בונדיסטקע". זי שטעהט זיך און זאגט: לויט מײן שטאנדפונקט איז די בארפיסע נישט געווען פון ארבײטער-קלאס.

און דער שותף פון דעם קרעמעל, א שטיקעל קרוב למלכות, דערצעהלט! עס איז אנגעקומען דער גענעראל קאריער, און ער האט א געשרײ געטהון צו די חוליגאנעס: „ראדי באגא, וואס טהוט איהר? און צום פאטרול האט ער געשריען: „רוצחים! וואס טהוט איהר?" פונקט ווי אין אזיע איז דאך בײ אײך!" ער האט מציל געווען פיעל מענשען. ער איז א גוטער גוי!

איך הער יא און הער נישט. די שטיקער פון די ספרי-תורות קריכען צו מיר, ווי עקדיסען, רויטע עקדיסען. פיעל פון זײ זענען געווען רויט פון בלוט.

מען פיהרט מיך ווײטער און מען זאגט מיר: אט איז סיל-מאנ׳ס הויז?

אך, לאזט מיך צורוה מיט אײערע נעמען! זאל דאס זײן סילמאנ׳ס הויז! אויף דער שטאדט זאגט מען, אז זי הײסט „קי-שינעוו". וואס איז די נפקא מינה?

— זונטאג—דערצעהלט מיר א יונגערמאן פון די עסקנים— האט מען שוין אנגעהויבען ברעכען און חרוב מאכען, ברע-כען און חרוב מאכען. מאנטאג, אין דער פריה, זענען מיר גע-גאנגען צום דאקטאר מוטשניק און איהם געבעטען, ער זאל געהן

צום גובערנאַטאָר. מוטשניק האָט אונז געזאָגט, אַז מען דאַרף נאָך נישט. מיר האָבען געשריען צו איהם: מען שחט דאָך שוין, גאַלאַנטער איז שוין דאַמאָלט געווען גע׳הרג׳עט...

— ניין! ער איז נאָך נישט געווען גע׳הרג׳עט! דער מוח זיינער איז געווען צושמעטערט, אָבער געלעבט האָט ער נאָך...

— יאָ געווען גע׳הרג׳עט! — ענטפערט דער עסקן מיט גרויס אויטאָריטעט — דער מוח צושמעטערט, דאָס איז אַ אַנדערע זאַך, אָבער געלעבט האָט ער שוין נישט.

— גאַלאַנטער — זאָגט אַן׳אַלטער מאַן מיט אַ פערבונדען פנים, די ציינער האָט מען איהם אויסגעהאַקט — גאַלאַנטער איז געווען אַ פיינער מאַן אַ בעל צדקה, אַ ברילּיאַנט.

איך האָב נישט געקענט מיטוויינען מיט איהם אויף גאַלאַנטער׳ן; איך האָב אפילו נישט געקענט מיטלייד האָבען מיט איהם, אפילו נישט אויסהערען, וואָס ער דערצעהלט. וואָס מאַטערט ער מיך מיט זיין גאַלאַנטער? וואָס איז מיר פאַר אַ נפקא מינה, צי ער האָט געהייסען גאַלאַנטער, אָדער אַנדערש? — יודען, רחמנים בני רחמנים, הערט־אויף מיך צו פייניגען מיט מוטשניק׳ן, מיט׳ן גובערנאַטאָר! ער איז יאָ געגאַנגען, נישט געגאַנגען — עס איז אויף דער וועלט פערהאַנען אַ מוטשניק, עס איז נישט פערהאַנען. אוי, יודען, וואָס איז די נפקא מינה?

איך קום דערוויל אויף קאַליסקאַיאַ גאַס. אָט איז די נאָצלאַווער שוהל! דאָ איז גע׳הרג׳עט געוואָרען ר׳ שמשי. און די בעדערין שיינא הייבט אָן מיר דערצעהלען: די מעשה איז נישט אַזוי געווען; נישט אין שוהל, ווי מענשען זאָגען, איז ער גע־הרג׳עט געוואָרען. ער איז אַנטלאָפען פון דער שטוב און איז גע־הרג׳עט געוואָרען ביי דער לאַמטערן. אַזוי זאָל איך אַ טרייסט דער־לעבען, ווי איך האָב זיין הייליגען קערפער געזעהן דאָרט... זיין פנים האָט געשיינט... די רוצחים, וואָס זענען פאַרביי־געגאַנגען דערנאָך, האָבען דאָרט נישט געקאָנט צוגעהן. דערשראָקען זענען זיי געוואָרען! זיי האָבען אויף איהם אַרויפגעוואָרפען עפּעס אַ שמאַטע. איז אָבער געקומען אַ ווינד און האָט אַראָבגעבלאָזען די שמאַטע. יעדע באַנדע חוליגאַנעס האָט דאָס די אויגען אויסגע־

שמאָכּען. נאָכ׳ן טויט האָט ר׳ שמשי אזוי אַרום מגין געווען אויף דער שוהל. אַ צדיק!...

— איך האָב שוין געהערט, שיינא:

איך שלעפּ זיך ווייטער און ווייטער. אָט איז פּאַרקאַט׳ס הויז!

דער טאָג איז שוין פאַראיבּער. דאָס מיאוס׳ע פינסטערניש האָט אָנגעהויבּען איינשלינגען די העלקייט פון אָנפאַנגס פריהלינג. דער קיהלער ווינד האָט געשאָקעלט מיט די צווייגען פון די עטליכע בוימער, וואָס זענען געשטאַנען טרויעריג. זיך שטיל געשמועסט עפּעס סודות פון דעם וועלט-שמערץ און דאָ שטעהען מענשען און רעדען צו מיר. — אַ, מען הערט מיר נישט אויף דערצעהלען...

— דאָ איז גע׳הרג׳עט געוואָרען הירש לייב בולגאַר...

און ווידער זענען זיי שטיל געוואָרען. זייער שטימע איז דערוואָרגען געוואָרען אין טרערען—און נאָך אַ ווײַלע:

— דאָ איז גע׳הרג׳עט געוואָרען ר׳ הירש לים!

אַלע זיפצען און וויינען: יאָ! יאָ! דאָ איז גע׳הרג׳עט געוואָרען ר׳ הירש לים! קיין וכוחים איז אין דעם נישט געווען.

דער יונגערמאַן, דער עסקן, זאָגט מיר: בולגאַר האָט איבּער-געלאָזט זיבּען יתומים און לים—פיער!

און אַלע האָבּען אונטערגעהאָלפען מיט געוויין: יאָ! יאָ! לים האָט איבּערגעלאָזט פיער יתומים!

אַ שניידער, אַ דאָרער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט געזאָגט: בולגאַר האָט זיך געוועהרט, ער האָט געשריען. זיי האָ-בּען איהם גע׳הרג׳עט מיט דרענגלעך. לים האָט זיך גאָר נישט געוועהרט.

אַ יודיש דיענסטמיידעל מיט צופלאָסענע האָר און אַ צוראַצט פנים שטאַמעלט: ער האָט נישט גערעכענט, אז מען וועט איהם הרג׳נען.

— און די ווייבּער האָבּען זיי געשלעפּט דאָרט אַהין, אין די קליינע צימערלעך—זאָגט מיר אין אויער אַריין אַנ׳אַלטער בעל-בית — בולגאַר׳ס טאָכטער... דאָרט... און די אַלמנה... נאָכדעם, ווי מען האָט איהר מאַן גע׳הרג׳עט... וועה צו די אויגען, וואָס האָבּען דאָס געזעהן!...

און דאָס דיענסטמיידעל מיט די צופּלאָסענע האָר און צו־ראַצטען פּנים שטאַמעלט ווייטער: איינער אין אַ ווייסען חאַלאַט, אַ גוי, איז געקומען און אַלץ פֿערלאַנגט געלד, אַ דרייעריל, אַ פֿינפֿעריל, אַז נישט וועט מען הרג׳ענען...

אוי, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! וואָס מישען זיי צונויף? „קליינע צימערלעך", „דרייערלעך", „פֿינפֿערלעך"?

איין אַלטע יודינע שרייט: גאָט אין הימעל! עס זאָל אַזוינס טרעפֿען! ר׳ הירש׳ן האָט מען איבערגעצלמ׳ט!

זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל געבליבען. זי האָט זיך געשעהמט צו שרייען. דאָס געשריי האָט זיך איהר אַליין אַרויסגעריסען. איך האָב געהערט, אַז זי וויינט שטיל, טיעף. זי האָט דאָס נישט געקאָנט איבערטראָגען. אַז ר׳ הירש׳ן גע׳הרג׳עט, אַז איהם איבערגע׳צלמ׳ט!

איך האָב דערשפּירט אַ שרעקליך מידקייט, אַ עקעל צו אַלעם, אפילו צו זיך אַליין אויך. וואָס שטעה איך דאָ און זאָפּ זיך אָן? וואָס איז דען דאָ? אַ מלחמה איז דאָ געווען? אַ שלאַכט? ניין! עפּעס אַ שחט׳הויז, מיט וועלכען הינד וואָלטען זיך אויך גע׳מיאוס׳ט... וואָס וויל איך דאָ מאַכען? אַ סטאַטיסטיק? אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל מיחות זענען צושמעטערט געוואָרען, אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל קעפּ זענען צוהאַקט געוואָרען?... ווי מיאוס, עקעלהאַפֿט איז דאָס! עס האָט זיך אין מיין מויל צונויפֿגענומען אַזוי פֿיעל שפּייעכטס, צו וואַרפֿען עס אויף דער גאַנצער ליטעראַטור פֿון אַזעלכע זאַכען!...

— וואָס זאָגט איהר, אַלטיטשקע? איבערגע׳צלמ׳ט?

זי וויל אָבלייקענען דאָס, וואָס האָט זיך פֿון איהר מויל אַרויסגעריסען אומגערן. זי קאָן אָבער נישט. זי וויינט שטיל און דאָס איז איהר ענטפֿער. און דווקא די אַלטע מיט איהר געוויין, מיט איהר וועלען אָבלייקענען און נישט קאָנען, האָט מיך צוגעצויגען, צוגעהאַלטען. איך קאָן זיך פֿון אָרט נישט ריהרען.

איך שטעה און קוק אויף די קנייטשען פֿון דער יודינעס פּנים. עס דאַכט זיך מיר, אַז מיין באָבע איז פֿון קבר אויפֿגעשטאַנען און איהרע ליעבליכע, רחמנות׳דיגע, זיסע אויגען קוקען אויף מיר. איז די הויט פֿון דעם פּנים נישט אַ ספר־תורה? איז

דאָס נישט קיין אלט, פערהײליגט פּארמעט, וואָס איז פול מיט סודות און יסורים? און הוסט די אלטע, זעהט איהר הויט נישט אוים, ווי די צוריסענע, צושפּאָלטענע שטיקער פּארמעט, וואָס איך האָב געזעהן אין נאָווי-באַזאר, אויף דעם בארג פון הײליגען מיסט?

די אלטע איז זיך געשטאנען ביי עפּעס א שווארצע טהיר, װעלכע האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געפיהרט אין א קבר אריין. עס האָט זיך גערדאכט, אז עפּעס א קול געהט ארויס פון דעם קבר און דאָס קול פליהט אין דערלופט, קריכט ווי א שלאנג אויפ׳ן הויף, שלעפּט זיך איבער דער גאנצער גאס, קריכט אריין אין מיין הארץ און שטעכט ווי ברענענדע שפּיזען.

עפּעס ציהט מיך צו דער אלטיטשקער. איך הויב אָן זי טרייסטען. איך רעד צו איהר מיט דעם לשון פון „צאינה וראינה“, חאָטש איך ווייס נישט, פון וואנען איך קאָן פלוצלינג דאָס לשון. איך דערווייז איהר, אז דער כּבוד פונ׳ם מת איז חלילה נישט פערשוועכט געוואָרען. ווען ר׳ הירש וואָלט געהאט די ברירה, וואָלט ער זיין האלז אויסגעצויגען צו דער שחיטה און זיך נישט געלאָזט איבער׳צלמ׳ען — זי שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ — ער האָט אָבער קיין ברירה נישט געהאט. מען האָט איהם גע׳הרג׳עט — און ער האָט זיך נישט געקאָנט װעהרען! איז דען דאָרט געוועזען א מלחמה? האָבען זיך דען געשטעלט גלייכע קרעפ־טען צו א קאַמפף? מישטיינס געזאָגט — צוויי הונדערט גוים און — איין יוד! נו, האָבען דען די גוים נישט געקאָנט טהון, וואָס זיי האָבען געוואָלט? וואָס איז נעביך ר׳ הירש שולדיג? ער וועט א ודאי קומען אין גן-עדן אריין...

צי ר׳ הירש איז טאקי געקומען אין גן-עדן אריין — ווייס איך נישט, נאָר אז איך בין דאַמאָלס אריין אין גיהנום, אז איך האָב דאַמאָלס דערשפּירט א גאנצען תהום מיט יסורים — דאָס ווייס איך יאָ! די שווארצע טהיר האָט זיך געעפענט און איך בין אריין מיט דער אלטער אין דעם צימער אריין. מיט איהרע בליקען האָט זי מיך געבעטען, אז איך זאָל אריינגעהן, האָב איך געמוזט געהן. אין א קאַלך-אויווען וואָלט איך געגאנגען! איך האָב דערשפּירט, אז זי וויל מיט מיר רעדען, זי האָט מיר געוואָלט אלעם דער־

צעהלען — זי איז געווען ר׳ הירש׳ס מוהמע און זי האָט ערצויגען זיינע פיער יתומים.

זי האָט אָבער נישט בעדאַרפט דערצעהלען. די וועגד האָבען געשריען. אפילו ירמיה הנביא וואָלט נישט געקאָנט דערצעהלען א העלפט פון דעם, וואָס דאָס צימערל האָט געיאָמערט און געשריען. די צובראָכענע חפצים האָבען געוויינט, די שמאַטעס האָבען געיאָמערט, די אויסגעשאָטענע פעדערען האָבען געקלאָגט, די צוריסענע ספרים האָבען געשריען!

א בארג פון צובראָכענע חפצים, צונויפגעמישט מיט כלים, וואָס האָבען געדינט צו די רציחות. נעגעל, נאָלען, שטיקער האָלץ, האַמערס מיט מאַרך און בלוט, שטיקער האָלץ פון א טיש, שטוהלען, בענק, צובראָכענע טעלערס, שיסלען, שמאַטעס, א צוריסענער טלית, א צוריסענער קיטעל, צוריסענע שבת-קליידער פון פרויען, שטיקער פון וויעגלעך, צוריסענע פערינעס, שטיקער שטריק. עפּעס ווייסע שטיינדלעך ליגען. מען הויבט אויף און א שוידערניש חאַפּט אָן. מענשען-ציינער! אויף א אנדער אָרט ליגט א קנויל האָר! מיינט מען דאָך, אַז דאָס איז פון דער צובראָכענער קנאָפּע און מען הויבט עס אויף. א גרויל!... שטיקלעך פליישׁ ש־עפּען זיך מיט... דאָס איז גאָר ר׳ הירש׳ס באָרד! ווייטער ליגען צוריסענע ספרים, בלעטער פון של״ה, פון ש״ס, א שטיק פון א בילד, פון ר׳ עקיבא אייגר אָדער פון ווילנער גאון. אלעס איז בעגאָסען מיט בלוט און געהירען און צונויפגעמישט מיט צובראָכענע שויבען, לעהם פון די וועגד, שטויב פון הויף און עפּעס שטיקער פון עפּעס. און די לופט — א לופט פון בלוט, שרפה, גאַפט, רויך, שווייס, טרערען.

די אַלטע איז געשטאַנען אויף א בערגעל פון צובראָכען גלאָזווארג, יום-טוב׳דיג געפּעס. די אַלטע האָט געזיפצט: דאָס אַלעס איז שוין גרייט געווען אַוועקגעשטעלט צו ווערען אויף איבער-א-יאָהר. רבונו של עולם! דאָס גאַנצע פסח-געשיר האָבען זיי צובראָכען, — א ירושה איז דאָס געווען נאָך פון זיידען. אַלעס, אַלעס האָבען זיי צובראָכען, נאָר אליהו הנביא׳ס כוס האָבען זיי זיך גענומען...— די אַלטע האָט ערשט רעכט אָנגעהויבען וויינען... אַלעס האָט מיך אָנגעהויבען אינטערעסירען. איך האָב

דערשפירט עפעס א חשק זיך צו דערוויסען, ווער ר׳ הירש איז געווען, פון וואנען ער האט געשטאמט, מיט וואס ער האט זיך בעשעפטיגט, וואס ער האט געלערנט. ווען די ווייגענדע ווייבער האבען מיר געזאגט, אז ער האט געפלעגט פאהרען אויף שבועות צום רבי׳ן, האב איך געוואלט וויסען, צו וועלכען רבי׳ן ער האט געפלעגט פאהרען און צי נאר אויף שבועות האט ער געפלעגט פאהרען.

דניאל טאבאטשניק האט מיר כאראקטעריזירט ר׳ הירש׳ן מיט עטליכע ווערטער: ער איז געווען א נ׳אמת׳ער בן־תורה. ש״ס, דער של״ה, דאס בילד פון ר׳ עקיבא איגר האבען דאס בעשטע־טיגט. דעריבער האט דאס איבער׳צלמ׳ען אזוי שטארק געווירקט אויף דער אלט־טשקער... ער איז געווען דער תכשיט פון גאנצען הויף. אביסעל האט ער געהאנדעלט, פיעל האט ער געלערנט. די פאמיליע איז געווען גרויס — פיער יתומים זענען איבערגע־בליבען און די פרנסה איז געווען בצמצום. וואס האבען די חולי־גאנעס געקאנט דארט געפינען? זיי האבען צושמעטערט, צוברא־כען, אפילו די ווענד האבען זיי געבראכען. די פארלאגע האבען זיי אבגעריסען און געפונען האבען זיי אבער גאר ווייניג. דאדורך איז טאקי די רציחה געווען אזוי גרויס... בולגאר איז געווען שטארקער. די שכנים האבען דערצעהלט, אז ער האט זעהר גע־שריען, בעת מען האט איהם נע׳הרג׳עט. אפשר האט ער אויך געשריען צוליעב זיין טאכטער... ר׳ הירש ליס האט נישט גע־שריען. „ער האט נישט גערעכענט, אז מען וועט איהם הרג׳ענען״. אין מיטען ווייגען האט די אלטע דערצעהלט: דא האט מען זיך געטרייסט, אז עס איז אריין א פאטרול. ר׳ הירש, דער למדן, האט דאך ערשט אבגעהאלטען פסח, אויף שבועות וועט ער פאהרען צום רבי׳ן. א גאט אין הימעל איז פערהאנען. אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי איז אויך פערהאנען... דארט שטעהט דאך נאך דאס גאנצע פסח׳דיגע געפעס און אליהו הנביא׳ס כוס, א זילבערנער כוס. וואס? הרג׳ענען וועט מען אונז? זענען מיר דען אין א וואלד?

איך בין פון דארט ארויס און אריינגעגאנגען צו יענקעלע שווארצבערג. יענקעלע האט בעהאלטען די קינדער אין טייג־מילטערס. זיין שוועסטער האט זיך בעהאלטען אין א ענגע שטייג,

וואו זי האָט געקאָנט דערוואַרטען ווערען. אַ קליין קינד האָט מען דאָרט דערנאָך געפונען, איז עס געווען האַלב טויט, האַלב לעבעדיג. ער, שוואַרצבערג, געדענקט עפּעס אַ שרעקליכען חוליגאַן אין אַ ווייס פאַרטוך מיט אַ האַק אין דער האַנד. יעדע נאַכט זעהט ער דעם חוליגאַן אין חלום. ער דערצעהלט, אַז ער האָט דערזעהן אַ פּאַטרול און האָט געשריען: „ראַטוּיטיע! ראַטוּיטיע!" דער פּאַטרול געהט זיך אָבער פאַרביי רוהיג, מיט אַ שמייכעל פון גרויס נחת. שוואַרצבערג האָט די קליינע קינדער אָבגעראַטעוועט, וואַרפענדיג זיי, ווי די קאַרטאָפלעס, איבער'ן פּאַרקאַן. מען ברענגט מיר איין קינד, וואָס איז געפאַלען מיט'ן פּנים אויף אַ שטיין און דאָס גאַנצע פּנימ'ל איז געוואָרען איין בייל. איך נעהם דאָס קינד אויף דער האַנד און איך שטאַרב שיער פון יסורים.

אין מיין נאָטיץ בוך איז פערשריבען, אַז אויסהערענדיג דאָס אַלעס, פערגעס איך אָן דער גאַנצער וועלט און געדענק נאָר ר' הירש'ס הויז, די אַלטע און איהר צער פונ'ם איבער'צלמ'ען, פון פסח'דיגען געפּעס און פון אליהו הנביא'ס כוס. דאָס קאָן מיר פון קאָפּ נישט אַרויס.

ר' הירש איז געווען אַ טיפּ פון אַ פרומען יוד, אַ בעל-בטחון... דער האַנדעל איז ביי איהם געווען אַ נעבען-זאַך. גאָט גיט לעבען, גיט ער צום לעבען. איין איינציג זילבערן בעכערל האָט ער געהאַט, איז עס געווען אליהו הנביא'ס כוס. „ער האָט דעם כוס אַליין געשוועגקט, געוואַשען, געהיטען" — האָט מיר די אַלטע דערצעהלט. פון די ווערטער, וואָס די אַלטע האָט דערצעהלט, איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז ר' הירש האָט מתפלל געווען בשעת דעם פּאָגראָם. ער האָט דערזעהן אַ פּאַטרול, האָט ער זיך בערוהיגט. מלכות! עס שטעהט דאָך געשריבען: „הוה מתפלל בשלומה של מלכות" (זיי מתפלל אויפ'ן שלום פון מלכות). דערנאָך זענען דאָרט אָבגעטהון געוואָרען שרעקליכע זאַכען... אין די קליינע צימערלעך. די ווילדע חיות האָבען זיך געוואָרפען אויף די אונשולדיגע טויבען... די געפייניגטע טויבעלעך האָבען געשריען. בולגאַר איז אויך נישט לייכט געשטאָרבען. מען האָט איהם געפיהרט אין שפּיטאָל און אויפ'ן וועג איז ער געשטאָרבען. פאַר'ן טויט האָט מען איהם אָנגעטהון שרעקליכע ענויים. ער האָט זיך געוועהרטי

אפשר האָט ער נאָך מעהר געוועהרט זײַן טאָכטער. שרעקליכע קולות האָבּען זיך געהערט פון אלע זײַטען. אין דעם זעלבען הויז זענען געוועזען אויך נײַן פערוואונדעטע — נאָך געשרײַען. וועהרען האָט זיך ר׳ הירש נישט געקאָנט. וואָס טהוט אזא יוד? איז ער מתפלל, זאָגט תהלים. די חוליגאַנעס, זעהענדיג אז ער איז מתפלל, האָבּען געמײַנט, אז ער איז א „דוהאָווני" און דאַדורך האָבּען זײ דוקא אויף איהם אויסגעשניטען אַ צלם, זײ האָבּען אָבּער דעם צלם אויף איהם נישט אויסגעשניטען אויף דער גיך. עפּענטליך האָבּען זײ דאָס געטהון. די אַלטיטשקע האָט זיך בּעהאַלטען אין אַ שטאַל און געקוקט, ווי צו ראַטעווען די קינדער, וועלכע מען האָט געוואָרפען איבּער׳ן פּאַרקאַן. אַלע האָבּען געזעהן, ווי די חוליגאַנעס האָבּען געשלעפּט ר׳ הירש׳ס טויטען קערפּער פון זײַן צימער אויפ׳ן הויף און ווי זײ האָבּען איהם אויסגעשניטען אַ צלם אויפ׳ן קערפּער.

איך קוק זיך אַרום אין הויף. וויפיעל איז דאָ אָבּגעטהון געוואָרען! אין די קלײַנע צימערלעך האָט מען פרויען און מײַדלעך מאנס געוועזן, אבּיסעל ווײַטער האָט מען מענשען גע׳הרג׳עט, נאָך אַבּיסעל ווײַטער האָט מען גע׳גזל׳ט, ווי דאָס דיענסטמײַדעל האָט דערצעהלט: „אַ דרײַערל, אַ פינפערל!"; ווען זײ האָבּען שוין קײן צײַט נישט געהאַט צו הרג׳ענען, האָבּען זײ פערוואונ-דעט; בּײַ דעם פּאַרקאַן האָט מען קינדער געוואָרפען; און נאָך עפּעס האָט מען געהאַט צו טהון: דעם „גאָט פון ליעבּע" האָט דאָס פּראַוואָסלאַווניע פאָלק גאָר נישט געגעבען; אַ גרויסע עוולה! בּכן „דאַווײַ" דעם געהרג׳עטען יוד, זאָל ער אָבּגעגעבּען ווערען דעם גאָט פון ליעבּע — ער איז דאָך אַ „דוחאָווני"...

גאָט האָט שוין אויך זײַן טהײל בּעקומען — און וואָס פעהלט נאָך? יאָ! עיקר שבחתי.. גנבעֶנען מוז מען אויך. אמת טאַקי, פון יודען דאַרף מען נישט גנב׳נען. מען נעהמט, וואָס מען וויל. אָבּער אײַנער קאָן דאָך בּעהאַלטען פאַר׳ן אַנדערן. אפשר וועט וואַניאַ וועלען דוקא דאָס, וואָס סטעפּאַן נעהמט. בּכן נעהמט סטע-פּאַן און בּעהאַלט.

אַלץ איז אַלזאָ שוין געווען דאָרט, אין פּאַסקאַט׳ס הויז!..

עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ חשק אָבּצוזוכען אליהו

הנביא'ס כּוס און אָפּגעגעבּן איהם דער אַלטיטשקער. איך האָב גע־רעדט מיט גרוזענבּערג'ען, מיט זוואָניצקי'ן, דעם דאָקטאָר מוטשניק האָב איך פערמאַטערט, צווישען די צונויפגעקליבּענע חפצים האָב איך געזוכט, עטליכע מענשען האָב איך געזאָגט, אַז ווער עס וועט ברענגען דעם כּוס, וועט בּעלוינט ווערען—אומזיסט!

איך האָב געוואָלט קויפען אַ זילבּערן בּעכערל און געבּען דער אַלטיטשקער, זאָגענדיג איהר, אַז דאָס איז דער כּוס. איך האָב אָבּער נישט געקאָנט ליגענד זאָגען. עטליכע טעג דערנאָך איז די אַלטע קראַנק געוואָרען. צו־פיעל האָט די אונגליקליכע דורכגעלעבּט... די יתומים זענען געווען אַנדערש־וואו.

איך בין געגאַנגען די אַלטיטשקע מבקר חולה זיין.

דאָס צימער איז געווען לעער. אַלע זאַכען זענען פון דאָרט אַרויסגענומען געוואָרען. צו דער סלעדסטווא האָט מען זיי בּע־דאַרפט. די פענסטער זענען געווען פערשטאָפּט מיט שמאַטעס, די שוואַרצע טהיר איז נאָך שוואַרצער געוואָרען.

אין ווינקעלע איז געשטאַנען אַ בּעט, אויף וועלכען די אַלטע איז געלעגען און איז געווען צוגעדעקט מיט אַ צוריסענע פערינע. איך האָב געזעהן, אַז מיט איהר איז נישט גוט. דער דאָקטאָר האָט צו מיר אויך געוואונקען. זי האָט נישט געוויינט, נאָר עס האָט זיך גערדאַכט, אַז די לופט וויינט...

די שכנים זענען אויך געקומען מבקר חולה זיין... זיי האָבּען געשאָקעלט מיט די קעפּ צו מיר... דאָס פּנים פון דער אַלטי־טשקער האָט שוין נישט אויסגעזעהן ווי פאַרמעט, נאָר ווי אַ דורכזיכטיג ציגאַרעט־בּלאַט. אין אַ ווינקעלע צאַנקט אַ „נשמה־לעמפּעל". דאָס קליינע פלעמעלע שפּרינגט, צאַנקט; דער ווינד בּלאָזט דורך די פענסטער.

אין דער שווערער לופט, בּיי דער טונקעלער ליכט פון דעם לעמפּעל, קריכען לייכטע שאָטענס. דער טרויער דריקט אַזוי שטאַרק, אַז איך בין שיער דערוואָרגען געוואָרען. איך האָב גע־שפּירט, אַז ר' הירש געהט זיך אַרום אין צימער, ער קוקט אַריין אין אַ גמרא, ער זוכט און געפינט נישט, ער הויבּט אויף פון דער ערד אַ בּלאַט פון אַ גמרא און דאָס בּלאַט פאַלט איהם פון די הענד אַרויס... בּלוט... ער וויל אין של"ה אַריינקוקען—דער

של״ה איז אויך בעגאָסען מיט בלוט... ער געהט צו א פער־טראָכטער צו דעם אָרט, וואו דאָס פּסח׳דיגע געפעס איז געשטאַנען און ער קוקט צו דער אַלטיטשקער: — מוהמע, מוהמע, האָסטו שוין איינגערוימט דאָס פּסח׳דיגע געפעס? און דער כּוס של אליהו? „אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, במהרה יבוא אלינו..." אָ, נישט דאָ אליהו! און אויף די תּכריכים איז פערהאַנען עפּעס א שרעקליכער צייכען... ער רייבט דעם צייכען, רייבט און רייניגט די תּכריכים... פון דער לאַמטערן אין הויף גנב׳עט זיך אריין א גרינגע ליכטיגקייט און פערזינקט דאָס צימער אין א שטראָם פון סודות...

חיים ליב׳ס פרוי קומט אריין און זאָגט מיר אין אויער אריין:

— איהר ווילט וויסען, וואו דער כּוס איז? מען ווייסט שוין — דער לאָמער שוסטער איז געווען אויף דער „בערזע" פון די באָסיאַקעס — ער האָט געזעהן סטעפּאַנ׳ען שטעהען און זויפען פון א זילבערן בעכערל, וואָס ער האָט ארויסגענומען פון דער טאַש...

עס איז שוין אין דעם קיין שום ספק נישט געווען. דאָס דינסטמיידעל געדענקט גוט סטעפּאַנ׳ען און זיין ווייסען חאַלאַט... סטעפּאַן איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען דאָ „געאַרבייט". ער איז נישט געווען פון די געוועהנליכע באָסיאַקעס, וואָס האָבען זיך בעגנוגען געלאָזט מיט דעם, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם פּאָגראָם האָבען זיי בעצאָהלט, אָדער דערמיט, וואָס זיי האָבען עפענטליך געראַבירט בעת׳ן פּאָגראָם. ער וויל נאָך האָבען דערביי א׳נאַנדערע הנאה אויך...

איך האָב זיך דערפרעהט מיט דער ידיעה. דער כּוס וועט דאָך עדות זאָגען אויף סטעפּאַנ׳ען. האָט מען איהם ביז היינט נישט געכאַפּט — וועט מען איהם איצט מוזען כאַפּען... און אז מען וועט איהם כאַפּען, וועלען שוין אנדערע אויך מיטגעשלעפּט ווערען... אלע וועלען בעשטראָפט ווערען...

איך האָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז איך האָב אויך געהאַט דעם זעלבען פעהלער, וואָס ר׳ הירש האָט געהאַט: בטחון. מיר אלע האָבען געלערנט גמרא, של״ה, מיר אלע האַלטען ביי דער

מדרגה: „ער האָט נישט געדעבענט, אז מען וועט הרג'ענען".

איך גיי יעדען טאָג צו'ם קאָמיטעט, כ'גייע אויך צו די אדוואָקאטען. — „דער לאָמער שוסטער האָט געזעהן" — „דער לאָמער שוסטער איז א כשר'ער עדות" — „סטעפאַן איז חשוד אויף גנבות, ער איז שוין עטליכע מאָל בעשטראָפט געוואָרען פאַר גנבות" — „איהם צו אַרעסטירען איז גאָר אַ קלייניגקייט" — א. א. וו., א. א. וו. און סטעפאַן איז טאַקי אַרעסטירט געוואָרן... געזעסען אין אַרעסט אַ טאָג און דערנאָך האָט מען איהם אַרויסגעלאָזט.

אַזוי פיהרט זיך שוין די וועלט. די וועלט געהער נישט צו ר' הירש לים און צו אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי.., די וועלט איז ... סטעפאַנ'ס... ר' הירש איז גע'הרג'עט געוואָרען בעת ער האָט מתפלל געוועזן, ביי דער גמרא מיט'ן של"ה און מיט זיין אמונה אין פאַטרול, זיין הייליגער גוף איז איבערגעצלמ'ט געוואָרען נאָכ'ן טויט, די מוהמע איז געשטאָרבען אָהן נחמה, די יתומים זענען פונאַנדערגעשפרייט געוואָרען, פון די ספרים איז געוואָרען מיסט, די פסח'דיגע כלים זענען צושמעטערט געוואָרען; עס איז איבערגעבליבען דער כוס של אליהו — האָט איהם סטעפאַן...

אָ, פאסקאַט'ם הויז! אַ טאַשען-ווערטערבוך איז דאָס הויז פאַר דעם גאַנצען שרעקליכען, ביטערן גלות פון מצרים ביז איצט.

און צוריק די זעלבע מעשה! פאַר וואָס זאָל מען זיך עקשנ'ען, אַז דאָס הויז הייסט דוקא „פאסקאַט'ס הויז" און די שטאָדט — „קישינעוו"?... וואָס איז די נפקא מינה?

אַ בְּרָכָה פון אַלְמָנָה.

... דאָס האָט מיר דערצעהלט דער גבאי, וואָס האָט געהערט די מעשה פון „איהם עֶר זאָל לעבען" אַליין. „ער זאָל לעבען" האָט זי געהערט פון זיין פאָטער זכותו יגן עלינו, זיין פאָטער זכותו יגן עלינו האָט זי געהערט פון זיין רבי'ן, זיין רבי—פון זיין רבי'ן, ביז צום בעל שם זכותו יגן עלינו.

און אַזוי איז די מעשה געווען:

אַמאָל, שבת נאָכ'ן טיש, איז דער בעל שם געזעסען פערטראַכט. די מקורבים זיינע, די „טיש-זיצער", זענען געשטאַנען אַרום איהם און זיך גוט איינגעהאָרכט יעדעם וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין הייליג מויל, און פון יעדען וואָרט האָבען זיי געהאַט אַזאַ תענוג, פונקט ווי פון דעם שיר, וואָס די לויים האָבען אין בית המקדש געפלעגט זינגען... פּלוצלינג האָט זיך דער בעל שם אויפגעכאַפּט, געקלאַפּט אויפ'ן טיש און זיין פנים האָט געשיינט, ווי די זון. מען האָט געזעהן, אַז עס רוהט אויף איהם אַ גן-עדן-שמחה, די שכינה אַליין.

די מקורבים האָבען דאָס דערזעהן און באַלד האָבען זיי פערשטאַנען, אַז עפּעס אַ גרויסע זאַך איז אָבגעטהון געוואָרען, און די גאַנצע וועלט איז פול געוואָרען מיט בשמים.

דער בעל-שם האָט פערמאַכט די אויגען, אַרונטערגעוואָרפען דעם קאָפּ און געזאָגט צום עולם:

— איצט הערט!

מן הסתם האָט דאָך דער עולם געשוויגען און מיט שרעקעניש זיך גוט איינגעהערט.

און דער בעל-שם האָט דערצעהלט:

— דארט, נעבען טייך, נישט ווייט פון דאנען, וואהנט א ארימע אלמנה מיט איהר שוועסטער און א בן-יחיד האט זי, איז ער ממש איהר לעבען, איהר נשמה. איז דער בן-יחיד א בר-מצוה געווארען און א בעריהמטער תכשיט איז ער שוין געווען. אלע איהרע שונאים האבען זי מקנא געווען און חאטש זי האט געלעבט אין דחקות, האט זי קיין צער נישט געשפירט; אזוי פיעל נחת האט זי דאך פון איהר זוהן געהאט.

שבת פאר אכט טאג האט דער קליינער אנגעהויבען צו שפירען עפעס שמערצען. עפעס א שלעכטע קרענק האט זיך אן איהם אנגעחאפט, א מין קרענק, וואס געוועהנליך שטעהט מען נישט אויף פון איהר. צום טויט, לא עליכם, פיהרט זי. די אלמנה האט גע-האט שרעקליכען צער. טאג און נאכט איז זי געזעסען נעבען דעם בעט פון קראנקען. זי האט נישט געגעסען. נישט געטרונקען. נישט געשלאפען, נאר דעם קראנקען אבגעהיטען, און געוויינט האט זי שטענדיג, און אלע רפואות, אלע סגולות האט זי געטהון, און דער קראנקער איז יעדע ווייליע געפעהרליכער געווארען, און דער צער פון דער אלמנה — מען קאן זיך גאר נישט דעם צער פארשטעלען; ווי א צער פון א מוטער, ווען זי זעהט, אז איהר איינציגער זוהן שטארבט. ווען עס איז שוין געווען גאר שלעכט, איז די אלמנה געגאנגען מתפלל זיין צום רבונו של עולם. זי איז געלאפען אין שוהל אריין און האסטיג האט זי דעם ארון-הקודש געעפענט און מתפלל געווען מיט הייסע טרעהרען, מיט געשרייען, יללות. און דער רבונו של עולם האט איהר צער געזעהן און זיך אויף איהר מרחם געווען. דער קליינער איז שוין א גוסס געווען מיט אמאל איז די נשמה צוריק אין איהם אריין. די אויגען האט ער געעפענט און געבעטען האט ער, מען זאל איהם וואסער געבען.

און זיין מוהמע, דער אלמנה'ס שוועסטער, איז באלד צו דער אלמנה אין שוהל אריין געלאפען, און זי האט צו דער אלמנה געשריען:

— ער לעבט, יענקעלע, די נשמה דיינע! תחית-המתים איז ער אויפגעשטאנען! וואסער האט ער געבעטען, האב איך איהם געגעבען...

די אלמנה האט געציטערט פון שרעק און שמחה צוזאמען

און אין האַרצען האָט זי געהאַט פֿיעל דאַנק, פֿיעל ברכות, נאָר אַרויסרעדען, וואָס זי האָט אויפֿ'ן האַרצען, האָט זי נישט געקאָנט, און דאָך האָט זי עפּעס אַרויסגערעדט. דעם רבונו של עולם האָט זי אַזאַ דאַנק געגעבען:

רבונו של עולם! מיט וואָס קאָן איך דיר בעצאָהלען פֿאַר דער רפואה, וואָס דו האָסט געשיקט מיין זוהן? זאָל איך דיך בענשען מיט אריכות־ימים? דו לעבסט דאָך אייביג! מיט עשירות, מיט אוצרות זאָל איך דיך אפשר בענשען? די גאַנצע וועלט איז דאָך דיין! וואָס פֿעהלט דיר דען? איך זאָל דיר אָבער גאָר נישט בעצאָהלען, קאָן איך אויך נישט; דער חוב ועט מיר צו לאַסט זיין! בכן, הער, רבונו של עולם, ווי גרויס עס איז דער נחת און די שמחה, וואָס דו האָסט מיר איצט געמאַכט, בענש איך דיך, אַז אַזאַ נחת און אַזאַ שמחה זאָלסטו האָבען פֿון אַלע דיינע קינדער!

ווען די ברכה איז דערהערט געוואָרען, איז געוואָרען אַ רעש פֿון שמחה אין אַלע זיבען הימלען און מען זאָגט דאָרט, אַז דער זמר פֿון די שרפים האָט נישט אַזאַ מתיקות, ווי די ברכה.

צו קבר ישראל.

(א פאקט).

ביידע זענען די עלטסטע דאקטוירים אין ווארשא געוועזן. מיר וועלען רופען איינעם פון זיי קיליצקי און דעם צווייטען — ליליענפעלד.

קיליצקי איז אלט געוועזן א ערך נייכציג און ליליענפעלד — 80 יאהר. ביידע זענען געוועזן אסימילאטארען. ביי דעם פריהעריגען דור איז דען מעגליך געוועזן זיך פארצושטעלען א דאקטאר, וואס זאל נישט זיין א אסימילאטאר? קיין שום דאקטאר האט נישט גערעדט יודיש צו א חולה און אז דער חולה האט גערעדט צום דאקטאר יודיש, האט ער זיך געמאכט נישט פערשטעהן, אדער מיט גרויס רחמנות האט ער בעוויליגט צו פערשטעהן, וואס דער חולה רעדט.

ביידע, קיליצקי און ליליענפעלד, זענען ביי זיך געוועזן שטאלץ, ווי די פריצים; דאס אוניווערזיטעט האבען זיי דאך געענדיגט, העכער פון אלע זענען זיי דאך געוועזן. קיין שלעכטע מענשען זענען ביידע נישט געוועזן; אין געוויסע הינזיכטען זענען זיי געוועזן גוטע, נאר דאס איז שוין נישט נוגע צו אונזער ענין.

קיליצקי איז אלט געוועזן נייכציג יאהר און נאך האט ער פראקטיקירט. און א שם האט ער געהאט א גרויסען. עראינערונגען האט ער געהאט זעהר שענע, אינטערעסאנטע; ער האט דאך געדיענט אין נאפאלעאן דעם ערשטענס מיליטער און אויך א מעדאל האט ער געהאט פון נאפאלעאנ'ען. געהערט איז ער געוועזן נישט נאר ביי יודען, נאר אויך ביי קריסטען און דורך זיין נאמען, וועלכער האט געקלונגען נישט יודיש, האבען זיי גאר

פערגעסען, אז ער איז א יוד. זיין הויז איז אויך געפיהרט געוואָרען נישט יודיש. נאך ביי זיין לעבען האבען זיינע זיהן און טעכטער אנגעהויבען צו פערלאָזען יודען, און וואס עלטער ער איז געוואָרען, אלץ מעהר משומדים האט ער געהאט ארום זיך. צי ער איז געוועזען דערפון צופריעדען אָדער נישט, דאס האט קיינער נישט געוואוסט.

ליליענפעלד איז אויך געוועזען א בעריהמטער דאָקטאָר. א שטעלע האט ער געהאט אין יודישען שפיטאל. ווי קיליצקי איז ער אויך געוועזען איינער פון די ערשטע יודישע דאָקטוירים. דאס אוניווערזיטעט האט ער געענדיגט אין אויסלאנד, ווארום דאמאלס איז יודען נאך נישט ערלויבט געוועזען צו בעזוכען דאס אוניווערזיטעט אין פוילען. נאר אז זיי האבען געענדיגט אין אויסלאנד, האבען זיי זיך עקזאמינירט אין פוילען. און וויל ליליענפעלד האט געלערנט אין דייטשלאנד, איז ער געבליבען כל ימיו „א שטיקעל דייטש”.

וואס אנבעלאנגט יודישקייט, איז נישט געוועזען קיין גרויסער אונטערשיעד צווישען איהם און קיליצקי'ן. די גאר הייליגסטע זאכען פון דער רעליגיע האט ער מעהר אבגעהיטען פון קיליצקי'ן, אפשר וויל עס איז אין איהם מעהר געבליבען פון דעם, וואס ער האט אין זיין קינדהייט געזעהן ביי זיינע עלטערן, און אפשר וויל ער האט געהאט א גרעסערע נייגונג צו אמונה. אין אנדערע ענינים איז ער כמעט גלייך געוועזען צו קיליצקי'ן. ער איז געוועזען געשעצט, ווי עס איז בכלל געשעצט געוועזען יעדער דאָקטאָר און אדוואָקאט, בפרט אז ער האט געהאט הצלחה און האט זיך ערוואָרבען א פערמעגען. נאר אין קינדער־ערציהונג איז געוועזען א גרויסער אונטערשיעד צווישען קיליצקי'ן און ליליענפעלד'ן. קיליצקי, אלס דאָקטאָר פון נאפאלעאָנ'ס ארמעע מיט א פוילישען נאָמען און זייענדיג ווייט פון אמונה־זאכען, איז געוועזען מעהר נאָהענט צו קריסטען און האט אויך ביי קריסטען געהאט זעהר פיעל פראקטיק. ליליענפעלד איז אבער געוועזען א דאָקטאָר פון יודישען שפיטאל און ווען ער וואלט אפילו יודען נישט געליעבט, וואלט ער זיך אויך נישט געקאָנט פון זיי דערווייטערן, בפרט אז ער האט נישט פיינד געהאט זיין פאָלק, נאר פערקעהרט, ער האט געשעצט זיין אבשטאמונג און אויסער דעם האט איהם א אינערליכע

ניגונג געצויגען צו דער רעליגיע. ער איז אָפט געגאַנגען אין דער קאָהר-שוהל און אויך אין מיטען יאָהר האָט ער זיך טהייל מאָל געבראָמט די נגונים פון די תפלות.

בעת קיליצקי׳ס קינדער האָבען זיך וואָס אַמאָל מעהר דער-ווייטערט פון יודען, האָבען זיך ליליענפעלד׳ס קינדער פעסט גע-האַלטען אָן זייער פאָטער, האָטש אין הארצען האָבען זיי אפשר נישט מעהר געגלייבט יודען, ווי קיליצקי׳ס קינדער.

די ביידע דאָקטוירים האָבען זיך געקאָנט פיערציג אָדער פופציג יאָהר און זיי זענען געווען בעפריינדעט. ביידע זענען גע-ווען ריזען, קיינמאָל זענען זיי נישט קראַנק, נישט שוואַך, נישט דענערוואירט געוועזען, דאָך זענען זיי דאָך נאָר מענשען געוועזען און זייער סוף האָט אויך געמוזט קומען.

אַמאָל איז צו ליליענפעלד׳ן אריין קיליצקי׳ס לאָקיי און איהם געבעטען, ער זאָל באַלד קומען צו קיליצקי׳ן.

ליליענפעלד איז צו איהם באַלד געפאָהרען און ער האָט איהם געטראָפען זיצען ביי׳ם שרייב-טיש. קיליצקי איז געווען אַ אַלמן שוין אפשר דרייסיג יאָהר און אַ טאָכטער זיינע, אַן׳אַלמנה, האָט ביי איהם געוואוינט, נאָר דאַמאָלס איז זי נישט געווען אין דערהיים.

ליליענפעלד איז צוגעגאַנגען צו איהם.

— דזיען דאָברי! יאַק סיע מאַש? (גוט מאָרגען! וואָס מאַכסט דו?) — האָט ליליענפעלד איהם בעגריסט און איהם אָנ-גענומען ביי דער האַנד.

קיליצקי איז געזעסען רוהיג און קוקענדיג אויף ליליענפעלד׳ן, האָט ער איהם געזאָגט יודיש:

— לעג אוועק דעם „דזיען דאָברי”, דעם „יאַק סיע מאַש” און זעץ דיך אַביסעל דאָ.

ליליענפעלד האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַר וואָס ער רעדט עפּעס איצט צו איהם יודיש. אין דער ערשטער מינוט האָט ער געמיינט, אַז קיליצקי מאַכט ליצנות. דער מאָמענט איז אָבער געווען אַזוי שרעקליך, אַז ליליענפעלד האָט באַלד פער-שטאַנען, אַז עס איז אונמעגליך חושד צו זיין קיליצקי׳ן אין ליצנות.

לילי‌ענפעלד האט זיך געזעצט נעבען איהם און געזאגט פויליש:

— פראשע ציע, ניע זאווראציי גלאווי, ניץ צי ניע יעסט! (איך בעט דיך, פערדרעה נישט דעם קאפ, עס איז דיר גאר נישט!)

קיליצקי האט ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ און האט געזאגט מיט אַ אויסשפראַכע, וועלכע האט לילי‌ענפעלד'ן דער־מאהנט זיין ווידענס אויסשפראַכע:

— מרדכי! (דעם נאמען האט לילי‌ענפעלד נישט געהערט פיעל יאהרען) זעץ דיך דא!

לילי‌ענפעלד האט זיך געזעצט נעבען איהם און פלוצלינג האט ער זיך דערמאהנט, אז ער איז אַ דאקטאר און האט געוואלט אננעהמען ביי'ם דופק. קיליצקי האט אבער באלד זיך משער געווען, וואס לילי‌ענפעלד וויל טהון און האט איהם געזאגט ווייטער יודיש:

— מרדכי, וואס טויגען דיר די אלע מעשיות? עס עקט זיך!

לילי‌ענפעלד האט איהם געוואלט דערוויזען, אז עס עקט זיך נישט, קיליצקי'ן איבערצייגען איז אבער אונמעגליך געווען. ער אליין איז דאך געווען אַ גרויסער, אלטער דאקטאר.

— מרדכי, גיב די האנד! — האט קיליצקי ווייטער געזאגט.

לילי‌ענפעלד האט איהם אויטאמאטיש דערלאנגט די האנד און קיליצקי האט איהם מיט אַ שוואכער שטימע געזאגט:

— מרדכי, דו וועסט דיך פון דאנען נישט אוועקריהרען... דו פערשטעהסט... די חברה ארום... איך ציטער... מרדכי, דו ביזט מיר ערב... אז איך וועל קומען צו קבר ישראל?

לילי‌ענפעלד האט גוט נישט פערשטאנען, פאר וועמען ער האט מורא, נאר פרעגען האט ער נישט געקאנט. אלס ענטפער האט לילי‌ענפעלד זיין האנד געדריקט.

— מרדכי! — האט קיליצקי געזאגט מיט אַ זעהר שוואַכער שטימע — מרדכי, דארט, אויף דער שאנק, ליגט אַ ק־בן־מנחה־סדור. נעהם און זאג מיט מיר אַ פאר יודישע ווערטער.

לילי‌ענפעלד איז צוגעגאנגען צו דער שאנק, אראבגענומען

דעם סדור, אַרויסגעזוכט אין איהם עפּעס פּאַסענדע תפלות, זיך געזעצט נעבען איהם און געזאָגט. קיליצקי האָט איהם נאָכגעזאָגט יעדעם וואָרט.

פלוצלינג האָט זיך ליליענפעלד ווידער דערמאַהנט, אַז ער איז אַ דאָקטאָר און האָט איבערגעהאַקט דאָס זאָגען די תפלות. אַביסעל טראָפּענס, אַביסעל קאַלט וואַסער האָט ער איהם געוואָלט געבען. קיליצקי האָט איהם אָבער געוויזען מיט׳ן פינגער:

— זעה, דאָרט אויפ׳ן טיש שטעהען דאָך פיעל פלעשעלעך קאַלט וואַסער, אַלעס איז דאָ. זאָג ווייטער!

ליליענפעלד האָט געזאָגט און געזאָגט, פּלוצלינג האָט קיליצקי ארונטערגעוואָרפען דעם קאָפּ, אַ שנאָרך געטהון און — שוין האָט ער נישט געלעבט.

דאַן איז אַריין זיין טאָכטער, די אלמנה, און דערזעהענדיג, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבען, האָט זי גענומען שרייען.

עטליכע מינוטען שפּעטער זענען שוין דאָרט געווען אַלע קינדער און קרובים פון דעם מת. ליליענפעלד האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט מיט זיי גערעדט, רוהיג האָט ער זיי געענטפערט אויף זייערע פראַגען, ווי דאָ איז צוגעגאַנגען, און ווען זיי האָבען זיך אָנגעהויבען בעראַטהען וועגען דער לויה, וועגען די בלומען, וואָס זיי זאָלען שטעלען נעבען מת, האָט זיך ליליענפעלד אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— זייט מוחל, לויט דער צוואה פון דעם מת, וואָס ליגט דאָ, בין איך דאָ דער בעל בית!

ליליענפעלד האָט געשיקט צו קהל, געהייסען ברענגען עטליכע יודען, וואָס זאָלען שטעהן ביי דעם מת און איינאָרדנען אַ לויה — אַ יודישע.

די נעהטאָרין.

דער פֿאָטער איז נישט דאָ, די מוטער האָט זיך שוין געלעגט שלאָפֿען און אין שלאָף זיפֿצט זי. די קליינע עופֿ'עלעך זענען אויך שוין געלעגען אין די ווינקעלעך פֿון דעם קליינעם צימערל. ס'איז נאַכט. אַ קליין לעמפּעלע ברענט אין דעם בוידעם־שטיבעלע און אַ מיידעל זיצט איינע אַליין און נעהט. זי נעהט אָהן אויפֿהער, די אויגען זענען געשוואָלען, די פֿינגער ריהרען זיך גיך, גיך, ווי אַ אויטאָמאַט. איינגעבויגען איז זי איבער איהר אַרבייט און די ליפּען ריהרען זיך: שטיל ברומט זי שוין אפֿשר צום הונדערטסטען מאָל עפּעס אַ ליעדעלע, אָדער אַ תּפֿלה...

נעה, מיידעל, נעה, פֿון פֿריהמאָרגען ביז שפּעט ביינאַכט זיץ איבער דער אַרבייט, נעה, שטריק און ווען דער שלאָף וועט דיר די אויגען פֿערשליסען, וועסט דו אין חלום אַרבייטען. ווען דו וועסט אַפֿילו שוין האַלטען ביי שטאַרבען, וועט די נאָדעל נאָך אַליץ אין דיין האַנד זיין.

זי דרעהט אום די ליינוואַנד און אַרבייט מיט די לעצטע כּוחות. דאָס פֿלעמעלע פֿון דעם לעמפּעל איז אַרומגענומען מיט אַ גרין קרוינדעל, אין וועלכען זי זעהט פֿערשיעדענע בילדער. וואָס שטערען איהר די אַרבייט. ווען זי איז נאָך געוועזען אַ קינד, האָט זי אַמאָל געזעהן, ווי מען נעהט תּכריכים פֿאַר איהר קליין ברודערל, וואָס איז דאַמאָלס געשטאָרבען. גיך האָט מען דאַמאָלס גענעהט און איינגעבויגען זענען זיי געוועזען בעת'ן נעהען, ווי זי איז איצט איינגעבויגען. אין דעם גרינעם קרוינדעל, וואָס איז אַרום דעם פֿלעמעל, זעהט זי אַזעלכע פֿאַרבען, בעוועגונגען און אַ לויפֿעריי,

ווי זי האָט דאמאָלס געזעהן. צי נעהט זי אויך תכריכים? פאַר וועמענס וועגען? צי פאַר זיך אליין?

זי וויל נישט קוקען אין פלעמעל, עס פליהען אָבער דאָך פאַר איהרע אויגען רעדער, פון וועלכע עס שפּרינגען ארויס פונקען, שאַרפע, דינע, לאַנגע, ווי די שפּיזען, ווי נאָדלען. די גאַנצע לופט איז פול מיט נאָדלען. און די נאָדלען ציהען זיך אויס און ציהען זיך איין, ווערען לאַנג און—צוריק קורץ. זיי געהען אליין.

דער קאָפּ דרעהט זיך, די אויגען שווינדלען; די פינגער טהוען אויך אביסעל וועה. נאָר נאָך מעהר, ווי זיי טהוען וועה, זענען זיי טעמפּ. זיי האָבען אויך אַ דעה! זיי זאָגען זיך אָב צו דינען! זיי ווילען גאָר נישט וויסען, אַז זיי זענען פינגער פון אַ נעהטאָרין, אויף דעם זענען זיי בעשאַפען געוואָרען, אויף דעם זענען זיי איינגעזעצט געוואָרען אין די הענד, נאָר כדי זיי זאָלען נעהען. די אויגען בונטעווען זיך אויך. זיי ווילען נישט זעהן און טהו זיי וואָס!

די נעטהאָרין הויבט אויף די הענד און מיט איהרע צובונטעוועטע פינגער רייבט זי זיך די צובונטעוועטע אויגען. אַ פיין מיטעל...

די געריבענע אויגען ווערען אויף אַ ווייַלע לעבעדיגער. פונקען, ווי פון אונטער אַש, שפּרינגען ארויס פון זיי, זיי שיסען אָבער נישט צו קיינעם, אַלע שלאָפען דאָך שוין. זיי שיסען און שפּרינגען צוריק צו די אויגען, קריכען אריין אין דער נשמה, און זיי ווערען פערוואַנדעלט אין אַ מין קולות, וועלכע רייסען זיך ארויס פון די קראַנקע לונגען, וועלכע די שווינדזוכט האָט שוין אָנגעהויבען צו לעקען מיט איהר פערגיפטעטער צונג און פון דער קעהל, וועלכע שפּירט יעדע ווייַלע אַ שרעקליכען שמערץ, ווי מען וואָלט זי געריסען מיט צוואַנגען.

דאָס מיידעל בעקלאָגט זיך: פון פריהמאָרגען ביז שפּעט בייַנאַכט ריהר איך זיך נישט פון מיין אַרבייט און וואָס, משטיינס געזאָגט, פערדיען איך? מען זאָגט, אַז אין דרויסען איז פריהלינג, נאָר וויים איך?...

איין אויג ווערט איהר פייַכט. אַ טרעהר האָט זיך פונ'ם אויג ארויסגעריסען און איז געפאַלען אויף דער לייַנוואַנד. די

האַנד האָט אָבער באַלד אָבגעווישט די טרעהר. עס איז קענטיג געוועזען, אַז די האַנד כעס'ט זיך: אויף דער לייַנוואַנד קאָן נאָך אַ פלעק בלייַבען... די העלפט פון איהר פערדינעסט וועט מען איהר נאָך אָבשלאָגען...

פלוצלונג דערזעהט זי אָבער, אַז די גאַנצע נאָהט איז קרום. ווער איז אין דעם שולדיג? די פינגער, צי די אויגען? זיי זאָגען, אַז זיי זענען נישט שולדיג. ווער דען איז אָבער שולדיג?

די נעהטאָרין בייזערט זיך אויף די הענד, אויף די אויגען און אַ מינוט שפעטער נעהט זי אָהן הענד און אָהן אויגען — אין חלום.

נישט אומזיסט.

— אפשר קובען, אָדער מעד, אביסעל וויין? — האָט ער מיך געפרעגט, צוגעהענדיג צו מיר אין באָטאַנישען גאָרטען אין לאָנדאָן, בעת מען האָט דאָרט געמאַכט א פערוויילונג פאַר די ציוניסטען, בשעת דעם פיערטען קאָנגרעס.

— א שענעם דאנק, מיין הערר. אָבער וואָס בעלעסטיגט איהר זיך אזוי? א שענעם דאנק!

ער האָט מיך אָבער ווייטער געבעטען: אפשר אביסעל קאָניאק, אייז, די היץ איז דאָך אזוי גרויס.

איך האָב גענומען און געדאַנקט. ביי די געדעקטע טישען זענען מאַסען מענשען געזעסען. איך האָב נישט געוואוסט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אזא טייך מיט שפע און ווער דער מענש איז.

— איך בין נישט קיין היגער א געבוירענער און אויך נישט פון די, וואָס זענען בעשטימט געוואָרען די געסט אויפצונעהמען — האָט ער מיר ערקלערט. — איך בין פון אייער לאַנד, פון אייער שטאָדט און איך קען אייך. חאָטש איהר קענט מיך נישט.

— גוט, זעהר גוט!

ער האָט מיר ווייטער דערצעהלט:

— ווען איך בין געוואָהר געוואָרען פון דער פערזאמלונג, פון דער פערוויילונג, האָב איך זיך געטראַכט: דאָ וועל איך דאָך געוויס טרעפען מענשען פון מיין שטאָדט. האָב איך מיט זיך מיטגעבראַכט אביסעל וויין, אביסעל מעד און אביסעל אייז.

דאָס איז געווען די ערשטע בעקאַנטשאַפט. דערנאָך האָט ער זעהר פיעל ליעבשאַפט געוויזען מיר און עטליכע פון מיינע

חברים. ער האט אונז געגעבען עסען, טרינקען — כל-טוב און דערנאך א קאטש מיט פערד. אין דער שטאדט האט ער אונז געפיהרט.

ווענען לאנדאן רעדט זיך דא, און אז מען זאגט „פיהרען אין דער שטאדט", פערשטעהט מען נאך נישט, וואס מען מיינט. מיר ווילען אויף „לאנגהאם-פלאץ", אין „קווינסהאלל".

— גוט, איך וועל אייך פיהרען אויף „לאנגהאם-פלאץ", קיין „קווינסהאלל".

מיר זיצען שוין אין דער קאטש: אדוואקאט יאשינאווסקי, פאדלישעווסקי, און, ווי עס דאכט זיך מיר, אויך דאקטאר דא-ווידזאהן. ער שטעלט אונז פאר זיין פרוי, וועלכע איז געזעסען נעגען אונז.

— האצקעל! קיין פיקאדעלע! האצקעל! רייט (רעכטס)! האצקעל! לעפט (לינקס)!

האצקעל האט געהייסען דער קוטשער, א קליין יודעלע פון מינסק. זיין גאנצע זינד — ערקלערט אונז דער פארשוין — איז געווען דאס, וואס ער האט געמאכט אביסעל בראנפען אין קעלער און דארורך האט ער געמוזט אנטלויפען קיין לאנדאן און איך האב איהם אנגענומען אלס קוטשער. ווען נישט, וואלט ער שוין לאנג געשטארבען פון הונגער.

בכן, פיהרט מען אונז צום קאנגרעס-זאל.

אויפ'ן וועג איז מיר דער פארשוין מודיע, אז ער איז קיין ציוניסט נישט. בכלל ווייס ער נישט, וואס ציוניזם איז. קיין איינ-טריטס-קארטע האט ער אויך נישט. איך זאג איהם צו, זיך משתדל צו זיין פון זיינעטוועגען, מען זאל איהם געבען קארטען, ער דאנקט מיר.

— אבער צו יעדע מינוט קאן איך אויך בעקומען א קארטע. איך וועל דארט זיין!

איידער מיר זענען געפאהרען צום קאנגרעס, זענען מיר גע-גאנגען אין קאהנ'ס רעסטאראן עסען מיטאג. דער פארשוין איז אויך געקומען דארט הין און האט מיטגעבראכט ווין. אלעס האט ער פריהער פארבערייטעט.

עס איז אין דעם מענש פערקערפּערט געוואָרען אידעלקייט און פריינעבינקייט. ער איז געלאָפען פאַר אונז ווי א שקלאַף און אונז נעשטאָפּט מיט די בעסטע מאכלים. ווען די זיצונג אויפ'ן קאָנגרעס האָט זיך געענדיגט און מיר זענען פון דאָרט אַרויסגע־גאַנגען, האָט ער שוין אויף אונז געוואַרט.

— אפשר ווילט איהר פאָהרען אין האָטעל, אָדער שפּאַצי־רען—אָט איז מיין קאָטש, מיינע פערד!

אגב האָט ער מיר דערצעהלט זיין ביאָגראַפיע. ער שטאַמט פון א אָרימער פאַמיליע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער זעהר פיעל געליטען. א מוליאַר איז ער געווען. נאָר דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען מצליח זיין. איצט איז ער זעהר רייך. ער האָט א הויז אין מערב־לאָנדאָן.

ער האָט אונז פאָרגעשלאָגען, מיר זאָלען איהם בעזוכען ביי איהם אין דערהיים און מיר האָבען זיין פאָרשלאַג אָנגענומען מיט פערגניגען. דערנאָך האָט ער אַביסעל געענדערט זיין פאָרשלאַג. נישט קיין פשוט'ע אויפנאַהמע וועט ער מאַכען, נאָר א קליינע פערזאַמלונג, אַ מיטינג און דאָרט ווען מיר קאָנען האַלטען רעדען וועגען ציוניזמוס. זעהר גוט! זעלבסטפערשטענדליך, אַז מיר זענען מסכים. מיר זענען דאָך געקומען קיין לאָנדאָן, נאָר אום צו פערשפּרייטען דעם ציוניזמוס!

אין דריטען טאָג פון קאָנגרעס האָט ער אונז שוין געבראַכט געדרוקטע איינלאַדונגען אויף דעם מיטינג. מיין נאָמען איז גע־װען נעדרוקט אויף די איינלאַדונגען מיט זעהר גרויסע אותיות, פיעל גרעסער זענען זיי געווען פון די אותיות, מיט וועלכע מען דרוקט די נעקראָלאָגען פון די פערשטאָרבענע לאָרדער פאַבריקאַנ־טען. דאָס האָט מיר אַפילו נישט געשמעקט — מען קאָן אָבער נישט אַזוי פיעל מדקדק זיין. ער איז אָבער דאָך כדאי, מיר זאָלען איהם בעזוכען.

מיר האָבען איהם בעזוכט אין זיין וואוינונג און אויך אין זיין גאָרטען. דער „מיטינג“ איז נישט אַזוי „שרעקליך“ געוועזן. עס זע־נען געוועזן געסט. איינער, א געוועזענער חזן, האָט נאָך מיין רעדע ערקלערט, אַז ער איז געוואָרען אין דער מינוט א ציוניסט. אַלעס איז זעהר שען, גוט! דער גאָרטען איז געוועזן בעלייכט מיט

רעמפלעך. אויף די שויבען איז געווען אויסגעמאָהלט „ציון" און א „מגן דוד".

אין א קלײנע, פערוואָרפענע אלעע אין דעם גאָרטען, ווען איך בין מיט איהם געווען אײנער אלײן, האט ער מיר געזאָגט, אז איצט, אויב עס וועט געגרינדעט ווערען א ציוניסטישע חברה, וועט ער צו איהר אויך געהערען.

— עס איז דאָך שוין דאָ אין לאָנדאָן פיעל ציוניסטישע חברות!

— יאָ, עס איז דאָ, איך וויל אָבער א נײע חברה!

— גוט — האָב איך געענטפערט — אויב איך וועל קאָנען צוהעלפען צו גרינדען א נײע חברה, מעגט איהר זיכער זײן, אז איך וועל צוהעלפען.

נאָך דעם באל האָט ער אונז אָבגעפיהרט, יעדען אין זײן האָטעל.

צו לאנג וואָלט עס געדויערט, ווען איך וואָלט דערצעהלט אלעס, וואָס דער פארשוין האָט פאר אונזערטוועגען געטהון. דאָס אײנע געדענק איך גוט: יעדער פון אונז האָט זיך מיטגעבראכט א פראַק. פלוצלונג איז אָבער ארויס א גזרה, אז נאָר אָווענדס זאָל מען טראָגען פראקען און בײטאָג—א רעדינגאָט! אין א משך פון פינף שטונדען האָט מען בעדארפט זיך לאָזען אויפנעהען נײע מלבושים און דאָ איז שבת־צו־נאַכטס. די מאגאזינען זענען געשלאָסען. איך האָב נישט געוואָלט, מען זאָל זאָגען, אז א יודישער ליטעראַט איז א בטלן, אָדער אז די יודישע ליטעראטור גיט נישט אויף א רעדינגאָט. דער פארשוין איז געלאָפען פון מײנעט־וועגען א גאנצע נאַכט און בעגינען האָט ער מיר געבראַכט א נײעם רעדינגאָט, וועלכער איז פריש גענעהט געוואָרען פון מײנעטוועגען.

איך האָב אָנגעהויבען קלערען, וואָס איז ער: א מענש, אָדער א מלאך?

נאָכ׳ן קאָנגרעס האָבען זיך אָנגעהויבען די מיטינגען אין לאָנדאָן. מײן פארשוין האָט מיך אומעטום געפיהרט.

אמאָל איז ער צו מיר געקומען און מיך דערמאָהנט וועגען דער נײער חברה, וואָס איך האָב איהם פערשפראָכען צו העלפען

זי גרינדען. איך האָב מיר אָנגעטהון דעם רעדינגאָט און בין מיט איהם געפאָהרען.

— חאצקעל! קיין אויסשעפעל!

פאָהרענדיג האָט ער מיר געזאָגט, אז ער האָט צו מיר א קליינע בקשה. איך האָב, זעלבסטפערשטענדליך, נאָר אויף דעם געוואַרט. ער האָט מיר אזוי פיעל טובות געטהון, זאָל איך איהם חאָטש מיט עפּעס בעלויהנען. וואָס איז די בקשה?

— אז איהר וועט האלטען א רעדע און דעם עולם מעורר זיין צו גרינדען א נייע חברה, זייט אזוי גוט און דערמאָהנט מיך אויך. זאָל מען מיך וועהלען אלס פּרעזידענט.

— דאָס, האָב איך געענטפערט, ווערענדיג אזוי מבולבל, אז איך האָב כמעט קיין פּאַסענד וואָרט נישט בעקומען — דאָס פּאַסט נישט. איך קאָן מעורר זיין בכלל וועגען דעם ציוניזמוס, אָבער זאָגען, וועמען מען זאָל וועהלען, בפרט איך, א פרעמדער...

איך האָב דערשפּירט, אז עפּעס א תהום עפענט זיך צווישען מיר און דעם פּאַרשוין.

ער האָט אָבער ווייטער געבעטען:

— איהר וועט דאָך ווּיסען, ווי צו רעדען. איך בעט אייך!

איידער איך האָב עפּעס געענטפערט, זענען מיר שוין גע-קומען צו דער פערזאַמלונג.

מיר זענען אריין אין זאַל, וועלכער איז געוועזען פול מיט מענשען. מען האָט מיך געפיהרט אויף דער בימה, אויף וועלכער עס זענען געזעסען א פּרעזעס מיט וויצע-פּרעזעסען, ווי דער מנהג איז אין ענגלאַנד. איך בין געוועזען זעהר איבערראַשט. איך האָב געשפּירט, אז הינטער מיר שטעהט מיין פּאַרשוין און ער איז טאַקי געשטאַנען. ער האָט מיר איינגערוימט אין אויער.

— פערגעסט נאָר נישט!

ווען איך האָב געהאַלטען מיין רעדע, האָב איך דערשפּירט „אימתא דצבורא". קיינמאָל האָב איך די אימה נישט געשפּירט, נאָר דאַמאָלס. עפּעס האָב איך געשפּירט, ווי מען וואָלט מיר געבונדען די הענד מיט די פיס. אין סוף פון מיין רעדע האָב איך געשטאַמעלט: אן דער שפּיץ פון דער חברה דאַרף מען שטע-לען מענשען, וואָס ווילען אַרבייטען. אונגערן האָב איך די אוי-

גען אויפגעהויבען און האב דערשפירט, ווי צוויי גרויסע אויגען, ווי די אויגען פון א לאקאמאטיוו, שטעכען מיך. דאס זענען געווען די אויגען פון דעם פארשוין, וואס איז געשטאנען נעגען מיר. איך האב ווייטער געשטאמעלט: דאס איז נישט קיין פראגע פון כבוד, נאר פון ארבייט. צו זיין א פרעזעס אין א חברה הייסט: צו ארבייטען. אט איז דער הערר! איך וויל נישט זאגען, איהר זאלט מיין דעה אננעהמען, נאר עס דאכט זיך מיר, אז ער וועט אייך טריי דינען.

מען האט אפלאדירט, אבער אין הארצען האב איך פערשטאנען, אז נאר מחמת טאקט אפלאדירט מען.

דערנאך זענען פארגעקומען וואהלען. מיין פארשוין איז נישט געוועהלט געווארען.

אין דערזעלבער מינוט איז מיין פארשוין נעלם געווארען. אין מיין האטעל בין איך איינער אליין צוריקגעפאהרען. ער האט פערשפראכען נאך פיעל מאל צו קומען. נאך פיעל זאכען האט ער פערשפראכען צו טהון פון מיינעטוועגען. איך האב איהם אבער ע ה ר נישט געזעהן.



„בעריל פופעק".

א געוויסער רב איז אין זיין קהלה געוועזען פערפיינדט צוליעב דריי זאכען: 1) ער איז געוועזען א ליטוואק; 2) ער איז קיין חסיד נישט געוועזען; 3) ער האט געטראגען לאנגע האר און גערעדט אביסעל „יונית". אז אזוי, איז דאך א מצוה איהם צו רודפ'ן. פייערדיגע חסידים האבען צו איהם גערעדט „ברייט", ווי שקצים, פריי. פאנאטיקער האבען געשריבען אדער זיך געלאזט שרייבען אויף איהם מלשינות'ן צום גובערנאטאר. יונגע-לייט, לומדים, האבען איהם „געחאפט" מיט שאלות; זיי האבען איהם אונטערנעשיקט הארבע שאלות און ווי דער רב האט גע'פסק'ענט, האבען זיי דערוויזען, אז דער רב האט געהאט א טעות.

צווישען די יונגע-לייט איז געוועזען דער חשוב'סטער—בעריל. ער איז אפילו שוין נישט אזוי יונג געוועזען, דאך האט מען איהם געהאלטען פאר א יונגען-מאן. אנ'ערך צוואנציג יאהר האט ער געגעסען קעסט ביים שווער און געפיהרט א ישיבה, נישט נעהמענדיג קיין בעלויהנונג. ער איז געוועזען א חסיד'ישער איידעם, האט געהאט א גרויסען נדן, איז געוועזען א גרויסער חשוב ביים רבי'ן, א גרויסער מופלג און א שטיקעל עזות-פנים איז ער אויך געוועזען. א היתר הוראה האט ער שוין לאנג געהאט, נאר צו ווערען א רב האט ער זיך נישט געאיילט. דערפאר האט ער זיך

אָבער געהאַלטען פאַר אַ רב און אין שטיבעל האָט ער געטײַלט פּסק כדבעי.

דאַמאָלס האָט מען איהם נאָך גערופען בעריל ר' שלמה פרענקעלס. דערנאָך האָט מען איהם גערופען בלויז בעריל. דער תכשיט פון דער שטאָדט איז ער געװעזען און, זעלבסטפערשטענדליך, דעם רב'ס געפּעהרליכסטער געגנער.

נישט װײַט פון דער שטאָדט האָט געװאױנט אַנ'אַלטער רבי, נישט אַ רב, נאָר אַ רבי, דער טשעכאַנאָװער רבי, װעלכער איז באמת װערט געװעזען דעם נאָמען „צדיק". איצט בין איך אָבער נישט אויסען צו דערצעהלען װעגען זײַן צדקות, נאָר זײַן חכמה.

אין זײַנע יונגע יאָהרען איז ער נישט געװעזען קײן רבי, נאָר אַ רב, װי אַלע רבנים, אַ פעהיגער און אַ גרויסער מתמיד. עס פערשטעהט זיך, אַז װען אײנער לערנט פופציג יאָהר, איז אַ חריף, האָט אַ זכרון און איז אָבגעהיטען פון „הבלי העולם הזה", װערט ער ממילא אַ גאון. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם, אום ברכות פון איהם צו נעהמען. ער האָט פראָטעס־טירט, מען האָט איהם אָבער מיט געװאַלד געמאַכט פאַר אַ רבי'ן. נאָר אין אמת'ן איז ער געבליבען אַ רב, אַנ'אַלטער גאון.

דער שטײַגער פון'ם טשעכאַנאָװער איז געװעזען שלום צו מאַ־כען צװישען די קהלות און די רבנים. פערהײַליגט האָבען איהם אַלע, סײַ חסידים, סײַ מתנגדים, אַ גאון, אַ זקן, אַנ'אמת'ער צדיק— און װער האָט געקענט איהם עפּעס געקאָנט האָבען?

טשעכאַנאָװ איז, אַלזאָ, געװעזען אַ „בית־דין הגדול" בײַ מחלוקת צװישען רבנים און קהלות.

נאָך אײדער די צדדים זענען געקומען, האָט דער רבי שוין געװאוסט, אַז דער ליטװישער רב װערט פערפאָלגט, װײַל ער איז אַ ליטװאַק און אַ מתנגד. מעהר אָדער װעניגער האָט ער געװאוסט, װי די זאַך בעשטעהט, און דער „דין תורה" איז געװעזען נאָר צו־ליעב אָרדנונג.

די שטאָדט האָט זיך געװעהלט „טוענים". דאָכט זיך, צעהן „טוענים". אײנער פון זײ, פערשטעהט זיך, איז געװעזען בעריל. דער רב איז געקומען אַלײן, אָהן שום טוען.

דער טשעכאַנאָװער, אַנ'אַלטער, אַכציג־יעהריגער יוד, נאָר

פריש און געזונד איז ער נאָך געווען. ער האָט נעגעבען שלום די „צדדים", וועלכע זענען געשטאַנען פאַר איהם מיט שרעק. די, וואָס זענען אין זייערע שטעדט געווען אזוי פעסט, אזוי עזות'דיג, זענען דאָ, פאַר דעם טשעכאָנאָווער, געשטאַנען מיט מורא. ער האָט יעדען געזאָגט „דו", יעדען, אויסער רבנים. דעם רב האָט ער מיט'ן פינגער געוויזען, ער זאָל זיך זעצען און די טוענים זענען זיך געשטאַנען אין א ווינקעלע.

דער טשעכאָנאָווער האָט דאַן געפרעגט:

— וואָס פאַר טענות האָט איהר?

תנחום ר' שמעלקעס, א דאָזאָר, האָט געזאָגט:

— שוין צוויי יאָהר איז דער דאַך אין שוהל פול מיט לעכער, עס רעגענט אַריין אין שוהל און דער רב לאָזט איהם נישט פערריכטען. איך מיין, אז א רב איז מחויב אכטונג צו געבען אויף דער שוהל...

דער טשעכאָנאָווער האָט זיך געווענדעט צום רב:

— וואָס האָט איהר אויף דעם צו ענטפערן?

דער רב האָט געגעבען א קורצע תשובה:

— שוין צעהן מאָל האָב איך דעם עולם מעורר געווען אין מיינע דרשות, און מען פאָלגט מיך נישט. איך קאָן דאָך נישט אליין פעררירכטען דעם דאַך!

דער טשעכאָנאָווער האָט אויך קורץ געזאָגט:

— וואָס ווילט איהר? דער רב קאָן דאָך טאַקי מעהר נישט טהון, ווי מעורר זיין. וואָס נאָך האָט איהר צו איהם?

הלל נחמן ליקאָווער האָט זיך אָנגערופען:

— רבי, די מקוה גיבען מיר אָב געוועהנליך אין אַרענדע אויף דריי יאָהר. פאַר צוויי יאָהר האָבען אָבער די אַרענדאַטען געפיהרט צווישען זיך א קאַמפף און האָבען די מקוה נישט גענומען אין אַרענדע. זי איז, אלזאָ, געבליבען אונטער דער השגחה פון קהל און זי גיט קיין הכנסה נישט.

דער רב האָט אָבער געענטפערט:

— איך האָב שוין עטליכע מאָל געשיקט נאָך די אַרענדאַטען און זיי זענען נישט געקומען.

— וואָס נאָך האָט איהר צו איהם? — האָט דער טשע-כאָנאָווער געפרעגט.

עפּעס אַנ'אַלטער מאַן האָט געשטאַמעלט:

— דער רב האָט מעביר געווען דעם שוחט שלמה ליב. אמת טאַקי, שלמה ליב איז קיין יונגערמאַן נישט. ער האָט אָבער נאָך אַ פעסטע האַנד און ער קאָן ברענגען כתבים פון רבנים, אַז ער מעג שעכטען.

דער טשעכאָנאָווער האָט אָבער געענטפערט:

— בּיי אייך איז דער רב אַ מרא דאתרא, נישט אַנ'אַנדערער אַז ער האָט מעביר געווען דעם שוחט, ווייסט ער אַ ודאי, וואָס ער טהוט.

דער רב האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — עס איז נישט קיין תענוג מעביר צו זיין אַ שוחט. די הענד ציטערן איהם דאָך!

דער טשעכאָנאָווער האָט געזאָגט מיט פערדרוס:

— חוץ די נאַרישע טענות האָט איהר צו איהם שוין גאָר-נישט?

דאַן האָט זיך אונזער בעריל אַרויסגערוקט. דאָ האָט מען גאַרנישט דערקאַנט, אַז ער איז אַנ'עזות-פּנים. קוים וואָס ער האָט גערעדט, די ציינער האָבען איהם געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע און די פּיס האָבען הינטער איהם געציטערט.

— וואָס האָסטו צו זאָגען, יונגערמאַן? — האָט דער טשע-כאָנאָווער גאָון געפרעגט.

בעריל האָט אָנגעהויבען:

— בּיי שמעריל דעם קרעמער איז געווען אַ שאלה. שמעריל איז מיינס אַ בעקאַנטער. בּיי איהם איז געווען אַ שאלה. יאָ, יאָ, מען האָט געשאָכטען אַ היהנדעל אויף שבת. און פּופּעק איז גע-ווען אַ נאָדעל. די דינסט איז געגאַנגען צום רב פרעגען אַ שאלה. דער רב האָט געזאָגט: כשר. שמעריל האָט דערנאָך די דינסט מיט'ן פּופּעק געשיקט צו מיר. איך האָב מעיין געווען אין דער זאַך. עס איז אַ ספק, צי יאָ „ניקב”, צי נישט „ניקב”. „מוגלא” האָט מען געזעהן. איך ווייס זיכער, אַז עס איז געווען „מוגלא”. מען האָט זי נישט גוט דערקאַנט. דער רב האָט אַ ודאי אויך נישט

דערקאָנט. איך, איך, איך, האָב געפונען „מוגלא". איז דאָך אַ „תרתי לריעותא". דער „באר היטב", די „שאלות ותשובות"...

דער טשעכאָנאָווער האָט איהם איבערגעהאַקט די ווערטער.

— שוין — האָט ער געזאָגט — איך ווייס שוין.

ער האָט זיך נאָך אַמאָל געווענדעט צו דעם עולם און גע-פרעגט:

— וואָס האָט איהר נאָך געגען דעם רב?

עס האָט זיך אויפגעכאַפּט דער געלער הענאך, אַ גרויסער עזות-פנים, אַ ביסעל אַ מעקלער און אַ ביסעל אַ שדכן.

— אַ רב מוז זיך פיהרען חסיד'יש! — האָט ער געזאָגט — ביי אונז איז אַ חסיד'ישע שטאָדט!

דער טשעכאָנאָווער האָט געשריען:

— דרך-ארץ, שגץ! דרך-ארץ פאַר אַ רב!

דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדעט צום עולם:

— די אַלע טענות זענען גאָרנישט. נאָר דו, יונגערמאַן מיט'ן פופעק, דערצעהל מיר נאָר נאָך אַמאָל.

אַ קאַלטער שווייס איז אַרויסגעטרעטען אויף בעריל'ס שטערן. ער האָט אָבער געמוזט נאָך אַמאָל דערצעהלען:

— ביי שמערל דעם קרעמער... „תרתי לריעותא"... „מוגלא", און „שאלות ותשובות"...

דער טשעכאָנאָווער האָט איהם ווידער איבערגעהאַקט:

— גענוג. איך ווייס שוין!

און ווידער האָט ער געפרעגט דעם עולם, צי מען האָט נישט נאָך אַנדערע טענות.

מען האָט עפּעס אָנגעהויבען דערצעהלען, אַז דער רב פאָהרט אָפּט אין דער גובערניע-שטאָדט.

— ער פאָהרט — האָט דער רב געענטפערט — מן-הסתם דאַרף ער פאָהרען. דאָס איז קיין טענה נישט. נאָר דו, יונגער-מאַן מיט'ן פופעק: דערצעהל נאָר די מעשה:

בעריל האָט ווידער געמוזט צוגעהן צום רבי'ן און אָנהויבען צו דערצעהלען די מעשה. דער טשעכאָנאָווער האָט איהם ווידער איבערגעהאַקט די ווערטער:

— איך ווייס שוין!

דער טשעכאָנאָוועָר האָט איהם אַזוי גערופען אפשר צעהן מאָל. דערנאָך האָט ער צו איהם שוין נישט געזאָגט: „יונגער־מאַן, דערצעהל מיר די מעשה מיט'ן פופעק", נאָר פשוט: „פופעק, קום נאָר"... און בעריל האָט געמוזט געהן דערצעהלען.

אָנשטאָט האַלטען אַ וכוח מיט בערל'ען — דאָס האָט דאָך פאַר דעם טשעכאָנאָוועָר נישט געפּאַסט — האָט ער איהם צו שפּאָט געמאַכט.

דער רב אין שטעדטיל איז געבליבען אויף זיין שטעל נאָך עטליכע יאָהר און בעריל האָט פון דאַמאָלס אָן געהייסען: בעריל פופעק. אַז דער טשעכאָנאָוועָר אַליין האָט איהם אַזוי גערופען!..

יענטע די גבאי'טעס איניקעל.

יענטע די גבאי'טע האב איך געקענט. עס דאכט זיך מיר, אז איך זעה זי נאך איצט מיט איהר ווייסען טשיפעק, מיט איהרע טויבען-אויגען און עפעס א משונה'דיגען שטעקען, אן וועלכען זי האט זיך אנגעשפארט געהענדיג. איך געדענק, ווי זי איז שטענדיג געגאנגען פון שטוב צו שטוב, פון קראם צו קראם. די גאנצע שטאדט האט זי אויף איהר קאפ געטראגען. פאר „בכבוד'ע ארימע לייט" האט זי שטענדיג צונויפגעקליבען געלד. שטענדיג האט זי געהאט סודות. שטענדיג האט זי געוואוסט, אז מענשען, וואס מען האט זיי נאך געהאלטען פאר „עשירים", וואס האבען נאך געהאט קראמען, זענען שוין ארימע-לייט און זי האט שוין פאר זיי געקליבען נדבות. אויסער „ארימע בכבוד'ע" האט זי אבער נאך בעשעפטיגונגען געהאט. הכנסת-כלה איז אויך איהר טעגליך ברויט געוועזען. טייל מאל האט זי אויך עוסק געוועזען אין „סעזאן-זאכען": „מעות חטים" פאר פסח, נאך סוכות — מילי־טערס-ענינים. ווינטער האט זי געארבייט אויף צדקה, סוף זומער האט זי מעהר געארבייט אין פרומקייט, עס איז דאך אלול, ימים נוראים.

איך האב געקענט אויך איהר טאכטער דבורה, אדער ווי מען האט זי גערופען: „פרוי גאלדמאן". יענטע די גבאי'טע האט חתונה געמאכט איהר טאכטער מיט א רייכען פערד-הענדלער, וועלכער האט זיך אן איהר געקויפט יחוס. תנחום — אזוי האט דער מחותן געהייסען — איז פריהער געוועזען א בעל-עגלה און דערנאך איז ער געווארען א פערד-הענדלער. זיין זוהן הירש-חיים

איז געווען א ביסעל איידעלער. ער איז געבוירען געוואָרען, ווען זיין פאָטער איז שוין געווען א פערד-הענדלער און ער האָט שוין נישט געדענקט, ווען זיין פאָטער איז געווען א בעל-עגלה. ערצויגען איז ער געוואָרען, ווי א בעל-בתי'ש קינד און נאָך דער חתונה איז ער געוואָרען א לעדער-הענדלער. אין געשעפט האָט ער געהאָט הצלחה און איז געוואָרען א בעל-הבית. דבורה איז געוואָרען „מאַדאַם גאָלדמאַן" און האָט געפירט א הויז, ווי א נגידית'טע אין א קליין שטעדטיל, מיט מעבעל, דיוואַנעס, פיאַנאָ, לעדערס, נסיעות קיין אויסלאַנד. א ביסעל צדיקית'טע איז דבורה אויך געווען, נאָר נישט אזא אויפטהוערין ווי איהר מוטער יענטע. אין א נייע אויסגאַבע, א אויסגעבעסערטע, אָדער „פערדאָרבענע", איז יענטע די גבאי'טע מגולגל געוואָרען אין איהר אייניקעל בערטע.

ווען איך קוק אויף בערטע'ן, זעה איך פאַר זיך יענטע'ס פנים. די אויגען זענען נישט אזוי גוט, נאָר פיעל רחמנות ליגט אין זיי אויך. זי, בערטע, האָט אויך שטענדיג סודות. זי ווייס נישט פאָראויס, ווער עס האַלט ביי אָרים ווערען, דערפאַר איז זי אָבער עוסק אין ענינים פון אָרימע לייט בכלל. זי שלעפט זיך נישט אויף א שטעקען פון שטוב צו שטוב און קראָם צו קראָם, דערפאַר געהט זי אין אַזעלכע ערטער, וואו איהר באָבע האָט איהר פוס נישט געשטעלט. בערטע, דבורה'ס טאָכטער און יענטע'ס אייניקעל, איז אַנ'אייראָפעאישע טהוערין. אין גאַנץ אייראָפא איז איהר אויך צו-ענג. יענטע'ס אייניקעל קען בשום אופן נישט דערליידען די עולה, וואָס געשיהט פרויען דערמיט, וואָס זיי האָבען נישט אַלע רעכט, וואָס מענער האָבען. הירש-חיים'ס און דבורה'ס טאָכטער ווערט געוואָהר, אז די אונגאַרען אנערקענען נישט די נאַציאָנאַלע רעכט פון די סלאָוואַקען, לויפט זי קיין אונגאַרן. עטליכע חדשים דערנאָך שיצט זי שוין די ס'אָוואַקען. א גאַריבאַלדי אין א פאַרטוך! תנחום דעם בעל-עגלה'ס אייניקעל הערט, אַז אין סיציליען ליידען די אַרבייטער פון די שוועבעל-גרובען — איז זי שוין אין סיציליען, רעדט, אַרבייט, טהוט. אין די נסיעות איהרע שטעקט א ביסעל דאָס בעל-עגלה'שקייט פון איהר זיידען חיים-הירש און די געשווינדקייט פון איהר באָבע יענטע.

יענטע, עליה השלום, האָט זיך נישט געפּוצט, נאָר גאָר אָבגעלאָזען אין קליידונג איז זי אויך נישט געווען. בערטע פּוצט זיך נישט. אדרבה, דאָס אָבגעלאָזענקייט איז ביי איהר אַ מין ציערונג. זי פֿאָהרט מיט איהר שלומפּער פֿון אונגאַרן קיין סיציליען און פֿון סיציליען קיין בעלגיען. אומעטום איז זי אין דער מיטען. איז זי ביי סלאָוואַקען, דערהיצט זי זיך נאָך מעהר פֿון די סלאָוואַקען, איז זי אין סיציליען, שפּירט קיינער נישט די ליידען פֿון סיציליען, ווי זי.

אַמאָל וויל איך אַראָבבויגען דעם קאָפּ פֿאַר איהר, פֿאַר דעם פֿערקערפּערטען גועניע פֿון דעם יוד, וואָס האָט נישט קיין לאַנד און שוועבט איבער אַלע פֿעלקער און שיצט זיי. אַמאָל פֿערהייליג איך איהר נאָמען, איהר אָנדענקען. אַמאָל ווער איך בעגייסטערט פֿון די נסיעות איהרע, פֿון איהר איידעלקייט, פֿון איהר רחמנות. אַמאָל וויל איך אָבער צוגעהן צו איהר און הויך שרייען אין איהרע אויערן אַריין: „יענטע'ס איינִיקעל! האָסט דו דען שוין גאָרנישט צו טהון אין דיין שטעדטיל? געה זיך נאָר איבער פֿון שטוב צו שטוב און פֿון קראָם צו קראָם, וועסטו דאָרט אויך האָבען פֿיעל צו טהון! צו וואָס לויפֿסטו פֿון סיציליען קיין אונגאַרן?

איך דערמאָהן זיך אין איהר באָבע יענטע און פֿערגלייך מיר ביידע: יענטע האָט גערעדט פּשוט, ווי אַלע אין שטאָדט האָבען גערעדט, און זי, בערטע, איהר איינִיקעל, רעדט—רבונו של עולם! — פֿערברענט קען מען ווערען פֿון איהר רעדען. עפּעס אַ סטיל האָט זי מיט עפּעס נעמען, שטאַנדפּונקטען, אַנזיכטס־פּונקטען, די גרעסטע פֿילאָזאָפֿען זענען געגען איהר רעדען בלאָטע! אַמאָל געפֿעלט דאָס מיר, אַנ'אַנדערש מאָל רוימט מיר עפּעס אין אויער אַריין: דאָס איז דאָך נאָר האַלב־אינטעליגענט, אַ האַטענטאָט, אַ באָרוועסער אין אַ פֿראַק!...

און איך דערמאָהן זיך: יענטע איז געווען פּשוט אַ גוטע יודישע פֿרוי. וויפֿיעל זי האָט פֿערדיענט, האָט זי אַוועקגעגעבען אָרימע־לייט, וויפֿיעל זי האָט צונויפֿגעקליבען, האָט זי פֿונאַנדער־געטיילט; זי איז זיך געווען אַ פּשוט'ער, נאַטירליכער טיפּ, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון בעדינגונגען, וואָס האָבען זיך ענטווי־

קעלט לויט זייער ארט. בערטע איז אבער שוין גאר אנ'אנדערער טיפ. זי איז דעם לעדער־סוחר'ס, חיים־הירש גאלדמאנ'ס א טאכטער. ער האט א פערמעגען און אמאל וועט זי דאך ירש'ענען האטש א טייל פון דעם פערמעגען. צי וועט זי אויך פונאנדערטיילען, ווי איהר באבע האט געפלעגט פונאנדערצוטיילען, אהן שום אנזיכטס־פונקטען, שטאנדפונקטען און גרויסע טעאריעס?

איך מאך זיך אבער אליין פארווירפע פאר דער פראגע. ווי נאאיוו איז זי! איז דען מעגליך, אז עס זאל עפעס בלייבען אהן שום ענדערונג? איז דען מעגליך, אז א טיפ פון א גבאי'טע מיט א קליין שטעדטיל זאלען אלע מאל בלייבען אין דערזעלבער צורה? בערטע איז א אויסגעפיינטער טיפ, וועלכער שטימט מיט די נייצייטיגע בעדערפנישען. היינט דארף מען שוין נישט געהן פון שטוב צו שטוב, פון קראם צו קראם, אום צו קלויבען נדבות פאר ארימע־לייט. די בעגריפען וועגען צדקה, וועגען נדבות, וועגען ארימע-לייט, זענען געענדערט געווארען. עס איז נישט פערהאנען קיין צדקה, נאר א חוב; עס איז נישט פערהאנען קיין ארימע־לייט, נאר ארבייטער. איצט דארף מען גארנישט, אז יעדער זאל ווירקען אין זיין שטעדטיל. ווירקען דארף מען אויף דער גאנצער וועלט. די היינטיגע מיטלען זענען נישט גלייך צו די מיטלען פון יענע נארישע יאהרען.

איך שטעל אבער איין בעדינגונג. סיציליען, אונגארן און אלע ווייטע לענדער, זיין אזוי גוט און שיקט קיין שניפישאק אייערע בערטעס, אנשטאט דער בערטע, וועלכע איהר האט גענומען פון שניפישאק. די גבאי'טע יענטע איז שוין לאנג געשטארבען, און אז איהר איניקעל בערטע וועט זיך ארומשלעפען אין די הויכע ערטער, וואס וועט ווערען פון שניפישאק?

סיציליען און אונגארן קומט אבער גאר נישט אויף די געדאנקען צו שיקען קיין שניפישאק זייערע בערטעס. זיי האבען זיך זייערע יענטעס מיט זייערע איניקלעך. דארט ווערט אויך דער טיפ אויסגעבעסערט, אויסגעפיינערט, ער איז אבער א פארטזעצונג פון דעם פריהעריגען, א נאטירליכע פארטזעצונג, און דער טיפ פון יענטע'ס איניקעל איז—לאס, איבערטריבען, לעכערליך... עפעס ציהט מיך אנצוחאפען בערטע'ן און איהר צו זאגען: יענטע, דבורה,

בערטע, צו וואָס לויפסט דו מיט דיין שלומפער, מיט אזא גרויס התלהבות פון איין לאנד אין אנדערן? וואָס שפרינגסטו אזוי צוריק, ווען איך זאָג דיר, אז דו ביזט יענטע'ס אייניקעל? פאר א חרפה האלסטו דיר דאָס? וואָס? נישט קיין יודישע טאָכטער ביזטו, נאָר א טאָכטער פון דער גאנצער וועלט? דו האָסט אָבער א גרויסען טעות! אפילו דער טשיפעק פון דיין באָבע יענטע און איהרע תחנות זענען נישט געווען אזוי יודיש, ווי דיין אריינ־מישען זיך אין יעדער זאך, דיין שפרינגען, דיין לויפען פון שניפּ־שאָק קיין סיציליען און פון אלטען, יודישען דור, צו א דור, וואָס איז נאָך נישט בעשאפען געוואָרען!...

אפשר ביזטו א העכערע פערזענליכקייט? אפשר זענען די טעכטער פון אונגארן און סיציליען נאָך נישט פעהיג צו אזא מיסיאָן און דו מוזט קומען זיי וועקען, ארבייטען פאר זייער פרייהייט, זיך אננעהמען זייערע עולות? שניפּישאָק — אויך מיר א זאך! זאָלען די אָרימע־לייט שטארבען פון הונגער, זאָלען די מיידלעך זיצען ביז'ן גרויען צאָפּ, זאָלען די „אָרים־בכבוד'ע" ליידען — וואָס אינטערעסירט דאָס יענטע'ס אייניקעל? די סלאָוואקען ווערען געדריקט פון די אונגארען, די שוועבעל־גראָבער נעהמען נישט קיין געהעריגען לויהן! געוואלד! אוי, יענטע די גבאי'טעס אייניקעל!

איזידאָר בריינעלעס איז נישט מסכים.

פֿאָהרענדיג פֿון מאַריענבאַד קיין פּראַג, האָב איך אָנגעטראָפֿען אין וואַגאָן מיינעם אַ אַלטען בעקאַנטען, הערר מאַטיי פּראָהאַזקאַ. ער רעדט אין ווין אויך נישט אויף קיין אַנדער שפּראַך, אויסער בעהמיש. מיט מיר איז ער בעקאַנט געוואָרען אין אַ זומער-אָוועגד אין „וואָרשטעלפּראַטער", נעבען דער גרויסער ווינדמיהל, הערענדיג מיך רעדען אויף אַ סלאַווישער שפּראַכע. איך האָב איהם באַלד געזאָגט, אַז איך בין אַ יוד און דאָך האָט ער זיך פֿון מיר נישט אָפּגערוקט. איהם איז אַלץ איינס — אַ יוד, אַ קריסט, אַ מוסולמאַנער, איך בין איהם געפֿעלען געוואָרען! פֿון דאַמאָלס אָן האָב איך איהם פֿיעל מאָל געזעהן אין ווין און אויך אין בעהמען. דאָרט, אין בעהמען, איז ער מיר זעהר צונוץ געקומען. ביי יעדער באַהן-סטאַציע, ביי יעדען דאָרף האָט ער מיר ערקלערט, וועלכע גובערניע איז ריין בעהמיש, וועלכע איז געמישט און וועלכע איז אין גאַנצען אַ דייטשע. זיין בעשעפֿטיגונג איז געווען אין אַ האָטעל. אַמאָל האָט ער אַליין געהאַלטען אַ האָטעל. ווען ער איז נישט אימשטאַנד געווען אַליין צו האַלטען דעם האָטעל, איז ער געווען אַ אויפֿזעהער אין האָטעל. אין ווין איז ער געווען אַ האַנדעלס-אַגענט און אַ קאָמיסיאָנער. פֿיעל יאָהרען האָט ער געוואוינט אין עגר, וואו ער האָט זיך בעמיהט צו פֿערפֿלאַנצען די בעהמישע שפּראַך. ווען ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דער שטאָדט עגר, האָט ער זיך געבלאָזען, איז רויט געוואָרען און האָט שוועבעל און פעך געוואָרפֿען. ווי עס ווייזט אויס, געדענקט ער גוט די דייטשען אין עגר. מיט זיי קאָן מען גאָרנישט מאַכען, נאָר אויסקוילען מוז מען זיי אַלע! אַ מצוה זיי אַלע אויס-

צוקוילען! — אזוי האָט ער פֿיעל מאָל איבּערגע'חזר'ט און דערביי האָט ער געעפֿענט די פֿויסט און געמאַכט מיט די פֿינגער, ווי ער וואָלט געקוילעט. איידער ער האָט געהאַלטען אַ האָטעל, איז ער געוועזען אַנ'אויפֿזעהער און איידער ער איז געוועזען אַ אויפֿזעהער, איז ער געוועזען אַ קעלנער און ער האָט אָפּט געפּלעגט זעהן, ווי מען קוילעט עופֿות, אָבּדרעהענדיג פֿון זיי די קעפּ, ווי מען קוילעט קליינע חזיר'לעך, און פֿון דאַמאַלס אָן האָט ער געקאָנט די האַנד-בּעוועגונג בּיים קוילען. מאַטיי פּראָהאַזקאַ איז אויך נישט געוועזען קיין נזיר. זיינע אויגען זענען שטענדיג געוועזען פֿייכט; דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ בּיסעל שכּור.

פֿאָהרענדיג פֿאַר דער באַהן-סטאַציע דרעווניצאַ, האָט ער אָנגעהויבּען רעדען „פֿאַר פֿייער, פֿאַר וואַסער". זיין דיקע, רויטע נאָז, איז נאָך מעהר דיק געוואָרען און די נאָז-לעכער האָבּען זיך געשאָקעלט, ווי אַ לונג און לעבּער. איך האָבּ איהם געפֿרעגט, וואָס ער איז אַזוי געוואָרען אין כּעס און ער האָט מיר געוויזען פֿון ווייטענס, אַז אַרום דעם דאָך פֿון ראַטהויז איז אַ געלענדער. אַ סימן, אַז מען בּויט אָדער פֿערריכט דאָרט עפּעס.

— וואָס איז דאָרט געשעהן?

— שוין דריי יאָהר פֿערריכט מען! — ענטפֿערט מאַטיי פּראָהאַזקאַ מיט כּעס — די גאַל קען פּלאַצען, זעהענדיג, ווי אָבּגעלאָזען עס איז אַלעס אין דער שטאָדט. די שולען זענען פֿערמאַכט, קיין טראַמוויי בּויט מען נישט. די דייטשען דערלאָזען נישט די בּעהמער, די בּעהמער — די דייטשען, און דאָס ראַטהויז איז אַ חורבה. דאָס איז אַ געמישטע געגענד. מען קען נישט מאַכען די דייטשען פֿאַר בּעהמער. אין פּראַהאַ (פּראָג), ווען איך וואָלט נאָר געקענט, וואָלט איך אַ סוף געמאַכט מיט אַלע דייטשען. אָבּער דאָ, דאָ וואוינען זיי שוין הונדערטער יאָהרען, זיי האָבּען פֿעלדער, גערטנער. עס איז טאַקי נישט אַנגענעהם, דאָך האָט מען געמוזט מיט זיי מאַכען שלום. זאָל זיי דער טייוועל נעהמען!

— צו דעם בּין איך שטענדיג מסכּים — האָבּ איך איהם געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— איהר זענט מסכּים — האָט ער מיר געענטפֿערט מיט

איראָניע—אָבער איזידאָר ברייגעלעס, הערר איזידאָר ברייגעלעס איז נישט מסכים, אייער ברייגעלעס!

מיין ברייגעלעס! איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין קרוב, וואָס האָט געהייסען ברייגעלעס, און דאָך האָט מיר דער נאָמען עפּעס היימיש געקלונגען.

— ברייגעלעס דער „כשר־רעסטאָראַטאָר" פון פראַנצענס־באַד! — האָט מיר הערר פּראָהאַזקאַ צוגעהאָלפען זיך דערמאָהנען, ווער ברייגעלעס איז.

איך האָב זיך דערמאָהנט אָן דעם דאָזיגען יוד מיט דער לאַנגער נאָז, וועלכער האָט ביי אונז „די הויט געריסען" פאַר זיין „כשר". אָבער וואָס אינטערעסירט איהם דער דאָך פון דעם ראַטהויז אין דרעוווניצא?

— נישט ער — האָט מיר פּראָהאַזקאַ ערקלערט — נאָר זיין זוהן. מען רופט איהם איזידאָר ברייגעלעס. אלץ איינס וועלכער ברייגעלעס. ער איז אויך אַזוי דאַר און איינגעבויגען, ווי זיין פאָטער, נאָר ער איז אַ „גרעסערער הערר". ער האָט געלערנט אין אַ שולע, רעדט הויך דייטש, נעהמט דער טייוועל איהם מיט זיין דייטש. עס פעהלען אונז דייטשען אין בעהמען? מוז נאָך קומען דעם „כשר־רעסטאָראַטאָרס" זוהן פון פראַנצענסבאַד און זיך מישען אין אונזערע אינטערעסען! מישען מיר זיך דען אין זיין כשר פליישׁ? צי קוקען מיר איהם אין זיינע טעפּ אַריין?

— וואָס טהוט ער דאָ? — האָב איך איהם געפרעגט.

— וואָס ער טהוט דאָ? אויך אַ פראַגע. דער טייוועל ווייס, וואָס ער טהוט. אַן אַדוואָקאַט, אַ געהילף־אַדוואָקאַט, אַ נאָ־טאַריוס—איך קען דעם פויגעל! איך בין געווען פיעל מאָל אין דרעוווניצא, פיעל מאָל בין איך געווען אויף זיצונגען, די פּאַרטייען זענען שוין מיעד געוואָרען צו קעמפּפען, די דייטשען זענען שוין גרייט געווען מיט אונז שלום צו שליסען און אַלעס וואָלט געוואָרען אין אָרדנונג. מען וואָלט פּעררינבט דאָס ראַטהויז, געעפענט די שולען. קומט אָבער דעם „כשר'ס זוהן" פון פראַנצענסבאַד און קען נישט מסכים זיין! ער האַלט שטענדיג גרויסע רעדען, ער רעדט אַזאַ הויך דייטש, אַז אפילו דייטשען קענען נישט פער־

שטעהן, וואָס ער רעדט. דאָס איז עפּעס אַ כּשר דײַטש, ווי די מאכלים, וואָס זײַן פאָטער פערקויפט.

— איהר ווײַסט דאָך — זאָגט ער ווײַטער — אַז איך בין נישט קײַן „אַנטיסימיט", האָב איך דען עפּעס געגען אײַך? איהר זענט דאָך אַ יוד! איהר זענט אַ יוד און ער איז אויך אַ יוד. איהר זענט אַ יוד, ווי איך בין אַ בעהמע. איך האָב רעכט צו זײַן אַ בעהמע און איהר האָט רעכט צו זײַן אַ יוד. ער איז אָבער, דער טײַוועל ווײַס—אַ „קולטור-טרעגער", אַ פּאַטריאָט — אַלע דײַטשען האָבען שוין מסכּים געווען אויף שלום און ער קען נישט מסכּים זײַן! דאָס איז פּשוט אַ קאָמעדיע, אַ מיאוס'ע קאָמעדיע!

— און די דײַטשען פאָלגען איהם און ליעבען איהם? — האָב איך געפרעגט.

— קײַן דרײַ פעניג גיב איך נישט פאַר זײַער ליעבע. חניפה און שקר! צווישען זיך רעדען זײ אויף דעם „יוד" און וואָלטען איהם גערן אין לעפעל וואַסער דערטרונקען. זײ לאַכען און כּעס'ן זיך אינאײנעם, ווען דער דאָרער, אײַנגעבוירענער יוד, פון וועלכען מען שפירט „כּשר", בלאָזט זיך און שרײַט הויך, אַז ער איז נישט מסכּים, אַז מען טאָר אַזוי נישט טהון, בעטראַכטענדיג די אויפגאַבע פון די דײַטשען... זײ כּעס'ן זיך און דאָך מוזען זײ זיך צוריקהאַלטען, ווען מען זאָגט זײ וועגען דער אויפגאַבע פון די דײַטשען...

— בכן איז אָרום דעם דאָך פון ראָטהויז אַ געלענדער שוין דרײַ יאָהר, אַלץ נאָר צוליעב דעם זוהן פון „כּשר-רעסטאָראַטאָר" פון פראַנצענסבאַד?

— יאָ, יאָ — האָט פראָהאַזקאַ געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ— דאָס רעגט דאָך אויף!

איך האָב איהם מודה געווען, אַז דאָס רעגט טאַקי אויף, נאָר אײַן פראַגע האָב איך איהם געשטעלט:

— וואָס וואָלט געווען, אויב דעם „כּשר-רעסטאָראַטאָר'ס" זוהן פון פראַנצענסבאַד וואָלט געוואָרען אַזאַ הײסער בעהמער, ווי איהר? וואָלט דאָס בײַ אײַך נישט אויסגעזעהן ווילד?

— דאָס קאָן נישט זײַן! — האָט פראָהאַזקאַ געענטפערט מיט תּמימות.

— שטעלט אײַך אָבער פֿאָר! איזידאָר ברײַנעלעס, דערזעלבער איזידאָר ברײַנעלעס, אין דערזעלבער שטאָדט דרעווניצא, וואָלט נישט געוואָרען קײן דײַטש, נאָר אַ בעהמע און ער וואָלט נישט גערעדט הויך דײַטש, נאָר הויך בעהמיש, נישט אין דעם נאָמען פֿון די דײַטשענס אויפֿגאַבע, נאָר אין נאָמען פֿון די בעהמער'ס אויפֿגאַבע און, אַלס אַזעלכער, וואָלט ער נישט דערלאָזט פֿערריכטען דעם דאַך פֿון ראָטהויז...

פֿראָהאַזקאַ האָט ווײַטער פֿערזיכערט, אַז דאָס איז אונמעגליך, נאָר איך האָב איהם ווײַטער געשילדערט:

— די דײַטשען אין דרעווניצא זאָגען, אַז די בעהמער רעדען הויך בעהמיש, אַז זײַ דערהיצען זיך, אַז מאַטײַ פֿראָהאַזקאַ וויל אויסקוילען אַלע דײַטשען, פֿערדריסט טאַקי, נאָר דאָס איז נאַטירליך. אָבער... ברײַנעלעס... „כּשר־ברײַנעלעס"... דער דאָרער, אײַנגעבוירענער יוד... ער וויל נישט מסכּים זײַן... דאָס איז דאָך פּשוט אַ קאָמעדיע, אַ מיאוס'ע, פֿערדריסליכע קאָמעדיע!

— מעגליך, אַז מען וועט אַזוי זאָגען... — האָט פֿראָהאַזקאַ געשטאַמעלט.

— איצט נאָך אײן קלײנע פֿראַגע: אפֿשר וועט איהר אַלײן אויך אַזוי זאָגען?

— מאַטײַ פֿראָהאַזקאַ האָט זיך געפֿונען אַ תּירוץ מיר נישט צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע: אין דעם רײַזע־צעטיל האָט ער בעדאַרפֿט עפּעס צו זוכען...



וועלוועל'ם בענקעניש.

— אוי, ווי וויַיט! אוי! רבונו של עולם, ווי וויַיט!

— וואָס האָסטו פֿון דיַין שריַיען? — האָט איהם יואל געענטפֿערט — און אז דו וועסט שוין הונדערט מאָל אזוי שריַיען, וועט דען די היץ קלענער ווערען? וועלוועל, רע-וועלוועל! אַ נאַר ביסט דו געוואָרען. דאָ, אין דעם לאַנד טויג נישט צום געזונד פֿיעל צו טראַכטען. איך וואוין שוין דאָ לענגער פֿון דיר, ווייס איך דאָך. פֿינקעלמאַן דער בעסעראַבער האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען, איז ער משוגע געוואָרען. שלמה גלאָווינסקי, דער געלער, דער בערדיטשעווער, האָט אָנגעהויבען קלערען, האָט ער נישט געוואָלט פֿאָלגען, האָט מען איהם אַרויסגעטריבען. איצט וועט ער ערגעץ פגר'ן, ווי אַ הונד הינטער אַ פֿאַרקאַן, אָדער ער וועט קעלבער שטאָפּען אין בוענאָס-איַירעס. — וועלוועל, דאָס בעט וועט דאָך אונטער דיר פּלאַצען! ווער עס האָט אַזאַ גוף ווי דו, וועלכער וועגט 300 פֿונט, טאָר זיך נישט אַזוי וואַרפֿען אויף אַ בעט: דו וועסט מאַכען אַ שאָדען דער אַדמיניס-טראַציע, דו וועסט שטערען די אָרדנונג אין דער קאָלאָניע, וואָס זאָל געבויט ווערען, וועסט דו מוזען בעצאָהלען, ס'וועט אײַנגע-

שרייבען ווערען אין בוך , אז דו ביזט א פערדעכטיגער און אפשר וועט מען דיך גאר ארויסטרייבען .

דאס בעט האט טאקי געקרעכצט אונטער דער משא פון וועלוועל׳ס גוף . וועלוועל האט זיך ווייטער געקאפעט מיט׳ן בארפיסען פוס אן דעם ווענדטעל פון דעם געצעלט , וואס איז געוועזען צונויפגעשלאגען פון ברעטער און בעשמירט מיט לעהם , ווי מען בויט אין ארגענטינא , אין דער פראווינץ סאנטא פע . וועלוועל׳ס פוס איז אריין אין די שפארעס פון צווישען די ברעטער פון ווענדטעל און דארט האט ער אנגעקלאפט אן אנ׳אנדער ווענדטעל .

וועלוועל האט אנגעהויבען שעלטען . די טהיר פון געצעלט איז געווען אפען און אין דרויסען האט די לבנה געשיינט און פערשפרייט עפעס א שרעקליך ליכטיגקייט , וועלכעס איז אונמעגליך צו דערליידען . די ערד האט ארויסגעגעבען פון זיך דאס , וואס זי האט איינגעזאפט א גאנצען טאג : פייכטע היץ , פון וועלכער עס שפירט זיך פערפוילט גראז , רעגען , בלאטע און קדחת . נעבען דעם בנין איז געווען א פלאץ צו דרעסירען אקסען און פערד . עטליכעווילדע אקסען זענען געשטאנען אנגעבונדען אן א פארקאן און זייערע הערנער האבען פערשפרייט אויף דער ערד ציטערנדע שאטענס .

די לבנה האט איהר ממשלה פערשפרייט אויף דער רויטער , ברענענדער ערד . זי אליין האט דאמאלס געהערשט מיט איהר מענשען־פנים , פרעהליכע ליפען און קרומע אויגען . די אויגען , די אויגען ! זעהענדיג זיי , האט זיך פערוואלט וויינען . זיי האבען דאס לעבען פער׳מיאוס׳ט .

נעבען דעם בנין , אין וועלכען די עמיגראנטען האבען פארלויפיג געוואוינט , זענען געזעסען די גויטשעס , די געמישטע , וועלכע שטאמען פון די , וואס האבען פון אייביג אן דא געוואוינט , און די שפאניער . זייערע קליינע קינדער האבען נאך געשריען , געפייפט .

— חואן פעטרא ! זעה , א לבנה־טאג !

און זיי האבען געזונגען צו דער לבנה : „אוי , באבע , באבע , מיר זענען טרויריג , טרויריג , טרויריג . טרויריג זענען דיינע קליינע קינדער ! דיינע קליינע קינדער חלש׳ן !” — דאס איז אנ׳אור־אלט ליעדעל ,

וועלכעס שטאמט נאָך פון דער צייט, ווען די האלב-ווילדע מענשען האָבען געהאט זעהר וועניג ווערטער אויסצודריקען זייערע געדאנקען. די קליינע הערען נישט אויף צו זינגען מיט זייערע ריינע שטימען און וועלוועל ברומט ווייטער:

— ווי וויי! אוי! רבונו של עולם, ווי וויי! מיר וועלען שוין נישט צוריק! ניין!

און די קליינע גויטשע, די דיענסט, וועלכע איז געלעגען אין א ווינקעלע, נישט ווייט פון יואל'ס בעט, האָט זיך אויסגעצויגען ווי א קאץ און געפרעגט שפאניש:

— וואָס בייזערט ער זיך?

וועלוועל האָט נישט פערשטאנען, וואָס זי זאָגט. יואל האָט אָבער יאָ פערשטאנען. ער איז שוין לאנג געווען אין ארגענטינא, ער האָט זיך שוין געהאט ארומגעדרעהט אין א קאָלאָניע און איצט האָט מען איהם געשיקט מיט א פארטיע פון נייע עמיגראנטען.

— ער בייזערט זיך נישט — האָט ער געענטפערט — ער דערמאָהנט זיך נאר אָן זיין געבורטסלאנד.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו וועלוועל'ן און זיך גע-בייזערט אויף איהם:

— וועלוועל! ווי א הערינג וועל איך דיך צורייסען! וועלוועל! הער אויף משוגע זיין! דו וועסט נאָך אלע אויפוועקען פון שלאָף! דו וועסט אויפוועקען דעם אדמיניסטראטאר, וועט ער זיך בייזערן און א אומקעהרעניש וועט ווערען. צי האָסטו צו-פיעל געגעסען, אָדער געטרונקען?

— צרות האָב איך געגעסען און געטרונקען—האָט וועלוועל געענטפערט.

— גיב איהם א ביסעל וואסער, חואנא—האָט יואל געזאָגט צו דער קליינער גויטשע — ער האָט א לייכט פיבער, געגעסען האָט ער אויך נישט.

חואנא האָט געבראכט א קרוג מיט וואסער.

— טרינק! — האָט זי געזאָגט צו וועלוועל'ן.

וועלוועל האָט אומגעוואָרפען די קרוג און אויסגעגאָסען דאָס וואסער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זיפצען ווי א ריעזען-קינד.

— דו ביזט משוגע, ווי איך בין א יוד: — האט יואל גע־זאגט און אנגעצונדען א שוועבעלע.

יואל האט דערזעהן ערשט דאמאלס, ווי שרעקליך וועלוועל זעהט אוים. זיין פנים איז געווען בעדעקט מיט שוויים, שרעקליך פערקרימט, ווי ער וואלט געהאט אפאפלעקסיע. ער איז גע־לעגען אין די הויזען און אין העמד, פון וועלכען עם האט זיך גע־זעהן זיין גרויסע, ברייטע ברוסט.

ער האט געזאגט מיט א שעמעוודיגער שטימע:

— איך בין פערנודזיעט, פערנודזיעט ביז צום פגר׳ן! וואלט דאס לאנד געווען א מענש, וואלט איך עם גע׳הרג׳עט! דאס איז אבער קיין לאנד אויך נישט! א לאנד איז א ארט, וואו עם זענען דא אייגוואוינער, דערפער, פעלדער, שטאלען, פויערים. דא איז אבער גארנישט דא. עם איז דא גאר קיין וועלט נישט. עם איז דא גארנישט... גארנישט... נישט דא קיין נשמה...

יואל האט איהם רוהיג געענטפערט:

— קיינער האט דאך דיך נישט גענויט דא אהער צו קומען. דו האסט דאך געקאנט לויפען קיין אמעריקא און דארט אויסגעהען לעבלעך צו די קנעפ, אדער קיין לאנדאן האסט דו געקענט לויפען און זיך דארט שטעלען ארבייטען ביי דעם שוויים־דריקער מיסטער ליוויי. דו האסט געוואלט זיין א קאלאניסט. האסט זיך מיטגע־שלעפט מיט א פאמיליע, זיך, געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, מוסר נפש זיך געווען, אז מען זאל דיך דוקא אנ־נעהמען. נאך דעם אלעם מאכסטו זיך פאר א קינד און שרייסט: מאמא, מאמא! א קינד, וואס האלט אין דער הויך פינף איילען. קוקען קען איך נישט אויף דיר.

דאס קינד, וואס האלט פינף איילען אין דער הויך, וויל זיך מאכען שמייכלען, לאכען. עם פאסט נישט צו וויינען, בפרט פאר א בחור פון איין־און־צוואנציג יאהר, א שוויגערם א זוהן, וועלכער איז דערנאך געווען א בעקער־יונג.

וועלוועל האט א ביסעל געלאכט און דערנאך געזאגט שטיל:

— איך האב דארט נישט געקאנט בלייבען! איך האב נישט געקאנט... איבער א מיידעל. איך האב זיך געמאכט פאר א קאלאניסט, ווי איינער, וואס מאכט זיך הונגעריג, אדער זאט,

עפֿענט די אויגען, אָדער פֿערמאַכט די אויגען. איך האָב געשפּירט, אַז איך דאַרף זיין ווייט, זעהר ווייט, אָבטהון מעשים, איך זאָל מוזען אַרבייטען, פֿיעל געהן און טראַכטען וועגען זיך, נאָר וועגען זיך אַליין. און וואָס האָב איך? מיר זענען דאָ צוגעבונדען איינער צום אַנדערען. נישט מיר, נאָר אונז גיט מען אַרוים בעפֿעהלען, אונז אַלעמען. איך בין שוין נישט איך. איך האָב אָנגעהויבען זיין אַ קליין קערנדיל פֿון עפּעס, וואָס איז גרוים, ברייט—און ווייס איך וואָס? דאַדורך בענק איך, דערמאָהן איך זיך. אַלעס מישט זיך מיר אין מוח און קיין קלאָר בילד האָב איך נישט ... און קאָן איך דען אַלעס אַרויסזאָגען? וואָלט איך געקאָנט רעדען מיט הארץ, וואָלט איך דיר געזאָגט. איך וויל טהון עפּעס, וואָס איז גרוים, שען, און דאָ קאָן איך גאָרנישט טהון. דו פֿערשטעהסט מיך נישט, דו קאָנסט מיך נישט פֿערשטעהן!

— ניין, איך פֿערשטעה נישט! — האָט יואל געענטפֿערט.

— מיין פֿאַמיליע האָט פֿון אייביג אָן געוואוינט אין דערפֿער — האָט וועלוועל דערצעהלט — האָט מען דאָך אָבער פֿערווערט יודען צו וואוינען אין דערפֿער, האָבען מיר זיך געמוזט איבערטראָגען אין שטאָדט אַריין. איך בין געבוירען געוואָרען אין דאָרף און געדענק נאָך עפּעס פֿון דעם דאָרפֿישען לעבען. אין דער שטאָדט זענען מיר געוואָרען פּויערים. אַנ'אַנדער לעבען מיט אַנדערע צרות. אַ קליין יונגעל בין איך נאָך געווען, ווען איך האָב אָנגעהויבען אַרבייטען אין אַ פֿאַבריק. אָך, די מאָנאָטאָנע אַרבייט, צווישען די מאַשינען!... משוגע צו ווערען.

דאַן בין איך אָנגעקומען צו אַ שניידער, וואָס האָט געהאַלטען זומער אַ גאָרטען אין אַרענדע. איך בין כמעט איינער אַליין אין גאָרטען געזעסען און האָב איהם בעשפּריצט מיט וואַסער; דאָס איז מיין אַרבייט געווען. אַ ווינד-מיהל איז דאָרט געווען. איך האָב ליעב געהאַט צו שטעהן און צו קוקען אויף די רעדער פֿון דער מיהל. די רעדער האָבען זיך געדרעהט און איך האָב געקוקט. דאָס האָט מיך נישט געמאַטערט, ווי דאָס קוקען אויף די רעדער פֿון די מאַשינען. וואַסער, אַ ווינד — דאָס ליעב איך. יעדען פֿריה-מאָרגען זענען מיידלעך געקומען קויפֿען פֿרוכטען,

אנדערע זענען געקומען קויפען בלומען, שפעטערע בלומען. די מיידלעך האב איך מעהר ליעב געהאט. איידעלע זענען זיי אלע געוועזען. איך האב געשפירט, אז איך בין זעהר גראב, מגושם'דיג, נעגען די איידעלע, לייכטע בעשעפענישען, א דארפס-יונג, א ישוב'ניק. עס האט זיך מיר אבער געדאכט, אז איך ווער איידעלער, אויסגעפיינערט דורך מיין רעדען, שמועסען מיט זיי.

דער זומער האט זיך געענדיגט און מיין פערגניגען האט אויך א סוף גענומען. דאן האב איך מיר געזוכט אנ'אנדערע בעשעפטיגונג. דער שניידער האט מיך געריהמט פאר'ן גביר, וועלכען ער האט מלבושים גענעהט און דער גביר האט מיך אנגענומען אלס משרת. גליקליך בין איך דאמאלס געוועזען. לאך נישט, יואל, לאך נישט. דעם מוח וועל איך דיר צושפאלטען. גליקליך, זאג איך דיר, בין איך געוועזען. וואס מיינסטו? א חרפה איז צו ארבייטען? יא, אנצונעהמען בעפעהלען אין א פאבריק פון יונגען, מיינס גלייכען, וואס זענען גרעסערע עזות-פנים'ער פון מיר, האב איך נישט ליעב, אבער ארבייטען, בעדינען מענשען, וואס זענען גרעסער, איידעלער פון מיר, פארוואס נישט? דער גביר איז אנ'איידעלער, שענער יוד, געהט אין דערפריה און אווענד אין בית-מדרש, אמאל מאכט ער עפעס א שטיקעל געשעפט, אבער עפטער זיצט ער און לערנט, לייענט, ער איז גאר קיין סוחר נישט. און די גביר'טע — א שענע פרוי איז זי. זי האט אויסגעגעבענע זיהן און טעכטער. צום גביר האט געפלעגט אריינצוקומען א גרויסער עולם און ער האט מיט יעדען אנדערש גערעדט. צום ווייב אנדערש, צו די קינדער אנדערש, צו אנדערע — ווידער אנדערש. איך האב זיך געשפירט אזוי ווייט פון זיי, און דאך בין איך מיט זיי געוועזען, זייער בין איך געוועזען. איך האב זיך אויסגעלערנט אזוי שפירען, אזוי רעדען ווי זיי.

זיי האבען נישט גערעדט הויך. אין דער יוגענד האט מען דעם גביר גערופען „זיידענער יונגער-מאן". אויף דער עלטער איז ער געוועזען א זיידענער מענש.

— און דאס מיידעל וואו איז? — האט יואל געפרעגט שטיל. ער האט געלאזט וועלוועל'ן רעדען, אום איהם צו בערוהיגען; דאס רעדען האט איהם אבער שוין מיעד געמאכט.

— באלד וועל איך דיר אויך וועגען דעם מיידעל דערצעהלען. פיעל ארבייט האב איך ביים גביר נישט געהאט. עטליכע שליחות'ן א טאג. פאר מיינע פלייצעס און מיינע הענד איז דארט קיין ארבייט נישט געווען. מען האט מיך דארט געלערנט שרייבען, לעזען; איך בין געווארען א שטיקעל אריסטאקראט, נאר די הענד האבען פערלאנגט ארבייט. ווארום די ארבייט ביים גביר האב איך געקאנט מאכען מיט איין ריהר. דעם גביר'ס הויז איז געווען אין מארק. עטליכע דירות זענען דארט פערדונגען געווארען און הינטער דעם הויף איז געווען א בעקערי. אין א פרייע צייט בין איך געזעסען ביים בעקער. לאנג לערנען בעקערי האב איך נישט בעדארפט. כח פעהלט מיר דאך נישט, דער בעקער יוסיל דער שווארצער, האט דאמאלס פונקט בעדארפט געזעלען. פאר פסח איז עס געווען. עס האט זיך דארט געקאכט, ווי אין א קעסעל. פריהער האב איך געארבייט אומזיסט, דערנאך האט מען מיר געצאהלט. ביי דעם גביר בין איך ווייטער געווען. אך, גוטע צייטען האב איך דאס דאמאלס געהאט!

— גיב מיר שוין א מאל דאס מיידעל! — האט יואל געזאגט מיט געלעכטער.

— עפר ואפר וועל איך פון דיר מאכען, אז דו וועסט לאכען פון מיידעל! דאס איז נישט קיין געלעכטער. איך האב דיר שוין געזאגט, אז אין דעם גביר'ס הויז האבען געוואוינט לאקאטארען. דארט האט געוואוינט אויך א אלמנה מיט א טאכטער. די אלמנה האט מען אין גאנצען הויז בכבוד געהאלטען. „מאדאם זילבערשטיין" האט מען זי גערופען. זי איז געווען א געוועזענע גביר'טע. דער גביר האט זי אויך בכבוד געהאלטען און אפשר האט ער ביי איהר קיין דירה-געלד אויך נישט גענומען. די טאכטער האט געמאכט פארוקען. די דירה איהרע איז געווען ענג, אבער זעהר ריין, נעבען א קליין קרעמעל, וואס איז ארויסגעגאנגען אין מארק. אין הויז האט מען דאס מיידעל גערופען: „פריילין קלארא".

יעדען טאג האב איך דאס מיידעל געזעהן. איהרע העלע האר האבען עפעס א ווייסען שאטען געווארפען אויף איהר שטערן. זי האט זיך נישט געקליידט רייך, און דאך זענען איהרע

מלבושים שען געוועזן. איהרע הענד זענען אבער נאך שענער געוועזן. א תענוג געוועזן צו קוקען אויף זיי. אין דער-פריה האט זי געעפענט דאס קרעמעל און איך בין אראב פון ערשטען שטאק, אום צו זעהן, ווי זי געהט אין דעם קרעמעל. א פערגניגען צו קוקען. נישט לוסטיג, נישט טרויריג איז זי געוועזן, ווי עס וואלט זי גארנישט אינטערעסירט, גארנישט, אויסער איהר ארבייט. איך האב איהר געזאגט:

— גוט-מארגען!

— און זי האט געפלעגט ענטפערן:

— גוט-מארגען.

מיר איז דאן א ביסעל בעסער געווארען אויפ'ן הארצען.

מיט אמאל האט מיר אבער שוין נישט געקלעקט דער בלויזער „גוט-מארגען"... עפעס אנ'אנדערער געדאנק איז מיר אין קאפ געקומען... עפעס האט מיך צו איהר געצויגען, איהר פנים, איהר גביר'יש פנים, איהרע בעוועגונגען, איהר רעדען, איהר בע'חנ'ט רעדען — האט מיך צו איהר געצויגען און אמאל, יום-טוב, שבועות, איז מיר אויף די געדאנקען געקומען, אז איך מוז מיט איהר חתונה האבען. זי שטעהט טאקי העכער פון מיר, אבער נישט אזוי הויך, אז איך זאל גאר נישט קענען צו איהר דערגרייכען. א ביסעל געלד האב איך שוין געהאט און איך האב שוין געקענט אוועקגעהן פון דעם גביר. א בעקער האב איך גע-קאנט ווערען און אויך א גארטען נעהמען אין ארענדע.

געוואוסט האב איך, אז מען דארף שיקען א שדכן, אדער די עלטערן מיינע זאגען, אז זיי זאלען שיקען א שדכן. איך האב אבער מורא געהאט, מיינע עלטערן זאלען מיר נישט זאגען עפעס נישט ווי עס געהער צו זיין, אדער דער שדכן זאל מיר נישט זאגען, ווייס איך וואס.

אמאל בין איך געוועזן אין גביר'ס צימער. איך בין פון עפעס א שליחות צוריקגעקומען און ער איז צו מיר אזוי גוט געוועזן. אויפ'ן געדאנק איז מיר געקימען דעם גביר צו זאגען וואס מיר ליעגט אויפ'ן הארץ. ער איז דער אלמנה'ס אנ'אפעקון און מיינער אויך.

איך בין צו איהם צוגעגאנגען מיט אראבגעלאזענע אויגען און געזאגט:

— בעל-הבית-לעבען! צוויי ווערטער האָב איך אייך געוואָלט זאָגען.

ער האָט זיך משער געווען, אַז איך וויל עפּעס וויכטיגעס זאָגען און ער האָט זיך געזעצט מיט ערנסטקייט.

— וואָס ווילסטו?

איך האָב איהם געענטפערט:

— חתונה האָבען וויל איך. שוין דריי חדשים טראַכט איך וועגען דעם.

— וואָס קאָן איך דיר טהון?

— איך וויל חתונה האָבען מיט „פרײלײן קלאַרא“.

— וועלוועל! — האָט דער גביר גענומען שרייען — וועלוועל! ווייסטו, וואָס דו רעדסט?

ער האָט ברייט געעפענט דאָס מויל, אויסגעצויגען די הענד און ווייטער געשריען:

— ווייסטו ווער „מאַדאַם גאָלדמאַן“ איז? ווער „פרײלײן קלאַרא“ איז? מיט מיר ווילסטו זיך משדך זיין? מיט מיין שוואָגער גאָלדמאַנ׳ס טאָכטער?

דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט און איך האָב אויך געשריען:

— וואָס? בעל-הבית, וואָס?

איך האָב עפּעס געהערט אַמאָל, אַז „מאַדאַם גאָלדמאַן“ איז דעם גביר׳ס אַ קרובה, איך האָב אָבער נישט געוואוסט, ווער דער שוואָגער גאָלדמאַן איז געווען, ווען ער איז געשטאָרבען.

איך בין שיער משוגע געוואָרען. איך האָב מיר גאָרנישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס איך האָב מבייש געמאַכט „פרײלײן קלאַרא“. איך בין באַלד געגאַנגען צו איהר אין קרעמעל און צו איהר געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, „פרײלײן קלאַרא“. איך האָב אייך מבייש געמאַכט. איך האָב געבעטען דעם בעל-הבית, ער זאָל מיר שדכנ׳ען...

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געקוקט אויף מיר מיט בעוואונדערונג. איך האָב פערשטאַנען, אַז פון מיין זייט איז דאָס געווען אַ נאַרישקייט; זי האָט דאָך נישט געקאָנט וויסען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

פריהער איז זי רויט געוואָרען, דערנאָך האָט זי געלאַכט,

געלאַכט מיט כּעס... קיינער שדכנ׳ט זיך נישט צו איהר, נאָר אַ בעקער־יונג! ווען עס וואָלט זיך מיר אַ קבר געעפֿענט, וואָלט איך זיך לעבעדיגערהייד אַריינגעלעגט.

איך בין אַנטלאָפֿען ווי פֿון אַ שרפה. ווי משוגע בין איך געווען אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט! צומאָרגענס בין איך אַנטלאָפֿען קיין האַמבורג און דאָרט בין איך צוגעשטאַנען צו די עמיגראַנטען. וואָס מאַכט איצט „פֿריילין קלאַרא"? עס דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה די גאַס, אויף וועלכער זי געהט און איהר שאָטען אויף דער ערד. איך בין דאָך אַוועק פֿון דאָרט, אום איך זאָל זי נישט זעהן!

אַמאָל זאָגט מיר מיין פֿאַנטאַזיע: זעה צו מאַכען אַ פֿער־מעגען, שיק געלד, אָדער פֿאָהר צוריק מיט אַ סך געלד, מיט אַ גרויסער גאָלדענער קייט און מיט אַ גאָלדענעם זייגער. דו וועסט אויסזעהן, ווי אַ גביר און וועסט חתונה האָבען מיט פֿריילין קלאַרא, אָדער דו וועסט זי פֿערגעסען. נעכטען אָוועגד, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און איהרע לעצטע שטראַהלען זענען געפֿאַלען אויף דעם גראָז, האָב איך געזעהן אַ געשטאַלט, אַ בלויז געשטאַלט און זיך דערמאָהנט אָן די בלויע אויגען...

— יואל! — האט ער אויסגעשריען — דו האָסט קיינמאָל נישט געליעבט אַ גביר׳ס אַ טאָכטער!

— דו ווילסט אַ טרונק? — האָט יואל איהם געפֿרעגט — טרינק אַ ביסעל וואַסער, וועסטו אַנטשלאָפֿען ווערען.

— חוּאַנא האָט איהם דערלאַנגט אַ קרוג וואַסער און וועל־וועל האָט אַ זופּ געטהון.

— ווען איך וואָלט געהאַט געלד, אָדער ווען איך וואָלט חאָטש געווען אַ יורד!

— פֿערמאַך די טהיר, חוּאַנא, האָט יואל געזאָגט — ער איז צופֿיעל טרויריג, ער זעהט די לבנה.

חוּאַנא האָט פֿערמאַכט די טהיר און די שטראַהלען פֿון דער לבנה האָבען זיך אַריינגעחאַפּט דורך די שפּאַלטען. אין טהאָל, ווייט, האָט עפּעס אַ ווילדער אָקס געשריען. דערנאָך איז געוואָרען שטיל. וועלוועל איז אַנטשלאָפֿען געוואָרען.

יוסיל אינטערעס.

א זעלטענע, משונה'דיגע בריאה איז געווען יוסיל אינטערעס. אלע מיני קמצנים, וועלכע האבען געלעבט אויף דער וועלט און אפילו די, וואס זענען גאר אויף דער וועלט נישט געווען, נאר מענשען דערצעהלען און שרייבען פון זיי מעשיות — זענען געווען גרויסע פערשווענדער געגען איהם, יוסיל אינטערעס.. גע'מיאוס'ט מיט איהם האט זיך יעדער. אז מען האט איהם דערזעהן פון וויטענס איז מען אנטלאפען. אפילו הינד, אז זיי האבען איהם דערשפירט, האבען זיי גיך אראבגעלאזט די עקען און געמאכט—ויברח...

די שמוציגסטע הענדלער, וועלכע האבען פערצייטענס געפלעגט זיין אויף דער ווא'אווע גאס, וואלטען זיך גע'מיאוס'ט אנצוריהרען אן זיין בגד, אפילו ווען ער וואלט זיי דעם בגד דערלאנגט מיט א גאלדענער צוואנג. געשטאמט האט דאס בגד נאך פון דער צייט פון דער מלחמה אין קרים און געמאכט איז עס געווען פון עפעס א מין נאנקי, וועלכע מען האט דאמאלס פערקויפט צו א האלבען גילדען אנ'איל. געטראגען האט ער צעהנדליגע יאהרען דאס מלבוש, וועלכעס איז געווען אנגעזאפט מיט אלע מינים פעטקייט. די קרעמער האבען געזאגט, אז דאס מלבוש וואלט שוין געקאנט אליין שטעהן און קיין קנייטש וואלט זיך דערין נישט געמאכט; אזוי דורכגעפעטסט איז עס שוין געווען.

הענד האָט ער געהאַט, וואָס זענען עהנליכער געווען צו לאַפּעס פון ווילדע עופות, ווי צו מענשען־הענד; קרום זענען זיי געווען און מיט וואָרצלען זענען זיי בעדעקט געווען. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגען גרויסע, לעדערנע הענדטשקעס, וועלכע האָבען אודאי אויך געשטאַמט פון דער קרימער מלחמה און יוסיל האָט זיי אָבגעקויפט ביי אַן׳אַלטוואַרג־הענדלער.

דאָס פנים זיינס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ מויז, פון אַ שלאַנג, אַ העכט אָדער אַ קרעט. האָט ער מיט זיינע גרינגע אויגען אַ קוק געטהון אויף עמיצען, האָט מען געמיינט, אַז מען פאַלט שוין אין אַ גרוב אַריין!

געוואוינט האָט יוסיל אינטערעס אין אַן׳אייננג, שמוציג שטיבעלע אויף אַן׳איינגען הויף פון אַ פערוואָרפען געסעל. קיינער האָט נישט געוואוסט, צי איז ער רייך אָדער אָרים. אַ טייל מענשען האָבען געזאָגט, אַז ער האָט קורח׳ס אוצרות. אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז ער בעטעלט, און נאָך אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז אי ער האָט קורח׳ס אוצרות, אי ער בעטעלט.

טיילמאָל פאַרנאַכט אָדער גאַנץ פריה, האָט מען געזעהן צו איהם אַריינגעהן אָרימע הענדלער און הענדלערקעס, און דאַן האָט יוסיל אינטערעס פערמאַכט די טהיר. דאָך האָט זיך פון דאָרט געהערט זיפצען, אַ געוויין, קללות.

אַז מען האָט געפרעגט יוסיל אינטערעס, צו וואָס קומען צו איהם „געסט", האָט ער פערקרימט דאָס מויל, אַרויסגעשטעקט זיינע שפּיציגע, שוואַרצע צייהן — אַזאַ שמייכעל האָט ער געהאַט — און געענטפערט, אַז זיי ברענגען איהם פראָצענט.

און קיין ליגען האָט ער נישט געזאָגט. די אָרימע הענדלער און הענדלערקעס האָבען איהם טאַקי געצאָהלט דרייסיג, פיערציג פראָצענט — אַ חודש. דער אַכזריות׳דיגער פראָצענטניק אויף דער וועלט איז ער, יוסיל אינטערעס, געווען.

בעקלאָגט אויף יוסיל אינטערעס האָט זיך נישט קיין איינער פון די אַלע, וועלכע ער האָט אַזוי שרעקליך בעדריקט. איז איינער אַריינגעפאַלען אין די הענד פון יוסיל אינטערעס, האָט ער שוין נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו בעקלאָגען. ער האָט געקאָנט די וועלט גוט פערפאַנטערן. ער האָט זיך זיין געשעפט געפיהרט

צווישען די אָרימע-לייט, וואָס האָבען פערקויפט די סחורות זייערע אין קערבלעך אויף דער גאַס, וואָס טראָגען אַרום די סחורות אין די הייזער און צווישען די ווייבער, וואָס האַנדלען מיט אויבס.

יוסיל אינטערעס האָט אויך אַ זוהן געהאַט.

יאָ, אַמאָל, פאַר דרייסיג יאָהר, איידער ער איז געווען דאָס, וואָס ער איז דערנאָך געוואָרען, האָט ער חתונה געהאַט און זיין ווייב האָט איהם אַ זוהן געבוירען. די פרוי איז אָבער באַלד געשטאָרבען.

פון דאַמאָלס אָן איז יוסיל אינטערעס געוואָרען טעמפ אין אַלעם און מעהר ווי פון געלד האָט ער נישט געוואָלט וויסען.

דער זוהן — מיכאל האָט מען איהם גערופען — איז אויסגעוואַקסען און האָט קיינמאָל נישט געשפירט דעם טעם פון אַ בן-יחיד. אויפגעצויגען געוואָרען איז ער אַליין פון זיך זעלבסט. ווען ער איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר, האָט איהם דער פאָטער אָבגעגעבען אין „תלמוד-תורה“; אַלע קינדער פון יענער גאַס וועלען אָבגעגעבען אין „תלמוד-תורה“, איז ער אויך דאָרט אַהין אָבגעגעבען געוואָרען, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט דאַווענען. דערנאָך איז ער אָנגענומען געוואָרען אין אַ האַנדווערקער-שולע. יוסיל האָט זיך דערביי קיין גרויס מיה נישט געגעבען. דער קליינער האָט געלערנט און נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער אָנגעהויבען אַרבייטען ביי אַ מייסטער. פונ'ם מייסטער איז ער אַוועק און ווידער אַריין אין אַנ'אַנדערע האַנדווערקער-שולע און געלערנט אַן'אַנדער מלאכה. עפעס על-פי-נס האָט ער זיך אויסגעלערנט אויך לעזען און שרייבען.

ווען ער איז אַלט געווען פופצעהן יאָהר, האָט ער נישט געהאַט געזעהן קיין וואַלד, קיין פעלד. פונ'ם גן-עדן און פון אַ פעלד האָט ער געהאַט אַ גלייכען בעגריף... אין שטאָדט-גאָרטען האָט מען איהם נישט אַריינגעלאָזט, ווייל זיינע מלבושים זענען שטענדיג צוריסען געווען. ווינטער איז ער יאָ אַמאָל געווען אין גאָרטען, איז אָבער דאַמאָלס אַלעם טויט געווען. פיעל בוימער געוואַקסען צוזאַמען האָט ער אַמאָל געזעהן אויפ'ן בית-הקברות, וואו ער איז אַמאָל געווען מיט'ן פאָטער ראש חודש אלול אויף קבר-אָבות. עפעס אַ מענשען-געפיהל האָט זיך דאַמאָלס פלוצלונג ערוועקט אין זיין

פאטער און איז מיט זיין זוהן געגאנגען אויף קבר-אבות.

מיכאל, וועלכער איז ביז דאמאלס אויך געווען א פער-טראכטער, איז פון דאמאלס אן נאך מעהר פערטראכט געווען.. עפעס א פערבארגענע קראפט האט איהם געצויגען צו גרינס, צו פרישעס, צו געוויקסען. אין דעם פינסטערן, פערדומפטען צימער פון זיין פאטער האט זיך איהם גע'חלומ'ט ליכטיגקייט, גרינע בוימער, גרין גראז.

ווען דער פאטער איז נישט געווען אין דער-היים, האט ער געצייכענט בוימער, קליינע הייזלעך, וואסער פון א טייך, מענשען (א ביסעל צייכנען האט ער זיך געלערנט אין דער האנד-ווערקער-שולע). ער האט געצייכענט און צוריסען. טיילמאל האט ער אויך בעהאלטען זיינע געמעל;כטסען.

אמאל האט יוסיל אינטערעס געזוכט עפעס א וועקסעל און געפונען — א געמעלעכטס.

יוסיל איז אריינגעפאלען אין כעס. אזא זולל וסובא! מיט וואס ער פערברענגט זיין צייט!... ער שפילט זיך, מאכט עפעס שטרייכלעך, פלעקען, בילדער!... דאס איז זיין ארבייט!... ניין, ער וועט שוין אזא לעדיג-געהער נישט געבען צו עסען!... פון אזא זוהן וויל ער שוין נישט וויסען... קענען וויל ער איהם שוין נישט!... נישט די וועלט און נישט יענע וועלט וועט ער פון איהם האבען!...

און אהן א שום הקדמה, נאר מיט א קלאפ אין דער זייט, האט ער איהם געהייסען געהן און נישט צוריקקומען צו איהם.

מיכאל'ן איז שווער געווען זיך אויסצוהאלטען. אנפאנגס איז ער אנגענומען געווארען אלס שיק-יונגעל אין א האנדעלס-הויז, דערנאך איז ער געווען א שיק-יונגעל אין א קראם. פיעל מאל האט ער גענעכטיגט אין נאכט-פריוט, נאר ענדליך האט ער בע-קומען א שטעלע ביי א פארבער, וועלכער האט געהאט בעציהונ-גען מיט מאלערס, און אויף אזא אופן האט ער זיך בעקענט מיט א מאלער, וועלכער האט זיך מיט איהם אינטערעסירט.

און מיכאל, דער זוהן פון יוסיל אינטערעס, האט געהאט א נשמה פון א מאלער, מאלעריי איז אין זיין נאטור געווען. לערנענדיג זיך מאלען, האט אבער מיכאל פערדיענען אויך

געמוזט, אום ער זאָל האָבען פון וואַנען צו לעבען. דער מאָלער, וועלכער האָט איהם געלערנט, האָט איהם געוואָרענט, ער זאָל אַליין נישט מאָלען, ער זאָל נאָך פיעל לערנען, איידער ער וועט מאָלען. מיכאל האָט אָבער געמוזט מאָלען; דער מאָלער, וועלכער האָט איהם געוואָרענט, האָט דאָך איהם נישט געקענט אויסהאַלטען.

מיכאל האָט געאַרבייט און דאָך האָט זיך זיין טאַלענט ענטוויקעלט וואָס אַמאָל מעהר.

און אַ מיידעל מיט גליהענדע אויגען און גאָלדענע לאָקען האָט מיכאל געליעבט. זי איז געווען די ערשטע, וואָס ער האָט געמאָלט. געוועלטיגט האָט זי אין אַלע זיינע שעפּונגען. האָט ער אַ מלאך געמאָלט, האָט ער צו איהר בילד צו געמאַכט פליגעל, איז עס אַ מלאך געוואָרען.

מיכאל האָט חתונה געהאַט און זיין ווייב האָט איהם אַ זוהן געבוירען. מפרנס געווען האָט ער זיך דאַמאָלס דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ הויז-מאַלער, ווענד האָט ער געמאָלט. די מבינים, וואָס האָבען זיין אַרבייט געזעהן, האָבען איהם בעוואונדערט. זיי האָבען געזעהן, אַז דער מאָלער איז בעשאַפען געוואָרען נישט צו אַזאַ אַרבייט: בילדער האָט ער בעדאַרפט מאָלען, נישט קיין ווענד. אַנדערע זאָלען בעשאַפען געוואָרען צו זיין ווענד-מאָלער, און זיי מאָלען בילדער.

מיכאל האָט אָבער בילדער אויך געמאָהלט, קאָפּיעס פון בילדער האָט ער אויך געמאַכט; ער האָט דאָך בעדאַרפט פרנסה.

פרנסה האָט ער שוין דאַמאָלס אַ ביסעל געהאַט. ביז דאַמאָלס האָט ער אָבער צופיעל געליטען, ער זאָל קענען דערנאָך געניסען פון זיין אַרבייט.

ער האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען דאַר צו ווערען. וואָס איהם איז געווען, האָט קיין שום דאָקטאָר נישט געקאָנט וויסען. קיינער האָט קיין ריכטיגען דיאַגנאָז נישט געקאָנט שטעלען. עטליכע חדשים האָט די קראַנקהייט זיך געצויגען. עס איז איהם געוואָרען ערגער, לייכטער, ערגער, ווידער לייכטער, די געפאַהר איז געווען גרויס, די געפאַהר איז פאָראיבער, ענדליך איז איהם פיעל בעסער געוואָרען—און—ער איז געשטאָרבען.

בעת דער קראַנקהייט, האָט ער פֿערצעהרט אַלץ, וואָס ער האָט פֿערמאָגט.

עס איז אָבער נאָך איהם איבערגעבליבען פֿיעל בילדער. זיינע בעקאַנטע האָבען געוואָלט אויספּלעטען די בילדער, אום די אַלמנה מיט'ן יתום זאָלען האָבען חאָטש עפּעס געלד.

מען האָט גאָר פֿערגעסען, אַז עס איז פֿערהאַנען אַ זקן, וואָס הייסט יוסיל אינטערעס. די יונגע אַלמנה האָט איהם אין איהר לעבען נישט געזעהן. אַז זיין זוהן איז געשטאָרבען, האָט ער נישט געוואוסט, אָדער ער האָט נישט געוואָלט וויסען. מען האָט געזאָגט, אַז זיין זוהן האַלט ער פֿאַר אַ גוי.

אַמאָל האָט איהם אָבער זיינער אַ בעל-חוב דערצעהלט, אַז זיין זוהן איז געשטאָרבען און נאָך איהם זענען איבערגעבליבען בילדער און די בילדער קאָן מען פֿערקויפֿען און נעהמען געלד...

דאָס איז שוין גאָר אַנדערע דבורים: געלד! פֿאַר די שפּילעכטסלעך, שטרייבלעך, פֿלעקען קען מען נעהמען געלד!...

און יוסיל אינטערעס איז זיך געקומען צו זיין שנור און האָט פֿערלאַנגט פֿון איהר, זי זאָל איהם געבען די בילדער. מען האָט איהם געבעטען, מען האָט געשריען, גע'טענה'ט און קוים האָט מען ביי איהם גע'פּ'על'ט, ער זאָל נעהמען נאָר עטליכע בילדער.

יוסיל אינטערעס האָט זיך צוגענומען עטליכע בילדער און איז זיך אהיים געגאַנגען.

אויף אזא הכנסה האָט ער זיך קיינמאָל נישט געריכט.

שָׁלוֹם.

אין דער קאַנדיטאָריי אויפ'ן ערשטען שטאָק, ראָג א. און ב. אין דער שטאָדט וו. איז פּלוצלונג אַ מהומה געוואָרען. דער „פֿאַן סענדזיאַ (הערר ריכטער) — אַזוי האָט מען איהם גערופֿען, חאָטש ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין ריכטער, נאָר אַ שרייבער-געהילף אין אַ געריכט — האָט געזאָגט, אַז דער פּרעמיער-מיניסטער אין איטאַליען איז אַ נאַר. ער האָט בעדאַרפֿט שליסען אַ בונד מיט פֿראַנקרייך, און דערווייל האָט ער זיך פֿערקויפֿט דייטשלאַנד. דער „פֿאַן פּראָפֿעסאָר“ — ער איז אַמאָל געווען אַ לעהרער אין אַ עלעמענטאַר-שולע — האָט אָבער געזאָגט פֿערקעהרט: דער איטאַליענישער פּרעמיער-מיניסטער איז טאַקי קלוג, נאָר ער האָט נישט געקאָנט ענדערן די אויסערן-פּאָליטיק. דער „פֿאַן דירעקטאָר — אַמאָל איז ער געווען אַ געהילף ביי אַן אַגענט פֿון אַ פֿערזיכערונגס-געזעלשאַפֿט — האָט געוואָלט מאַכען אַ פּשרה און דערוויזען, אַז דער איטאַליענישער פּרעמיער-מיניסטער האָט טאַקי געשלאָסען אַ בונד מיט פֿראַנקרייך און גענאַרט דייטשלאַנד. צוליעב דער המצאה פֿון „פֿאַן דירעקטאָר“, האָט זיך „געקאָכט“ אויפ'ן גאַנצען ערשטען שטאָק, אַזוי, אַז דער בעדיענטער איז געקומען צו לויפֿען, מיינענדיג, אַז מען רופֿט איהם. דער „פֿאַן סענדזיאַ“ — אַ קאַנדידאַט אויף אַפּאָפּלעקסיע, מיט אַ קורצען האַלז, אַ רויט פּנים און אַ בלויע נאָז, האָט אויף איהם אָנגעשריען: „צום טייוועל! מיר

בעשטעלען גארנישט!" — קיינער האט נישט גע־וואוסט, פארוואס מען האט איהם אזוי גערופען — האט זיך אריינ־געמישט און געזאגט, אז עס שטעהט בפירוש געשריבען אין „קוריער פאראנני", אז דער איטאליענישער פרעמיער האט יא א בינד געשלאסען מיט פראנקרייך. איצט איז שוין די מאס פול געווארען. „פאן סענדזיא" האט געזאגט, אז „פאן פרעזעס" לעזט און ווייס נישט, וואס ער לעזט. „פאן פרעזעס" האט פריהער געענטפערט רוהיג, אז „אנדערע ווייסען אפשר נישט, וואס זיי לעזען". „פאן פראפעסאר האט זיך אבער געהאלטען פאר א מומחה אין ליטעראטור-זאכען און האט געזאגט, אז אויפ'ן „קוריער פאראנני" קען מען זיך נישט סומך זיין. „פאן דירעקטאר", וועל־בער האט געליעבט דעם „קוריער פאראנני", איז געווארען אין כעס און געשריען: „פראפעסאר, דו ווייסט דאך נישט, וואס דו רעדסט!" דער פראפעסאר האט אבער געזידעלט דעם „קוריער פאראנני" מיט זיינע לעזער צוזאמען. „פאן דירעקטאר" האט זיך געשפירט בעליידיגט און האט געזידעלט, „פאן סענדזיא" האט גע־וואלט אויך שרייען, נאר ער האט זיך צו הוסט, זיין פנים איז רויט געווארען, דער האלז געשוואלען און ער האט דעם אטעם נישט געקאנט חאפען, ביז ער האט גענומען א ביסעל וואסער, און דאן האט ער זיך ערשט אנגעהויבען בייזערן אויפ'ן „פאן דירעקטאר" און אויפ'ן „קוריער פאראנני".

די מחלוקת איז געווארען גרויס, אלע האבען זיך צוהיצט. דער בעדיענטער איז שוין עטליכע מאל צוגעגאנגען צום „פאן סענדזיא" און איהם געבעטען, ער זאל איהם געבען דעם „קוריער פאראנני", וועלכען א גאסט האט ביי איהם בעשטעלט, נאר זע־הענדיג די מחלוקת'ן און די צופלאמטע פנים'ער, האט ער מורא געהאט צו עפענען דאס מויל. ווער ווייס, ווי ווייט די מחלוקת'ן וואלטען דערגרייכט, ווען „פאן רעיענט" (נאטאריוס), — ער איז אמאל געוועזען א געהילף ביי א נאטאריוס—וואלט דעם שלום נישט אבגעראטעוועט.

„פאן רעיענט" האט געהאלטען אין דער האנד דעם לעצטען נומער „ראלא" און זיין פנים האט געשיינט פון נחת. ער האט געריהרט מיט די ליפען; שטיל האט ער זיך געלערנט אויסוועניג

דאָס, וואָס ער האָט געלעזען. אָנפאַנגס האָט ער אין זיך געהאַלטען זיין תענוג. דערנאָך האָט ער געפינטעלט מיט די אויגען אַמאָל צום „סענדזיאַ“, אַמאָל צום „פּראָפעסאָר“, צום „דירעקטאָר“, צום „פּרעזעס“. זיי האָבען געהאַלטען ביי שלאָגען זיך און דעם נאָטאַריום איז אַוועק דער חשק מיט זיי צו רעדען. ער האָט אָבער דאָך בעקומען אַ גרויסען חשק זיך צו טיילען מיט זיין גרויסען תענוג. ער געהט צו צום „סענדזיאַ“ און זאָגט איהם:

— פּאַניע סענדזיאַ, זעה נאָר! ווי שען איז דאָס! אַ ליעדעל אויף טיגערזאָהנ׳ען. טיגערזאָהן וויל ווערען טיגאַרזאָנסקי! און אויך אַ שלאַכציץ — האַ, האַ, האַ! באַראָן פאָן טיגאַרזאָנסקי! אַרויס אויפ׳ן יאַגד, זאָלען מיר שלאַכטאַ זיין! האַ, האַ, האַ, מאָשעק מוציעי פאָן טיגאַרזאָנסקי! האַ, האַ, האַ! שטאַרבען קען מען פון לאַכען!... און די גראָבע פרוי טיגערזאָהן מיט דער לאַנגער נאָז, אוי, וועה! פרוי טיגערזאָהן מיט איהרע „באַחאָרקעס“, האַ, האַ, האַ!...

„פאַן סענדזיאַ“ איז אַ ביסעל ברוגז געוואָרען, און דאָך האָט ער דאָס בלאַט גענומען אין דער האַנד. ער לעזט און זיין פּנים שיינט איהם. ער נעהמט לעזען הויך: „באַראָן טיגאַרזאָנסקי און זיינע איינִיקליך־גראַפען, די באָחאַרקעס, קליינע גראַפען!“ — און ער האָט זיך ווידער צוהוסט. איצט איז אָבער דער הוסט געוועזען נישט פון כעס, נאָר פון געלעכטער.

— פּראָפעסאָר! לייענט נאָר דאָ!

— דירעקטאָר! ווי שען איז דאָס!

— נאָטאַריוס! אַזאַ שען ליעדעל!

דאָס בלאַט איז געגאַנגען פון האַנד צו האַנד. די מחלוקת׳ן וועגען איטאַליענישען פּרעמיער־מיניסטער זענען פערגעסען געוואָרען. מען האָט געלאַכט, אַ שמחה איז געוואָרען. גראַף טיגאַרזאָנסקי!...

כּבוֹד.

אויף ר׳ שלמה נח הײלפּערין האָט מען שוין לאַנג געזאָגט, אַז ער איז „הינטער זיך“, דאָס הײסט — אַ יורד. קײן גרויס פּערמעגען האָט ער קײנמאָל נישט געהאַט, נאָר געשעפטען גרויסע האָט ער געפיהרט. די לעצטע געשעפטען זײנע זענען אָבער געװען פוילע. אָן דער תּבואה, װאָס ער האָט צוגעשטעלט דעם מיליטער, האָט ער היזק געהאַט; קאַזאַרמען האָט ער געבויט און אויך דערלעגט; בײַ די באַהנען־אונטערנעהמונגען, װאָס ער האָט געהאַט, איז ער אַרויס „בּשן ועין“. און װיפיעל איז דאָס דער שיעור היזק צו האָבען? ר׳ שלמה נח איז אָבער פון זײן מדרגה נישט אַראָב. אין שוהל, אין גאַס, אין דער־הײם האָט ער זיך נאָך געפיהרט, װי פריהער. געשמועסט האָט מען אין שטאָדט, אַז ר׳ שלמה נח האָט שוין די שטריק אויפ׳ן האַלז... מען האָט אָבער אויך געזאָגט: אַן׳אַלטער גביר — בײַ אַן׳אַלטען גביר קראַצט זיך נאָך עפּעס אויס, אַ ביסעל רעשטליך. די רעשטליך שעפּען זיך אָבער אויך אויס.

ר׳ שלמה נח הײלפּערין האָט נאָך געצאָהלט אין קהל, װי אַ מאָל, װי עס פּאַסט פאַר אַ גביר און נדבות האָט ער אויך געגעבען, װי אַמאָל. מען האָט אַמאָל צונויפגעקליבען געלד אויף דער שוהל, האָט מען זיך אָבגעשמועסט, אַז מען זאָל רחמנות האָבען

אויף ר׳ שלמה נח׳ן און מען זאָל צו איהם נישט אַרײַנגעהן. האָט אָבער ר׳ שלמה אָנגעטראָפֿען אײנעם פֿון די געלד־קלױבער און צו איהם געזאָגט מיט שטאַרקען פֿערדרוס: פֿאַרוואָס האָט איהר אָן מיר גאָר פֿערגעסען? יענער איז רויט און בלאַס געוואָרען און געשטאַמעלט עפּעס אַנ׳אויסגעטראַכטען תירוץ. אַ ביסעל שפּעטער איז ער מיט נאָך אײנעם אַרײַן צו ר׳ שלמה נח׳ן און ער האָט בעקומען אַ שענע נדבה.

אַזוי האָט מען געמוזט געהן צו ר׳ שלמה נח׳ן און געמוזט פֿון איהם נעהמען נדבות. יעדער האָט געוואוסט, אַז ער האָט נישט און דאָך האָט מען בײַ איהם געמוזט נעהמען.

ירוחם דער שמש האָט אַלײן געזעהן, אַז ווען מען איז אַמאָל אַרײַן צו ר׳ שלמה נח׳ן נאָך אַ נויטיגע נדבה, האָט ר׳ שלמה נח אויפֿגעהאַלטען בײַ זיך די נדבה־קלויבער, געשמועסט מיט זײ און דערווײַל האָט ער מיט דער הינטער־טהיר געשיקט די דינסט מיט די זילבערנע לײַכטער צום מלוה... ירוחם האָט דאָס דערצעהלט בסוד אין בית־מדרש הינטער דעם אויווען און מאָטיל דער שדכן האָט געזאָגט, אַז ער ווײסט זיכער, אַז בײַ ר׳ שלמה נח׳ן עסט מען נישט קײן פֿלײש, נאָר ווען ער האָט בײַ זיך געסט. יעקב שמואל, אַ שטיקעל מעקלער, האָט אָבער געלאַכט:

— שוטה! — האָט ער געזאָגט — בײַ ר׳ שלמה נח׳ן עסט מען נישט קײן פֿלײש! ער איז אַ ביסעל פֿערפּלאָנטערט אין געשעפֿטען, דאָס איז אמת. אָבער ער זאָל נישט האָבען אויף פֿלײש! הלוואי זאָלען מיר אַלע אַזוי נישט האָבען, ווי ער.

יעקב שמואל האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז ער בענשט זיך נישט מיט זײַנע ווערטער. ר׳ יעקב שמואל האָט נישט נאָר קײן פֿלײש ניט געגעסען, אָבער אויך פּשוט געהונגערט.

ר׳ שלמה נח האָט זיך רעגולירט מיט זײַנע בעלי־חובות. ער האָט זײ פֿערשפּראָכען צו געבען אַ קלײנעם טײל פֿון די חובות; ער האָט אָבער דעם קלײנעם טײל אויך נישט געהאַט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען מאַכען פּשרות מיט׳ן הונגער. קײן פֿרעסער, קײן זויפֿער איז ער קײנמאָל נישט געווען, נאָר פֿיעל זאַכען האָט ער ליעב געהאַט. „אַ ביסעל און גוט”. פֿיעל געראויכערט האָט ער נישט, די ציגאַר, וואָס ער האָט געראויכערט, האָט אָבער געמוזט

זיין א גוטע. ער האט נישט געטרונקען פיעל; דער קעלער זיינער איז אבער שטענדיג געוועזען פול, און ווען ער האט יא אמאל געטרונקען, בפרט ווען ער האט געהאט געסט, האט מען געשטעלט אויפ'ן טיש גאר פיינעם ווין. פון א זומער-וואוינונג האט ער זיך נישט געקאנט ליידט בעפרייען. שוין 30 יאהר האט ער א זומער-וואוינונג. דאסמאל האט אבער דער מנהג ביי איהם אויפגעהערט. מענשען האט ער געזאגט, אז דאקטוירים האבען איהם נישט געהייסען. אין אמת'ן האבען איהם דאקטוירים דוקא איצט געהייסען פאהרען אויף א זומער-וואוינונג און פריהער האבען זיי איהם נישט געהייסען. זיין געזונד האט איצט אנגעהויבען שוואך צו ווערען. מלבושים האט ער געטראגען ריינע, שענע, נאר צופיעל האט מען אן זיי דערקאנט די בארשט. דער דלות איז ארויין אין שטוב פון אלע זייטען און האט זיך אנגעהויבען לעגען אויפ'ן פנים, אויף די מלבושים, אויף די כלים.

און דאך האט ר' שלמה נח זיך געפיהרט אין קהל-זאכען, ווי פריהער, אין די גוטע צייטען. ער האט געמוזט זיין איינער פון די ערשטע בעלי-בתים אין שטאדט, אדער... ווייטער האט ער שוין נישט געוואלט טראכטען. ער, ר' שלמה נח, איז א גביר, חאטש ער האט נישט א גראשען אין דער טאש. ער איז נישט קיין גביר מיט דער קעשענע, נאר אליין, אינגאנצען, פון קאפ ביז פוס איז ער א גביר. א גביר מוז ער בלייבען. דעם כבוד וועט ער נישט שענקען. געשעפטען — אמאל ערגער, אמאל בעסער, אבער וואס געהט דאס וועמען אן, וואס ער עסט? אורחים, אדרבה. זאל מען איהם שיקען אורחים אויף שבת. וועט מען איהם קיין אורחים אויף שבת נישט שיקען, וועט ער איטשע מאיר'ן, דעם גבאי פון הכנסת-אורחים, די אויגען אויסשטעכען. עס האט אבער קיינער נישט די העזה איהם קיין אורחים נישט צו שיקען. עטליכע מאל האט מען שוין געוואלט האבען רחמנות אויף איהם, האט ער די רחמנות-לייט בעצאהלט. זיי ווייסען מיט וועמען זיי האבען צו טהון. דרך-ארץ! ר' שלמה נח היילפערין לעבט נאך. דערווייל איז ער אנ'ארימאן, א בעל-חוב פון אלע זייטען, אמת טאקי. קיינער וועט אבער פאר איהם נישט צאהלען די חובות. גאט וועט העלפען, וועט ער בעצאהלען... דאס הויז איז פער'משכונ'ט, די

צירונג אויך פֿער׳משכּנ׳ט, עס פֿעהלט אין שטוב, וואָס נויטיג איז, יאָ, אָבער אין דרויסען — דרך-ארץ, אַ בעל-הבית!...

עס איז אָנגעקומען פֿאַר פּסח און מען האָט צונויפֿגעקליבען אויף „קימחא דפסחא". די מצוה פֿון „קימחא דפּסחא" איז ביי ר' שלמה נח'ן אַלע מאָל טייער געווען. אין די גוטע יאָהרען האָט ער פֿונאַנדערגעטיילט מעהל אָרימע-לייט, חוץ דעם, וואָס ער האָט געגעבען אין קהל. ער האָט אויך געלאָזט באַקען מצות און זיי פֿונאַנדערגעטיילט. די לעצטע יאָהרען האָט ער שוין קיין מעהל און מצות נישט פֿונאַנדערגעטיילט. נור אין קהל האָט ער געגעבען, ווי אַלע נגידים. מען איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָדט צונויפֿקלויבען, איז מען צו איהם אויך געגאַנגען און ער האָט אויפֿגענומען מיט ליעבע, מיט כּבוד, יאָ, יאָ, מעות חטים, יאָ אַ גרויסע מצוה, יאָ, יאָ.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אין אַנ׳אַנדער צימער. פֿון דאָרט האָט זיך געהערט עפּעס אַ שטילער שמועס, וואָס איז געווען פֿערמישט מיט זיפֿצען. נאָך עטליכע מינוטען איז ר' שלמה נח צוריקגעקומען מיט אַ געמאַכטען שמייכעל אויף די ליפּען:

— זענט מיר מוחל, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר וועט קומען, איך האָב נישט איצט קיין קליין-געלד, מאָרגען וועל איך אייך שיקען...

די יודען האָבען איהם צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: יאָ, יאָ, טאַקי... און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען.

צומאָרגענס אין דער-פֿריה האָט דער שמש ביים שוהל-קלאַפּען נאָר צוויי קלעפּ געגעבען. ר' שלמה נח הילפּערין איז געשטאָרבען. יעקב שמואל, אַ שטיקעל מעקלער, וועלכער ווייס, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, האָט געזאָגט אין בית-המדרש הינטער דעם אויווען: ער איז געשטאָרבען פֿון אַ האַרץ-קראַנקהייט. ביי די גבירים — האָט ער געזאָגט — טרעפֿט דאָס אָפֿט.

שטויב.

ניִשט פֿון דער „גוּטע-קינדער” אָדער פֿון זײַנע „אײניקלעך”, וואָס זאַנגוויל האָט פֿאָרגעשטעלט, נאָר פֿון די, וואָס איך האָב געזעהן מיט מײַנע אײגענע אײגען אין „אוֹאַײטשעפּל”, אין לאָנדאָן, און וועלכע איך וועל אײַך דאָ מאָהלען לויט מײַנע פֿערצײכנוּנגען.

איך שטעל אײַך דאָ פֿאַר אַ קלײן מײדעלע, מיט'ן נאָמען ליזאַ. דאָס צימער, וואו זי איז געבוירען געוואָרען, און וואוינט אין דעם נאָך אויך הײַנט, איז אין אַ נידעריג פּאַרטער-הײַזעל, וואו עס געפֿינען זיך פֿיער אַזעלכע צימערלעך, ווי אין די אָרימע גאַסען אין אָסט-לאָנדאָן. אין אַזאַ אָרים געסעל געפֿינען זיך גאַנצע פֿיערציג הײַזלעך, און ווערענד יעדע פֿאַמיליע וואוינט אין צווײ צימערלעך, איז די צאָהל אײַנוואוינער פֿון אַזאַ געסעל אַן ערך פֿון הונדערט. אַנטקעגען די אָרימע געגענדען איז נאָך די גאַס, ניִשט די אָרימסטע, און אדרבה, לויט'ן ערך איז זי נאָך אויסגעצײַכענט אין רײַכטום און ברײטקײַט. די הײַפֿען, די פֿאָר-הײַזער, די טרעפּ און פֿאַר די הײַזלעך איז פֿול פֿון קינדער, דאָרט שפּאַצירט טריט בײַ טריט אַ מײדעלע פֿון אַ יאָהר זעקס און טראָגט אויף איהרע הענדטלעך, איהר זעקס-חדשים'דיג שוועסטערל. דאָרט לויפֿען אַרום לאָבוסעס, שפּיעלען זיך, עסען, שטיפֿען און קריגען זיך, יונגעלעך און מײדעלעך, סײַ זומער, סײַ ווינטער, ווי זײ וואָלטען ניִשט שפּירען קײן קעלט און קײן היץ. זײ זענען אײַנגע-

וויקעלט אין שמאַטעס, מיט געלע קעפּלעך, די קניהען אין דרויסען, און באָרפיסע פיסלעך. צום שפּיעלען האָבען זיי אַ שטעקעל אָדער אַ קליפּה מיט ביינדלעך אָדער זשאַבע-שיסעלעך פון די וואַסערן פון דערנעבען. און אַ חוץ דעם פעהלט זיי גאָר ניט מעהר.

דאָס צימערל, וואו ליזאַ וואוינט, איז אויסמעבלירט לויט דעם געשמאַק און געברויך פון איהרע עלטערען: אַ טישעל, צוויי שטוהלען, אַ קאָמאָד, אויף איהם שטעהט אַ קויל פון גלאָז, וואָס פון אינוועניג זעהען זיך קינסטליכע בלומען. דאָס איז די שענסטע צירונג אין דעם צימער. פון ביידע זייטען דער קויל שטעהען טעלער, גלעזלעך און מעהרערע ליידיגע פלעשלעך פון מיקסטורען און מעדיצינישע טראָפּען — פון שענקייט וועגען. אין די שופלאָדען פון קאָמאָד געפינען זיך עטליכע שטיקלעך וועש און קליידלעך, וואָס די פאַמיליע טראָגט נישט פאַרלייפיג. אויפ'ן טישעל שטעהט אַ טהיי-טאָפּ, אַ גלגול פון סאַמאָוואַר, וואָס איז זיי געבליעבען צום אַנדענקען פון זייער געבורטס-אָרט, עטליכע שטיקלעך ברויט און אַ שיסעלע מיט מאַרגאַרין-פוטער, וועלכע איז זעהר גאַנגבאַר צווישען די לאָנדאָנער יודען. נאָר ווען ליזאַ איז אונטערגעוואַקסען האָט זי בעמערקט, אַז פון צייט צו צייט ווערען די שופלאָדלעך פון קאָמאָד אויסגעליידיגט און דער קאָמאָד אליין ווערט נעלם אויף אַ פּאָר וואָכען פון שטוב אַרויס. אַז עס פערפעהלט אין קעשענע און קיין אַרבייט איז נישטאָ, ווערען צו ביסלעך אַרויסגעטראָגען די שטוב-זאַכען אין לאָמבאַרד אַריין.

ליזאַ'ס עלטערן זענען נישט די אָרימסטע, פערקעהרט, אַ סך מענשען זענען זיך מתקנא אין איהר פאָטער, זיין פאַמיליע און פריינד פון זיין געבורטס-שטאָדט, פון וואַנען ער איז אַהער געקומען. ווען זיי דאַרפען אַ קינד חתונה מאַכען, שרייבען זיי צו איהם געבעט-בריעף, מיט גרויסע און ברייטע טיטולען. „הגביר", „האדיר" און בעטען פון איהם שטיצע. און אפשר איז ער טאַקי געגען זיי אַ גביר. ער אַרבייט שניידעריי אין אַ פאַבריק, און ווען ער זאָל נישט דאַרפען צו שיקען עפּעס געלד אַהיים פאַר זיין אַלטע מוטער און אויסגעוואַקסענע שוועסטער, און ווען ער זאָל אַ גאַנץ יאָהר כסדר אַרבייטען און נישט מוזען אויפהערען אין דער סטרייקצייט, וואָלט ער זיך טאַקע קאָנען ערלויבען צו וואוינען אין אַ

גרעסערע דירה. נור איך יעצט, ווי עס איז, פעהלט זיי נישט, חלילה: זיי קליידען זיך, שוכען זיך און שפייזען זיך לפי הערך נאך גאנץ ברייט, אמת, אז די מסכת „ערכין" האט אסך פרקים... אבער מען לעבט.

ליזא'ן האט די מוטער נישט אזוי איידעל ערצויגען פון איהר יוגענד אן. די לאנדאנער לופט הארטעוועט. אז ליזא'ן איז געווארען נאר א פאר חדשים, פלעגט איהר די מוטער צו־קאר־מען מיט שטיקלעך ברויט, געווייקטע אין וואסער: צום יאהר האט זי שוין געגעסען ברעקלעך פלייש און פיש, פערטרונקען מיט טראפען ביער: דאס פראסטע ביער איז זעהר באליעבט ביי די פרעמדע און יודישע פרויען און זייערע קינדער, וואס וואוינען אין אסט־לאנדאן. ליזא איז אזוי צוגעוועהנט געווארען צום ביער, אז דאס איז ביי איהר פיעל בעסער, ווי די געפארבטע טהיי.

צו 4—5 יאהר איז ליזא געגאנגען אין שולע, עס איז דארט דא עטליכע שולען פאר יודישע מיידלעך, און זי איז געגאנגען אין דער, וואס איז נעהנטער צו זייער וואוינונג. דריי זאכען לערנט זי דארט אין שולע: צו זיין געהארזאם, צו זיצען רוהיג און צו האל־טען זיך ריין. מעהר פון אלעם ווערט בעאבאכט אויף דער לעצטער לעהרע: וועגען ריינקייט אמאל פלעגט מען דארט באדען די שילערינס איין מאל אין דער וואך און היינט — יעדען טאג. אז זי קומט אין שול פערברודיגט, טרייבט מען זי ארויס. די שילערין לערנט דארט עטליכע יאהר, אבער זי לערנט זיך נישט אויס פיעל. טייל פערלאזען די שולע און קאנען אפילו נישט רעכט שרייבען און לעזען, דערפאר אבער לערנט זי זיך דארט ארדנונג, ריינקייט און גוטע זיטען. אין דעם בעשטעהט די גאנצע לעהרע אין ענגלאנד אין די נידריגע שולען, אבער דאס איז זעהר נויטיג. אויסער דעם האט זיך ליזא אויסגעלערנט א ביסעל לעזען העברע־איש און דעם טייטש פון ברכה זאגען און פון דאווענען, אבער זי האט עס גיך פערגעסען.

צו פיערצעהן יאהר האט ליזא די שולע געענדיגט. זי וואקסט הויך און שטארק, איהרע געזיכטס־ציגע זענען פראסטע, אבער זי זעהט נישט שלעכט אויס. זי זעהט אויס פול מיט לעבען און געזונד. זי איז שטענדיג אויפגעלעגט צום לאכען, שטענדיג אויפ־

געלעגט צום טאַנצען: קוים הערט זיך נאָר פון דער גאס דאָס שפּיעלען פון אַ קאַטערינקע, איז זי די ערשטע צום טאַנצען און שלעפּט מיט די קאָלעגעס און קאָלעזשאַנקעס. זומער-צייט זעהען זיך אַזעלבע טענצליך אָפט פאר די יודישע הייזלעך אין אויטשטשע-פּעל, דאָס איינציגע און בעסטע פערגניגען פאר די אָרימע קינ-דער. — זי, ליזא ענטפּערט געשווינד, ווי אַ פייל פון בויגען און שטענדיג צו דער זאַך. דורך איהר פלינקקייט און דאָס מערקזאַם-קייט פון איהרע אויגען, וואָס זיי האָבען ליעב אַלץ צו בעטראַכטען און צוליעב איהר זייטיגען קוק—ציהט זי אויף זיך פערדראַבט פון די גאַ-סען-פויגעל, די שפּערלינגס..—דער איינציגער פויגעל, וואָס זי קאָן.— זי איז אַ גוטע און נאַטור, נאָר איהר אייגענליעבע. איהר זיך וועט זי אויף איין מינוט נישט פערגעסען זי איז נישט דערגעגען און שעלט נישט איהר ברודער, ווען ער שכור'ט זיך אמאָל אָן, אָדער ווען זאָגאר ער שלאָגט זי. אָט די אָפּטע זאַכען ברייננגען זי פון געדולד נישט אַרויס.

דאָס ווייסט זי פון פּראַקטיק! אין דער שולע האָט זי דאָס נישט געלערנט. זי קאָן נישט זאָגאר די שטאָדט לאָנדאָן, זי איז נאָך קיינמאל נישט אַרויס פון דעם קוואַרטאַל, וואו זי איז געבוירען. אָבער עס פעהלט איהר נישט קיינמאָל קיין זאַכען פון וואָס צו רעדען, מיט איהרע קאָלעזשאַנקעס רעדט זי וועגען דער צוקונפט, פון די קומענדע גליקליכע טעג, ווען זי וועט אויך קאָנען, אזוי ווי איהרע עלטערע שוועסטער, געהן ווען און וואוהין זי וועט ווע-לען, אויף קאָנצערטען אין „מוזיק-האָלל", אין טעאַטערס אָדער שפּאַצירען, אין דער גרויסער אויטשעפּלער גאס געאַרעמט מיט איהר בעליעבסטען. זי רעדט מיט זיי וועגען דער מאָדע, די נייע פאַסאָנען, קליידלעך, הוטען, זשאַקעטען א. ד. ג. און איסער דעם זענען דאָ טויזענדער פאַרפאַלען אין גאס, וואָס ס'איז דאָ וועגען זיי צו ריידען: וועגען קראַנקהייטען, אומגליקען, קריעגערייען, פּראָצעסען אין סוד און נאָך. איהר שפּראַך איז מעהרער ענגליש, פערמישט מיט יודישע פערענגלישטע ווערטער.

אזא פיערצעהן-יעהריג מיידעל אין אויטשעפּעל געהט שוין נישט ארום ליידיג. און אויך ליזא האָט זיך בעדאַרפט נעה-מען צו עפּעס אַ מלאכה. זי קאָן געהן אין פאַבריק באַנדראָלען

קלעבען , פּאַפּירלעך צו שנײַדען , פּלעשלעך וואַשען . אָבער די מלאכות געפעלען איהר נישט . איהר מוטער און איהרע שוועסטער אַרבײַטען אין אַ שנײַדער-פאַבריק און אויך זי וויל דאָרט געהן אַרבײַטען. זי פערדינגט זיך אַהין צו קומען יעדען טאָג האַלב-אַכט אין דערפריה צו דער אַרבײַט , אין אַ גרויסע שטוב אַרײַן, וואו עס אַרבײַטען פיעל פרויען און מײדלעך. אין אָנפאַנגס געפעהלט איהר די אַרבײַט זעהר . זי האָט ליעב צו זײַן צווישען אַ סך מענשען, מענער און פרויען . זיס קלינגט איהר אין די אויערן דאָס רוישען פון די נײַה-מאַשינען . אַנגענעהם איז איהר צו קוקען אויף די פּנים'ער און די אַלע בעוועגונגען פון די אַרבײַטער , און מעהר פון אַלעם איז איהר ליעב דער טאָג , ווען מען צאָהלט אויס די אַרבײַטער זײער וואָכען-געלד, דאַמאָלס בעקומט זי אויך אַ זילבערנע מטבע, מיט וועלכער זי קאָן זיך אויך עפּעס פערגינען .

אין אָנפאַנגס פערדיענט זי פינף שילינג די וואָך . פון דעם גיט זי אָב אַ טײל איהר מוטער , צושטײַער צו פּרנסה . פון איבעריגען קלײדט זי זיך און עס בלײַבט איהר נאָך אויף אַ גאַנצע וואָך מיטאָגען . מיטאָג עסט זי צוזאַמען מיט די אַנדערע פאַבריק-מײדלעך, נעבען דער פאַבריק, אין אַ מאָוס'ען, שמוציגען, הײמישען גאָרקיך , אויף וועלכען עס שטעהט אין די שויבען אויפגעשריבען „כּשר". די בעל-הבית'טע פון גאָרקיך האָט אַמאָל געאַרבײַט אין דער פאַבריק און נאָך איהר חתונה האָט זי זיך דאָ דאָס גאָרקיבעל געעפענט . ליזאַ עסט דאָרט גאַנץ געשמאַק, נאָר אַממעהרסטענטײל געהט זי אַוועק פון מיטאָג אַ הונגעריגע .

ביסלעכווײַז ווערט איהר די אַרבײַט צולעסטיג . זי קלאָגט זיך, ווען זי הערט אַנדערע זיך בעקלאָגען, אָבער נאָר מיט'ן מיל. נישט אַלעמאָל איז זי פערנומען בײַ דער אַרבײַט . ווינטער ווערט זי בעפרײַט 7 און זומער — 6 אַ זײגער אָוועגד. און שבת איז זי פרײַ פון מיטאָג אָן ביז מאָנטאָג פריה . דער פאַבריקאַנט וויל גאָר פון שבת נישט וויסען , חאָטש דאָס בית-דין האָט שוין צו איהם פיעל מאָל געשיקט , געבעטען, געוואָרענט און געשטראָפט . ליזאַ'ס עלטערן איז אויך נישט אַזוי שטאַרק געלעגען דער שבת : איהר פאָטער האָט דורך אַ צופאַל געקראָגען אַרבײַט אין אַ פאַבריק,

וואו מען אַרבּייט נישט אום שבת.—דאָס יודישקייט איז דאָרט זעהר שוואך, אפילו די מענשען פון המון, וואָס האָבּען נישט קיין פרייע געדאַנקען, נאָר ווייל זיי האָבּען זיך איינגעוועהנט, דאַכט זיך זיי, אַז מען מעג אַזוי, און אין די פרייע צייטען פיהרט זי זיך ווי אַלע איהרע קאָלעזשאַנקעס, און אין די אָוועָנדען שפּאַצירט זי אַרום אין דער הייפּט-גאַס פון דעם קוואַרטאַל אַהין און צוריק, מיט די הענד אַרונטערגעלעגט מיט איהרע קאָליעזשאַנקעס פון בּיידע זייטען. און, ווי געוועהנליך, בּעגעגענט מען זיך מיט יונגע מענשען, וועלכע ווינקען, ריידען אַ גלייכוואָרטעל, אַ קאָמפּלימענטיל, און זי קאָן זיך געפינען און צוריק ענטפערען. אַמאָל פלוידערט מען אַבּיסעל און אַז עס איז גוט אויפ'ן הארצען, טרינקט מען צוזאַמען אַ גלעזעל בּיער. אַמאָל גערט זי אין „מיזיק-האָלל“ און מען פלאַפּעלט מיט די קאָלעזשאַנקעס מעהר ווי מען הערט. אין גאַס, וואו זי וואוינט, מישט זי זיך אין אַלע צאַנקערייען, וואָס קומען דאָרט פאָר און מאַכט אַמאָל שלום און אַמאָל גאָר פערגרעסערט זי די קריעג.

אַז ליזאַ ווערט אַלט 17 יאָהר, איז זי שוין גייסטיג העכסט ענטוויקעלט. זי קאָן שוין דאָס לעבּען פון אַלע זייטען; זי נעהמט שוין דעם גרעסטען געהאַלט, וואָס קאָן שוין מעהר נישט זיין; איהר טעמפּעראַמענט איז שוין צייטיג און גענצליך פאַרטיג; זי האָט אַ געזעצטע דעה וועגען גוטס און ש"עכטס. אַז זי ערלויבּט זיך אַמאָל צופיעל, בּיים שפּאַציער אָדער בּיי אַ גלעזעל בּיער, טהוט עס איהר נאַכהער שטאַרק באַנג; זי ווייסט צו שעצען די עלטערן, צו העלפען זיי. נאָר איהר פרייהייט צו שטערען, איהר זעלבּסטשטענדיגקייט—פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט.

ליזאַ בּעזיצט נישט פאַר קיין צובּראָכענעם שילינג יודישקייט. אמת, די נאַטור איהרע איז אַ יודישע, אין איהר פנים איז צו דערקאָנען דעם יודישען שטעמפּעל, אָבּער געפיהל וועגען איהר שטאַמונג, איהר נאַציאָנאַליזם, דאָס בּעזיצט זי גאָרנישט. זי ווייסט נאָר, אַז זי איז אַ jowess—אַ יודישקע, און אַז דאָס איז נישט קיין גרויסע זינד. זי ווייסט, אַז אין אַנדערע ערטער איז פיעל ערגער און דאָ אין לאָנדאָן האָט מען נאָך רחמנות, זי ווייסט אויך,

אַז אפילו דאָ אין לאָנדאָן איז אַ מיידעל, נישט קיין jowess, פֿיעל בעסער, אָבער עס איז אַ פֿערפֿאַלענע זאַך. דאָס רעליגיאָנס-געפֿיהל איז דאָ זעהר טונקעל. די קריסטען-מיידלעך ווייסען, אַז זיי מוזען געהן אין קירכע. זייערע תפילות זענען אין זייער רעדענס-שפּראַך, זיי לעזען אין זייער שפּראַך, זייער „טעסטאַמענט“ איז אין זייער שפּראַך, זיי וואַקסען מיט איהם אויף, זייערע עלטערן דערצעהלען פֿון איהם און די קינדער ווערען מיט איהם ערצויגען. די יודישע מיידלעך אָבער — אין סינאַגאָגע געהען זיי נישט; אין די שולען לערנט מען כמעט ווי גאָרנישט, אָבוואָהל מען וויל דאָרט איינפֿלאַנצען די רעליגיאָן, אָבער דאָס איז נאָר אַנ'ארט אַלטער מנהג; די פֿאַבריק לעשט אויס דעם לעצטען פֿינק פֿון רעליגיאָן; די היים איז אויך ווי גאָרנישט. ערשטענס, רעדען די עלטערן מיט זייערע קינדער גאַנץ וועניג וועגען רעליגיאָן, און, צווייטענס, זענען די קינדער דאָרט וועניג געהאָרזאַם זייערע עלטערן. איבער-הויפּט אין רעליגיאָן-זאַכען. ראש-השנה, יום-כפור געהט ליזא מיט איהרע קאָלעזשאַנקעס צו צו דער נאָהנטער שוהל. אָבער זיי שטעהען אין דרויסען, פּלאַפּלען און לאַכען אָב פֿון אַנדערע.

צו 18 יאָהר אַלט קריגט ליזא אַ „ליובאָווניק“, אַ הוטען-מאַכער, אַ זוהן פֿון איינגעוואַנדערטע יודען אין ענגלאַנד, וואָס איז ביז יעצט געוועזען אין „לידס“. ער איז שוין אַלט 24 יאָהר. אין לידס איז איהם צו-לאַנגווייליג געוועזען, איז ער געקומען אין לאָנדאָן מיט די „צעהן-פֿינגער“ זוכען פּרנסה און האָט געפֿונען אַרבייט אין אַ הוטען-פֿאַבריק. פֿערביינגעהענדיג אמאָל אין גאַס, האָט ער בעגעגענט ליזא'ן שטעהן פֿאַר דער טהיר, ווען מען האָט געשפּיעלט אין דרויסען אויף אַ קאַטערינקא, און ער האָט אָנגעהויבען:

— מיר שיינט, אַז איך האָב שוין די עהרע געהאַט איהן צו דערקענען ערגעץ-וואו, אָבער איך געדענק נישט איהר נאָמען.

— איך הייס ליזא ראָבינזאָן.

דאָס איז געוועזען דער אָנפֿאַנג און נאָך דעם זענען פֿאָרגעקומען פֿערשיעדענע שמועסען. און אַ קליינע צייט אַרום האָבען איהר די קאָלעזשאַנקעס געטראָפֿען שפּאַצירען אין גאַס מיט איהר חתן. יעדען זונטאָג געהט זי מיט איהם שפּאַצירען אין

גאָרטען, — און ווען מען איז רייך אין געלד — אויף אַ פֿערוויילונג אָדער מען פֿאָהרט אַביסעל אַרוים שפּאַצירען אונטער׳ן שטאָדט, מיט דער באַהן אָדער שיף.

מיט דריי חדשים שפּעטער האָט ליזאַ חתונה. זי נעהמט חופּה וקדושין אין דער נאָהנטסטער שוהל, זי טראָגט אַ סאַטין קלייד און איז אויסגעפּוצט און אויסגעשמוקט, ווי צו אַ חופּה. איהרע קאָלעזשאַנקעס געהען אָנגעטהון אין גרינע, רויטע, און בלויע זיידענע קליידער. נאָך דער חופּה געהען די מחותנים, די חתן־כּלה און די געסט צו איהר פֿאָטער אַהיים, מען עסט, מען טרינקט און מען טאַנצט ביז אין דערפֿריה.

נאָך דער חתונה געהט נאָך ליזאַ אַ קליינע צייט אַרבּיי־טען אין פֿאַבריק, דערנאָך הערט זי אויף צו אַרבּייטען און די גאַס ווערט בּיסלעכווייז רייכער מיט נאָך אַ 3—4 פּאָר יונגלעך מיט מיידלעך, וועלכע וועלען מיט דער צייט אויך, ווי זייער מוטער, זיך שפּיעלען אין גאַס, נאָכהער געהן אין שול, אַרבּייטען אין פֿאַבריק און וועלען פֿערברענגען זייער גאַנץ לעבען אין דער גאַס און אַ פּאָר נעבען גאַסען. און אַז זיי וועלען שטאַרבען, וועלען קומען די שמשים געקליידט אין שוואַרצען, זיי אַוועקפֿיהרען און בּעגראָ־בען אויפֿ׳ן בית־עלמן, און אויף דער גאַס וועט נישט קענטיג זיין, אַז עס פֿעהלט עפּעס.

גאַסען־שטויב...

אונטער דער באנק.

נישט איינמאל האט איהר געזידעלט און געשאלטען, וויפיעל איהר האט אליין געוואלט די, וואס פער׳גנב׳נען זיך און פאהרען אויף דער באהן מיט פאלשע אדער גאר אהן בילעטען. מיר אבער שטעלט זיך פיעל מאל פאר אזא שטיינער „גנב״, חעלבען איך האב אליין נאך בעשיצט און ביז היינט נאך בעדויער איך איהם.

די מעשה איז געשעהן מיט פיעל יאהר צוריק.

איך בין געפאהרען אויף דער באהן אין דריטען קלאס. עס איז געוועזען אויף א וועג, וואו די געגענד ארום איז אלץ יודישע שטעדט און שטעדליך, און אלע פאהרער זענען געוועזען אחינו בני ישראל, סוחרים קליינע און גרויסע, שפיליטערס און גלאט יודען, וואס פאהרען ווער צו א רבי׳ן, און ווער אין אנ׳אנדער שטארט ארייו זוכען פרנסה: אוי, איז דאס א נסיעה! אנ׳איינגשאפט, א געשרייערי, א געפילדערי, א געזידלערי, און א געשפאטערי, אז איין גאט זאל זיך דערבארמען! דארט געהען נישט אן די דינים פון שלי שלך: מיינס אדער דיינס, אפילו וואס אנבעלאנגט אין דיינע אייגענע אברים. דו ווערסט געקוועטשט, זיצענדיג, אין געשטופט שטעהענדיגערהייד. און טאמער טרעט דיר איינער אן אויפ׳ן פוס און טרעפט דיר, ווי להבעים, פונקט אויפ׳ן בעסטען ארט, אויף די נאגניאטקעס פון די שפיץ פינגער, אז עס פערקלעמט דיר אזש אין הארצען — ווערסטו אפילו קיין פשעפראשאם אדער פארדאן נישט הערען; דו מוזט נישט־ווילענדיג — אפילו ווען דו רויבערסט נישט און האסט דיר שוין אויסגעזובט א „ניע־קוראשצי וואגאן״ — אין דיר איינשעפען דעם רויך פון א לולקע

אָדער פֿון אַ „טראַטואַר־ציגאַר", וואָס יענער בלאָזט דיר גלייך פֿון זיינעם אין דיין מויל אַריין; היינט די קאָסטענס, די קוויבערס, די פּעק און די זעק—די פֿערצאַמען דיר גלאַט דעם וועג, זאָלסט נישט קענען נישט אַהער, נישט אַהין.

נאָך פֿיל מיה האָט מיר געלונגען צו פּאַקען איין אָרט נעבען פֿענסטער. דאָרט איז מען, אַמוועניגסטען, זיכער מיט איין זייט: מיט דער זייט, וואָס נעבען דער וואַנד, זאָל נישט ליידען קיין שטורכען און שטויסען, און צו קענען איבערהויפּט אַביסעל פֿרישע לופֿט אָטעמען, אַראָבלאָזענדיג דאָס פֿענסטערל פֿון וואַגאָן. אָבער קוים האָב איך נאָר וואָס אַרונטערגעלאָזט דאָס פֿענסטערל ביז אין דער העלפֿט, איז איינער צו מיט אימפּעט פֿון דער אַנדערער זייט וואַגאָן, נישט בעמערקט צי טרעט ער אויף מענשען, צי אויף געפּעק, און מיט כּעס צוריק עס פֿערמאַכט.

— עס זיצט דאָרט אַ פֿרוי מיט אַ קראַנק קינד! די שײעבטע, איינגע לופֿט און דער רויך איז פֿאַר'ן קינד פּראָסט סם־המות! לאָז אַ ביסעל דער עיפּוש אַרויס! לאָז אַריין אַ ביסעל ריינע לופֿט!

און דער גאַנצער עולם האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ וואָלף צווישען אַ סטאַדע שעפּסען, ווי איינער, וואָס טהוט די גרעסטע עולה. נאָר לאָז זיין אַזוי, אָבער צו האַלטען מיינע פֿיס אונטער'ן באַנק, אונטער מיין שטיקעל פּלאַץ, וואו איך זיץ, קאָן מיר, דאַכט זיך, קיינער נישט שטערן.

און מען שטערט מיר נישט... אָבער קיין אָרט איז נישטאָ. אויך דער „אונטער דער באַנק" איז פֿערנומען. איך קאָן קיין פֿוס נישט אַרונטערשטעקען. איז דאָרט מיט פּעקלעך פֿערפֿולט? וועל איך זיי קאָנען אָוועקרוקען אין אַ זייט! און איך טאַפּ מיט די פֿיס: אַ גרויסער פּאַק, גרויס און רונד פֿערפֿולט דעם גאַנצען „אונטער דער באַנק"! טאַפּענדיג מיט די פֿיס האָב איך געשפּירט, ווי עס ריהרט זיך עפּעס. וואָס איז דאָס? און איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז עס געפֿינען זיך אייך פֿערבאָרגענע „אונטער דער באַנק" פּאַסאַזשירען און איך דענק:

— אפשר ליגט דאָרט אַן אָרימאַן, ער האָט נישט אויף קיין בילעט און ער מוז פֿאָהרען, עס געהט איהם אום לעבען? אָבער אַן אָרימאַן טאָר דאָך אויך נישט גנבנ'ען. און אַ גנב

דאַרף מען דאָך אַרויסגעבען, — עס איז אָבער נישט שען צו זײַן אַ מסר. — נאָר טאָמער איז זײַן בעהאַלטען זיך עפּעס אויך נישט גלאַטיג... עס איז אָבער פאָרט נישט אָרענטליך צו זײַן אַ מסר... דער דין זאָגט: חאַפּ איהם, גיב איהם אַרויס, די וועלט אָבער פיהרט זיך נישט אַזוי, און ווער ווײַס אויב אַ מנהג איז נישט שטאַרקער פון אַ דין? די דינים קומען דאָך אויך נאָר, אײַגענטליך, אַרויס פון די פריהערדיגע מנהגים...

ווער עס קלערט אַ סך, דער טהוט גאָרנישט.

איך זיץ און היט זיך נישט אָנצוריהרען מײַנע פיס אין לעבעדיגען באַגאַזש פון „אינטער דער באַנק". אַך, וואָלט איך קענען עפּעס אַ מין כשוף מאַכען, ער זאָל נעלם ווערען... און דאָס האַרץ טהוט מיר שרעקליך וועה! אונטער דער באַנק, וואָס איך זיץ אויף איהר, ליגט אַ מענש צונויפגעוויקעלט און צונויפגעקאָרטשעט, אַ מענש, אַזוי ווי איך! און שיעור האָב איך אויף איהם געטראָטען מיט מײַנע פיס, ווי אויף בלאָטע און מיסט! זאָל איך איהם אַפּירנעהמען און בעצאָהלען פאַר זײַן בילעט? טאָמער שאָד איך איהם נאָך? טאָמער מוז ער זײַן בעהאַלטען? און ווי אַזוי פערשעהמט מען דאָס אַ מענשען! און רײדען צו איהם האָב איך נישט געקענט.

די קאָנדוקטאָרען זענען אַרײַן אין וואַגאָן און איך העך, ווי דער לעבעדיגער באַגאַזש טוליעט זיך נאָך מעהר אײַן, און נאָך זײַער אַרויסזעהן גלײַבט ער זיך ווידער עטוואָס אויס.

מיעד בין איך געוואָרען פון דער אײַנגער לופט, איך שוויץ פון דער גרויסער היץ און אײַנגשאַפּט, עס דאָרשט מיך שרעקליך! צום גליק זענען מיר צו צו אַ סטאַציע, די באַהן האָט זיך געשטעלט און איך בין אַרונטער, אַביסעל זיך אויסגלײַכען און פרישע לופט אײַנאָטעמען. שטעהענדיג אויפ'ן פּלאַטפאָרמע, האָב איך נאָכמעהר רחמנות געקריגען אויף דעם פון „אונטער דער באַנק", פאַרוואָס זאָל ער אויך נישט געניסען אַביסעל רײַנע לופט! ער קאָן דאָך פראָסט דערשטיקט ווערען דאָרט, ליגענדיג! נאָכ'ן צווײַטען קלונג — צום צווײַטען, אַז די באַהן הויבט באַלד אָן צו ריהרען — בין איך צוריק

ארויף, אָבער מײַן פּלאַץ איז שוין פאַרנומען. איך האָב מײַן רײַזע-טעשעל דאָרט געלאָזט ליגען צום צײכען, אז דער פּלאַץ איז פאַרנומען, אָבער װעלכער יוד קוקט אויף אזעלכע קלײניגקײטען?...
א רויטער קרעמער מיט א לאַנגען קאַלטאָנאָװאַטען באָרד, און געהרעד מיט איהם פון עטיקעט! ער האָט דאָס רײַזע-טעשעל, חלילה, גאָר נישט געטהון, נאָר אראָבגעלעגט עס אויף דער ערד און אַלײן זיך אנידערגעזעצט.

איך בין שטאַרק אויפגערעגט געװען און געקלערט אָנגעהמען איהם בײַם קאָלנער און אראָבװאַרפען, װי ער האָט געטהון מיט מײַן רײַזע-טעשעל. אָבער באַלד בין איך אָבגעקיהלט געװאָרען און, אָנקוקענדיג דעם קרעמער, האָב איך צו זיך אַלײן געלאַכט אין געדאַנק.

— א שענער משל איז דאָס — האָב איך מיר צו זיך אַלײן געװיצעלט — דער רויטער קרעמער מיט דעם קאַלטאָנאָװאַטען באָרד װײסט נישט װאָס עטיקעט איז? ער װײסט נישט, װאָס הײסט דרך-ארץ. אװאַ! געפונען א שטרוי אין א שטרוי-זאַק, א פעדער אין אַנ׳איבערבעט! פאַרװאָס קעמט ער זיך נישט אויס זײַן קאַלטאָנאָװאַטען באָרד? קולטור, קולטור! בין איך געשטאַנען געגענאיבער מײַן רויטען ברודער און געקלערט: צי װעל איך דעם נאָך מאַכען אמאָל פאַר א מענש? איהם? אָדער זײַן זוהן?

אַנגעלעהנט צו דער באַנק פון דער צװײטער זײַט, בין איך געשטאַנען פערטראַכט. איך האָב שוין כמעט װי פערגעסען אין דעם פון אונטער דער באַנק. פון מײַן רויטען ברודער מיט דעם קאַלטאָנאָװאַטען באָרד איז מיר קײן שלעכטס נישט געשעהן, נאָר דעם „שוכן עפר“, דעם פון „אונטער דער באַנק“, יאָ. דער רויטער, אַנטאַפּענדיג מיט זײַנע פיס דעם לעבעדיגען באַגאַזש, האָט געשפירט װי עס רודערט זיך עפּעס און האָט אָנגעהויבען מיט די פיס שטאַרקער צו שטויסען. און פון אונטער דער באַנק האָט זיך געהערט א מין קרעכצען. און דער סוד איז ענטדעקט געװאָרען! דער ערשטער איז געװען דער רויטער, װאָס האָט אָנגעהויבען טאַפּען אונטער דער באַנק מיט די הענד און מיט די פיס, און נאָך איהם אַלע אַנדערע, װאָס זענען דערנעבען געזעסען און

דאבײַ זיך געזעגנט און געלאכט נישט, חלילה, לשם מסירה, נאר אביסעל זיך פרעהליך צו מאכען.

— עפעס א לאפסערדאק ליעגט אונטער מײַנע פיס, לאמיר איהם ארויסש־עפען — האט דער רויטער געזאגט צו א קריסט, וואס איז געזעסען געגענאיבער איהם, כדי פארצושטעלען זיך אלס עהרליכער מאן.

באלד האט מען דעם אונגליקליכען ארויסגעשלעפט. עס האט געשניטען בײַם הארצען איהם אנקוקענדיג. זײַן פנים איז געװען פערשמירט מיט בלאטע פון שטויב און שוױס, זײַן היטעל און קאפאטע מיט גרויסע פלעקען פון זאמד און איז געשטאנען צובראכען, אײַנגעבויגען, פונקט ווי עס וואלט זיך איהם דאכטען, אז ער ליעגט נאך אלץ אונטער'ן באנק.

— ווער ביזטו? וואס איז דײַן געשעפט?

אבער ער דאט קײַן ווארט נישט געענטפערט.

א יודישער בחור פון בית־המדרש, אנ'ארימער בחור, א יונגער — דאס האט מען דערקאנט אין איהם. און דאס רעדעל ארום איהם האט זיך פערגרעסערט און פערברײַטערט, און די יודען ארום האבען זיך אנגעהויבען ווי־צלען. און וואס איז, באמת, אזעלכע יודען מעהר געבליבען, ווי דאס ביסעל ווינצלען זיך?...

— ער האט זיך געקאלערט גלגול מחילות, און איז פלוצלונג אויפגעשטאנען תחית־המתים, ווײַסט ער נישט, וואו ער איז אין דער וועלט.

— ער פאהרט אודאי אין א ישיבה ארײַן און לערנט זיך מקיים זײַן: ועל הארץ תישן.

— לאזט איהם אפ! ווי זאל ער רעדען. אז ער פאהרט דא אלס באגאזש?

און די קריסטען, וואס זענען געווען אין דעם רעדעל, האבען אויך פון איהם גע'לצ'ט, אבער שוין מיט די הענד: אײַנער האט איהם געגעבען א ריס בײַם אויער, אײַנער בײַ דער פאה, און גלאט איהם אנגעהויבען ווארפען אהין און אהער. דאמאלס האבען די יודען אנגעהויבען שרײַען:

— לאזט איהם אפ! שא, שא!

אויף דעם שרײַען זענען אנגעקומען א פאר קאנדוקטארען.

זיי האָבען איהם געוואָלט נעהמען, און איך האָב מיך קוים צוגע־שטופּט צו זיי, זאָגענדיג:

— ער איז מיין, מיין משרת. ניין, מיינס אַ קרוב, ער פאָהרט מיט מיר.

— ער האָט דאָך נישט קיין בילעט!

— איך צאָהל פאַר איהם.

— עס קומט פון איהם שטראָף, דאָפּעלט, פאַר די גאַנצע שטרעקע.

— איך צאָהל.

— מיר ווילען איהם אראָפּנעהמען צום נאַטשאַלניק — האָבען זיי נאָך אַלעם געזאָגט — ער האָט זיך בעהאַלטען און איהר זאָגט, אַז ער איז אייער אַ קרוב. האָט איהר איהם בעהאַל־טען? פאַר דעם איז מען פעראַנטוואָרטליך.

— אַז עס וועט זיין פאַרוואָס, וועל איך פעראַנטוואָרטליך זיין. דאָ האָט איהר מיין בילעט, מיין פּאַספּאָרט, און געלד וויפיעל עס קומט.

און זיי האָבען איהם אָבגעלאָזט.

דער בחור האָט זיין קאָפּ אויפגעהויבען. זיינע אויגען זענען געווען פערגאָסען פיל מיט טרעהרען, און וויינענדיג, האָט ער עפּעס געמורמעלט. איך האָב פערשטאַנען, אַז ער דאַנקט מיר. אייניגע האָבען זיך נאָך געוויצעלט, אָבער שוין שוואַכער. עס האָט אויף זיי געווירקט מיין אַריסשטעלען זיך און, איבערהויפּט, מיין געלד געבען און זיי האָבען נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

דער, פון „אונטער דער באַנק”, איז געוועזען אַנ׳אָרימער, חסיד׳ישער בחור פון אַ קליין שטעדטיל. ער איז געפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט אריין זוכען ווימענשאַפט. זעהר שווער איז מיר אָנגעקימען, איידער איך האָב דאָס פון איהם ארויסגעקראָגען. ער האָט זיך אויך פאַר מיר געוואָלט בעהאַלטען. „ער פאָהרט נאָר דאָרט אהין, ווייל דאָרט זענען אויך דאָ ישיבות און לומדים און ער וואָלט ווילען לערנען אויך דאָס, וואָס אין דערהיים לאָזט מען איהם נישט” האָט ער זיך פאַר מיר פערענטפערט.

אין יענע צייטען האָט זיך שטאַרק געוואָלט פערברייטערן

די השכלה. מיר האבען זיך גאנצע טעג בעשעפטיגט צו ערלייבטען אביסעל די אויגען פון די פינסטערע „קנאים". עס זענען דאמאלס אויך געווען נדבות און צייט דאצו, און איך האב מיך שטארק בעשעפטיגט מיט דעם בחור.

נאר קלער־ט נישט, אז פון דעם „אונטער דער באנק"־בחור איז ארויסגעקומען א מין גרויסער פראפעסאר. ניין, ער איז, ליידער, געבליבען שטענדיג ווי „אונטער דער באנק".

יעדער איינציגער מענש שטרעבט און ארבייט מיט אלע כחות צו קומען צו א מין צוועק. ער אבער האט דאס קיינמאל נישט געזוכט. ער האט זיך געקוועלט, געארבייט נאך איבער די כחות, געזוכט און געשטרעבט אבער אהן א צוועק... אלע מיינע קרעפטען האב איך אנגעווענדט דעם וועג איהם אויסצוגלייכען, די אויגען איהם צו עפנען, דעם קאפ איהם אויפצוהויבען, אבער אומזיסט איז געוועזען מיין ארבייט און ער איז שטענדיג געבליבען הינטערשטעליג. זיין פריהערדיג לערנען אהן א סדר, אהן א טאלק, דאס האט איהם פערדרעהט די געהירען און ער האט זיך בשום אופן נישט געקאנט צוגעוואוינען לערנען מיט א פראגראם: אנהויבען פון אלף און לערנען מיט א סדר ביז תיו. וואס פאר א לימוד ער האט אנגעהויבען, האט ער באלד איהם געוואלט דערגרונדטעווען אהן רעגעלען אהן א גראמאטיק, און איז דאדורך געבליבען שטענדיג אהן א בילעט. אזוי ווי אויף דער אייזענבאהן, אזוי אויף זיין גאנצער לעבענס־באהן.

אין זיין היים, אין זיין קליינעם שטעדטיל, וואו ער איז געבוירען געווארען, האבען איהם ארומגעיאגט פערשטעלטע מענשען, און דא, אין דער גרויסער שטאדט, האבען איהם נישט קיין מענשען געיאגט, נאר רעגעלען און געזעצען.

— דו מוזט דיר אויסלערנען די לעקציע פון דאנען ביז אהער.

אבער ער האט עס באין אופן נישט געקאנט אויספיהרען; אמאל איז ער אריבער צו ווייט און אמאל צופיעל צוריק געשטאנען, און ווען נאר דער לעהרער האט איהם אויסגערופען צו דער לעקציע, האט איהם שטענדיג דער בילעט געפעהלט און ער האט געמוזט זיך בעהאלטען אונטער דער באנק.

פאַר זײַנע אונרעגעלדיגע מעשים איז ער, דאַכט זיך, קײן שטיקעל ברויט נישט ווערט געוועזען, און דאָך האָב איך איהם ליעב געהאַט פאַר זײַן שטרעבען צו וויסענשאַפט. וויסענשאַפט אָדער השכלה — ווי מען האָט זי דאַן גערופען, איז בײַ איהם געוועזען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. עס איז געוועזען זײַן גאַנץ לעבען, זײַן גאַנצער טרייסט. ער האָט קײנמאָל נישט בעדויערט, פאַרוואָס ער איז אַרויס פון זײַן הײם, ער האָט גאַנץ זיכער געגלויבט, אַזוי ווי לאַנג ער וועט לעבען, וועט ער צו קײן שום צוועק נישט קומען. דאָך האָט אין זײַן האַרצען געברענט אַ העליש-פײַערדיגע ליעבע צו וויסענשאַפט.

קײן שטאַרקע פעהיגקײטען האָט ער אויך נישט געהאַט, קנעלען האָט ער נאָר געקאָנט, אַ סך לעזען און אַ סך קרערען, און ער איז אויסגעמאַטערט געוואָרען, זײַנע אויגען זײַנען איהם קאַליע געוואָרען, ער האָט קײן זאַך נישט געענדיגט, און דאָך בײַ זיך געוועזען גאַנץ צופריעדען. ער האָט אין זײַן לעבען קײן זאַך נישט אויפגעטהון, קײנמאָל זיך נישט אַקעגען געשטעלט, נאָר שטענדיג דעם קאָפּ אײַנגעבויגען, און זיך בעהאַלטען. און איך זעה איהם נאָך הײַנט אין געדאַנק, ווי ער איז געלעגען אונטער דער באַנק.

ווי אַ חלום איז ער מיר נאָכהער פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען, און איך בין ערפאַהרען, אַז ער איז צוריק אין זײַן שטעדטיל אַרײַן, שוואַך און קראַנק. דאָס פײַניגען זיך און דאָס שטענדיגע נישט עסען האָט שטאַרק געווירקט אויף איהם. ער איז צוריק אַוועק צו זײַן אַלטער מוטער, זי שפײַזען אויף דער עלטער.

מען האָט מיר שפּעטער אויך דערצעהלט, אַז מען האָט איהם דאָרט אָנגעהויבען פריש צו יאָגען. ער האָט געוואָלט דאָרט געבען שטונדען, אַלס לעהרער. אָבער חברה זענען אַרויס דאַגעגען, און נישט דער רויטער קרעמער, נאָר אַנדערע האָבען איהם אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער באַנק, און ער האָט נישט געהאַט שוין וועמען צו הילף. ער איז שרעקליך פעראָרעמט און געדריקט געוואָרען, נאָר דער טויט האָט אויף איהם רחמנות געהאַט און פון אַלעם בעפרײַט.

דאָס איז, וואָס איך ווייס. עס איז מעגליך, אַז מען האָט

איִהם אויך בעגראָבען „קבירת חמור״: אונטער׳ן פאַרקאָן, ווי דער סדר איז צו מאַכען מיט אַזעלכע חברה־לייט, און צוליעב דער מליצה פון דער ערצעהלונג וואָלט געפּאַסט צוריק צוקומען צום אָנפאַנג—און צו ענדיגען: ער איז געשטאָרבען אויך אַזוי, ווי ער האָט געלעבט: „אונטער דער באַנק״. אָבער דאָס ווייס איך נישט אויף זיכער. איך קאָן עס מיר נאָר פאָרשטעלען.

אנ'אלטע שטאָדט.

(פֿעדערשטריכען).

I.

אַ ליִבּעָ לוּסט אַרוּמצוּגעהן איִן אנ'אַלטער שטאָדט — אַ שטיינער: לוּבלין, בּריסק, קיִעוו. אַ כּפּרה אַלע צאַצקעלעך מיט די „הימעלקראַצערס”, וואָס מען בּויט אויף איִן אַמעריקאַ איבּער נאַכט. ס'האָט עָפּעס קיין קיום נישט; ס'איז עָפּעס ווי אויף קאַטאָוועָס. אַ שטאָדט מוז האָבּען אַ מקום, אנ'אַלטעָ בּית־עולם, אַ געלען יחוס־בּריעף אויף פּאַרמעָט, אַ פּנקס, וואָס מעָהר צוריסען — אַלץ בּעָסער.

איִן אַמשטערדאַם געה איך מיר אַרום ווי איִן דער־היים. גרוי, יוּסט, אָנגעפּאַקט און אָנגעשטאָפּט — נישט מעשה יאָלד; אנ'אַלטעָ גביר'טעָ — אַ רייכקייט, און אַ ביסעל פּערוואָהרלאָזט; קיין עין־הרע — אַווירטשאַפט: נייעָ און אַלטעָ קאַנאַלען, נייעָ און אַלטעָ בּריקען — און איבּער די אַלטעָ מקומות בּרומט אנ'עלעקטרישער טראַמוויי און קלימפּערט סיגנאַלען.

זונטאָג נאָכמיטאָג, אַרויסגעגאַנגען אויף קאַלייערשטראַט. אַ געגעה, אַ געטומעל — אויף די טראָטואַרען און איִן מיטען גאַס. מאַגאַזינען. ס'רוב געשלאָסען, אָבּער טייל דאָך אָפּען. מען איז

אַ ביסעל מקל דעם הייליגען זונטאָג. עסען און טרינק־וואַרג אָפּען; ציגאַרען — אויך אַ מין עסענוואַרג, און אַז מען האַלט שוין ביי ציגאַרען, מעג מען פאַראַסאָלען אויך פערקויפען — און אַז פאַראַסאָלען, איז שוין רעכט אפילו קאַפּעליושען. די קאַליירשטראַט איז מחלל זונטאָג אויפ'ן גרויסען אופן.

דער עולם געהט און געהט, שורות־וויַיז, און אַז מען געהט, זינגט מען טאַקי אויך, אַ ביסעל אַ הפקר־וועלט! קיין פּאַטרולען זעהט מען נישט. אויף אַ תחום שבת זעהט מען אמאָל אַ פּאָליציי־מאַן: הויך (ס'וואַקסען נאָך הויכע פּאָליציי־מענער!) מיט אַ מעשענע כובע, ווי די אַלטע רעמער, און פון אונטער דער כובע קוקען אַרוים לאַכענדיגע אויגען. ער שמייכעלט, דער פסל'ער! ער וואָלט אויך געוואָלט זינגען. איז ער דען נישט אַ האָלענדער? אָבער די מעשענע כובע.

ס'געהען שורות און רעדלעך, און קרייזעלעך, יונגע, מיטעלע, אַלטע. דער פּרצוף נישט מיט גרויס חן, אָבער אָרענטליך, האַלב יאָרגע, האַלב פראַנצויז. זונטאָגס־פּובליקום!

קאַוויאַרנעס זענען פול, ביערהאַלען זענען פול, מען טרינקט ביער אויף פּעסלעך; שענקען זענען שטאַרק צוויליזירט, מען רופט זיי באָלסען, און מען איז זיך מחיה מיט ליקער. מען זיצט נישט אין רשות הרבים, ווי אין פּאַריז, און נישט ברשות היחיד, ווי אין בערלין, נאָר ביי די גרויסע שויפענסטער. ס'זיצען גאַנצע משפּחות, און קליינע קינדער רויכערן לאַנגע ציגאַרען. מען זאָגט, אַז דאָס קלימאַט פערלאַנגט עס.

איך שלעפּ מיך אַרום אין אַ פּעלץ מיט קאַלאָשען, ווי אַ רעכטער פּאָניע, און קלער וועגען וואָיענאָיע פּאָלאָזשעניע. און דער עולם אַרום און אַרום האָפּסעלט אין לייכטע פּאַלטעס און זינגט, און ווער עס רויכערט נישט — קייט טאַבאַק.

איך קוק נאָך אמאָל אָן דאָס שוואַרצע, געשניצטע ראָטהויז, און בעטראַכט דעם הויכען מאָנומענט פון האָלאַנד'ס נאַציאָנאַלגייסט, און שלעפּ מיך ביז קראָנען־קאַפּע, און שטעל מיך אוועק ביי רעמבראַנדט'ס מאָנומענט אין מיטען סקווער. יונג־האָלאַנד שפּילט דאָרט פּאַליאַנט. צי האָב איך אמאָל געשפּילט פּאַליאַנט? אונזערע בחורים האָבען אמאָל געדריידעלט „מיפק

זהועה", היינט דריידלען זיי „טאַטשקע זרעניעס". ווער פון זיי שפּיעלט פּאַליאַנט?

און צוריק אויף די דולען־שטראַט, אין אַבסניא אַריין, זיך געלעגט אויפ'ן זאָפאָ, טויט־מיד, און געלייענט „אַמסטערדאַמער האַנדעלסבלאַט", „סאָציאַלע לעזונגען", „געמיינדע בע־יבטען", „זעען־לאַנדמאַכט", „קערקניערוויס", „שטאַדעסיעאַוס".

איז דאָס אַ מין זשאַרגאָן! און זיי זאָגען, אז דער עיקר לשון איז האָלענדיש און דייטש איז פערדאָרבען האָלענדיש. אפשר זענען זיי גערעכט.

עפּעס אַ הולטיי שרייבט אין פעליעטאָן וועגען קאַרנאַוואַל. זיי ליעגט יעצט אין זין קאַרנאַוואַל!

ער דערצעהלט, ווי „יוליע" האָט זיך „אַמיזירט" אויף אַ „באַל־מאַסקע".

נאָך זענען פאַרהאַנען „יוליעס" און „באַל־מאַסקע'ס"!

דאָך האָב איך מיך דערוואָרט. געקומען אַ יוד! און זיך אוועקגעלאָזט אין די יודישע מקומות דורך הינטערגאַסען, נעבען קאַנאַלען. ס'איז דערווייל געוואָרען פינסטער, און אין די הינטער־גאַסען איז אַזוי שטיל!

ס'איז, בכלל, שטיל אין אַמסטערדאַם, חוץ יענע הויפּט־שטראַסען. דער גאַנצער האַנדעל־וואַנדעל, ס'גאַנצע געטימעל איז אין פּאָרט, אָדער דאָרט, וואו ס'זענען די גרויסע מאַגאַזינען מיט די בליאַגעס. אָבער אַזוי איז דער האָלענדער שטיל, פער־שלאָסען, פערמאַכט. מען ברענגט אין דער־פריה אין הויז אַריין די „פּראָוויזיעס" און מען לעבט אין דער־היים.

אפילו אין די גרויסע באַנקען איז שוין שטיל. ס'זיצען אַ פּאָר מענשען און שרייבען, געשעפטען ווערען געמאַכט שטילער־הייד דורך אַגענטען.

און אַרויסגעקומען אויפ'ן יודישען מאַרק. אָבער יעצט איז פינסטער און שטיל.

פון יודישען מאַרק דרעהען מיר זיך אַרום אויפ'ן יודען־ברייטע־שטראַט, „בתוך עמי אנכי יושב" — נישטאָ קיין גוי, אפילו אויף אַ רפואה.

אָרימע יודען האָבען בעזונדערע גאַסען; אָרימע גוים —

בעזונדערע; רײַכע גוים—בעזונדערע; רײַכע יודען—בעזונדערע.

ביי אונז רופט מען דאָס אויף פויליש „אָדרעבנאָשטש". מען האָט שטאַרק פעראיבעל צווישען אסימילאטאָרען, וואָס יודען זענען אָבגעזונדערט. מען מיינט, אַז דאָס קומט מכח גזרות, מכח פרומקייט, מכח ציוניזם.

וואָס אַנבעלאַנגט גזרות—איז דאָ אַ גן-עדן! זאָל אַ יוד וועלען ווערען אַ גענעראַל, קען ער ווערען—נאָר ער וויל נישט, ער האָט נישט קיין חשק צו דער דאָזיגער מלאכה. פּאָליציי קען ער ווערען. דער אָבערפּאָליצמייסטער איז אַ יוד — אָבער אַזאַ מין אָבגעזונדערטקייט ווי דאָ, איז אין ערגעץ נישט פֿערהאַנען, און דוקא נישט איינגעוואַנדערטע, נאָר אַזעלכע, וואָס זענען מאָבות אבותיהם אין האָלאַנד. ס'קלעבט נישט.

וואָס אַנבעלאַנגט פרומקייט—איז אַ בעזונדערע הלכתא. שרעקליכע גראָבע יונגען! און מכח פערגרעבטקייט קען מען זעהן, למשל, שבת, אַ יוד ווזוגתו תחיה געהען שפּאַצירען, ער מיט אַ ברענענדיגער סומאַטראַ אין מויל, זי מיט אַ שייטעל אויפ'ן קאָפּ.

און די השגחה אויף כשרות אין דער-היים איז מעהר,— ווי אין אייזישאָק. השגחה פון בית-דין אפילו אויף ברויט!

און צוויי קהלות זענען פערהאַנען: די פּאָרטוגעזישע און די אשכנז'ישע.

מיט דער פּאָרטוגעזישער קהלה איז אַ רעכטע טראַגעדיע. אַמאָל איז זי געוועזען דער עיקר. היינט שטאַרבט זי אויס.

אוי, וואו זענען ר' מנשה בן ישראל'ס איינקלעך? און וואו זענען די שפּינאָזאַ'ס?

אַמאָל האָבען זיי זיך נישט געוואָלט מתחתן זיין מיט די אשכנזים. היינט ווילען די אשכנזים זיך נישט מתחתן זיין מיט זיי. מען האַלט זיי פאַר שטומפּיגע קעפּ. אַ מאַסע גייסטיג-קראַנקע. מען זאָגט: ווייל ס'איז געוועזען אַ קליינע קהלה, און זיי האָבען זיך אַלץ צווישען זיך, קרובים, מתחתן געוועזען.

געבליבען נאָך מיליאָנען געלד פון די אַלטע צייטען. טייל „פּאָרטוגעזען" האָבען נישט חתונה געהאַט, טייל געשטאָרבען אָהן קינדער. נאָר די אַלטע, שענע סינאַגאָגע שטעהט נאָך, און דאָרט איז די גאַנצע צערעמאָניע רעכט שפּאַניש.

אָבער דער עיקר זענען אשכּנזים מיט דער גרויסער שוהל, מיט׳ן בית-דין, און מען זאָגט שיעור, און מען פּסק׳נט שאלות — און מען דרש׳נט פרום אויף האָלענדיש.

און דער אָבערראַבּינער אַליין איז שטאַרק פרום, און דוקא אַ פיַיערדיגער ציוניסט. און אַ סך רבנים פון זיַינע תּלמידים—זענען אנטי, און מען קריגט זיך אַרום, ווי אין אונגאַרן.

אַלע קראָמען אויף די ברײַטע יודען-שטראַט זענען יודישע, אַלע דירות, אַלע דאַכשטיבּלעך, אַלע אַלקאָווען—און אַן׳איַינגעשאַפּט און טרעפּען — נישט פאַר מענשען, נאָר פאַר קעץ!

און אַן׳אָרימקיַיט — גאָט זאָל זיך דערבּאַרמען! אַ מאַסע אויגען-קראַנקע.

איצט איז אַביסעלע לייַכטער — וויַיל ס׳איז דאַ גענוג אַרבּיַיט פאַר די דימאַנטען-שליַיפערס. דאָס געשעפט בּליהט. איך פרעג: צי מאַכט רוסלאַנד נישט קיין איַינדרוק? מען ערקלערט מיר, אז דער עיקר איז אַמעריקאַ.

אַוועקגעפיהרט צום אַמסטערדאַמער העקסעלמאַן. פּאַק הייסט ער.

מען זיצט און מען אַכל׳ט האָלענדיש-יודיש טאָפּגעבּראָטענס, אונטער דער השגחה פון דריַי רבּנים.

אַ פּאָר-פאָלק, ער—אַ געראַזירט בּרונעטעל, זי — אַ בּלאַסע בּלאָנדינע, וואַשען זיך פאַר׳ן בּענשען צו מים-אחרונים.

מיר געהען אַראָב פון די טרעפּ, ווי פון אַ לייטער. דרויסען איז פיַיכט, און מען טראַמפּעלט צווישען די געוועלבער, ס׳איז נעבּעל-דיג, אָבער היַימליך.

אין די געוועלבער שטעהען יודעלעך, ס׳רוב בּרונעט, בּאַ-קענבּערדלעך, אין מיטען געגאָלט, אָדלער-נעזלעך, אַ סך רויטע אויגלעך. אויף די קעפּ קליַינע מיצלעך, ווי זשאָקיי׳ס. און זיי רייַ-דען האָלענדיש מיט אַן׳אַקצענט. ס׳איז אודאי גאָר אַ בּעזונדער מין לשון.

מיר געהען פאַרבּיַי פאַר דער ספרד׳ישע שוהל און פאַר דער אשכּנז׳ישער שוהל, מיט׳ן בית-דין, און גאַסען מיט יודישע נעמען און אַרוים אין די גוי׳עשע שטאָדט.

דאָך מוז מען געהן צו די אומות-העולם אין קאַפּע-קראַסנאַ-

פּאָלסקי, בּעשטעלט „איין טהיי" און „טינט" אָבּער דער טהיי איז געװען שװאַרץ, און די טינט - װײַס. דאָס לאָקאַל—זאָל זיך בּעהאַלטען פּאַריז! אַ װינטער־גאָרטען און אַ רעסטאָראַציע — נישט אונטער דער השגחה פֿון די רבּנים—און סאַליעס, און טישלעך, און מען שפּיעלט דאָמינע און קאָרטען, און צעהן בּיליאַרדען.

צװישען הונדערט קאָרטען־טישען איין שאָכשפּיעל.

און קיין עין־הרע אַ פּאָר מנינים יודען. דאַכט זיך, לויטער יודען, װאו זענען די אומות-העולם?

דער מלאך פֿון רעגען.

(אַ פֿאַר שבֿועות'דיגע זאַך).

ס' איז געווען פֿאַר שבֿועות; מיטען אין טאָג; אין בית־המדרש'יל ביי „חברה תהלים" האָט מען שוין געמאָגט דאַווענען „מנחה גדולה"; פֿיי דער ראָגאַטקע, דאָרט, וואו מיין שטאָדט לאָזט זיך אויס, אַקוראַט דאָרט, ביים גרעניץ, איז געשטאַנען אַ לינדענבוים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערצעהלט, אַז אָט דאָ עקט זיך דער שאָסיי, וואָס מען פֿאָהרט קיין פּלינסק, און אַז דאָ—ליעבע קינדערלעך!—הויבט זיך אָן פֿלאַצק! ער האָט דערצעהלט, און דערביי געשאָקעלט מיט זיינע דינע, בע'חנ'טע צווייגען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס יונגע, געלבליכע בלאַטווארג שושקעט צו: יאָ, קינדערלעך! דאָ הויבט זיך אָן פֿלאָצק, דאָ איז שוין גאָר אַנ'אַנדער וועלט, דאָ איז שוין ר' אלעזר מרא־דאתרא, דאָ געהען שוין די דאָזאָרעס „די הויזען איבער די שטיוועל", דאָ איז שוין דאָ אַ גראָדסקע־גאַס מיט גרויסע קאַמעניצע'ס, מיט „דייטשען", דאָ האַנדעלט מען שוין מיט „דאַנסק", דאָ זענען שוין גאָר אַנדערע מנהגים, ווי אין עפּעס אַ פּלינסק, אָדער אַ ביילסק, דאָ זאָגט מען שוין נישט „אל ארך אפים" פֿון פּסח ביז ר"ח אייר! פֿון אָט דעם לינדענבוים ווייטער זענען געשטאַנען אַ מאַסע קרזאַקעס, מיט טונקעלע, טיעף־גרינע בלעטער. זיי זענען געווען אַזוי פֿערשטויבט, אַז מען האָט קוים געקענט דערקענען, אַז די דאָזיגע קרזאַקעס וואַקסען, כּדי צו פֿערזאָרגען „גאַנץ פֿלאָצק" מיט ערבֿות. איבער די קרזאַקעס, צווישען וועלכע אַ קליין טייכעל

האָט זיך געשפּיגעלט אין בעהעלטעניש, זענען אַרױסגעשטיגען עטליכע עפּעל-בױמער; עפּעל האָט מען נאָך דאַמאָלס נישט גע-זעהן, די בױמער זענען געװען קונדסים, הפקר-בױמער, די עפּעל זײַערע פֿלעגען ערשט צײַטיג צו װערען אין די „דרײַ װאָכען" (אז מען האָט געװאָלט פּטור װערען פֿון חדר, האָט מען געגעסען אזא מין פּרי), נור די קלײַנעכריג-צונגעשפּיצטע, געקאַרבט-געזעגטע בלומענבלעטער האָבען שױן איצט רױזנפֿאַרביג געפֿלאַקערט פֿון דער-װײַטענס. זײַ זענען געװען אזױ חוצפּה'דיג רױט, אז אלע יודען, װאָס זענען פֿאַרבײַגעפֿאָהרען אין די בױדען פֿון פּלינסק קײַן פּלאָצק, װי מיד און פֿערשלאָפֿען זײַ זענען נישט געװען, האָבען געמוזט אַרױסקוקען אױף די רױטע בלעטער. נישט לאַנג זענען די דאָזיגע בלומענבלעטער געבליבען רױט. גרױ װי אש זענען זײַ שפּעטער נעבעך געװאָרען, אָבער שבועות-צײַט זענען זײַ נאָך געװען רױט, װי די קרעלען. נאָך די עפּעל-בױמער איז געשטאַנען דאָס „װעלדיל". דאָס „װעלדיל" איז שױן געװען פֿון יענער זײַט ראָגאַטקע. אין „װעלדיל" האָט מען שױן נישט געטאָרט טראָגען, אױס שטאָדט-עירוב! ס'„װעלדיל" איז געשטאַנען „שמונה-עשרה„; איז די לופֿט געװען רוהיג, איז עס געשטאַנען, װי אַ פֿעסטער מתנגד, ערנסט, מיט הקפּדה, שטײַף. איז אָבער די לופֿט געװען װינדטיג האָט עס זיך געװאָרפֿען און געשאָקעלט, װי אַ קאָצקער שאַרפֿער חסיד בײַ „כּתר" צו מוסף יום-כּפּור, דעריבער האָבען מיר עס טײַלמאָל גערופֿען: „דער גרינער מתנגד", טײַלמאָל: „דער גרינער חסיד", מחמת גרין איז דאָס שטענדיג געװען, אפילו װינטער. ס'האָט שױן גע-האַט אזא טבע. די קלײַנע פֿױגעלעך זענען דאָרט געגאַנגען אײַן-און-אױס, װי „אורחים" אין אלטען בית-המדרש; עס האָט גע-פּײַפֿט און געריױשט און געשושקעט, װי אין אַ דרדקי-חדר.

דאָס אלץ האָב איך געקענט זעהן, װען איך בין אַרײַן-און-אַרױס איבער די ראָגאַטקע, און אין עטליכע מינוט אַרומגע-האָפּסעט איבער שטײַנער און איבער בײַנער. איז מען אָבער גע-לעגען אין שאָטען פֿון די בלומענבלעטער אונטער אַן עפּעלבױם, מיט'ן רוקען צום טונקעל-ברױנעם פּיען, און געקוקט אהין צום שאָסײַ, אנטקעגען דער שטאָדט—און אײַנער איז טאַקי אזױ גע-

לעגען — האָט ער געזעהן, קודם־כל, זיינע „רגלים", דערנאָך
אַ קליין בערגיל, בעדעקט מיט קרייטער און קראַקעס, ווייטער —
אַ פּאָר נידריגע געוויקסען באַרג־אָב מיט שמאָלע, זיידענע, גלענ־
צענדיגע, בעהאָרטע בלעטער און בליהעכטסען, וואָס בעווייזען זיך
שוין ל"ג־בעומר־צייט — די קאַרליקעס־ערבות, אַ שטיקעל וועג,
וואָס ציהט זיך ביז אין שטאָדט אַריין, אַ שטיקעל פון רויט־ברוי־
נעם ציגעלדאַך פון'ם הייזעל ביי דער ראָגאַטקע, וואָס איז גע־
ווען אַרום־און־אַרום בעוואַקסען מיט קלעטערדיגע צווייגען און
בלעטער, פון'ם הייזעל, וואָס דער ראָגאַטקאָווי יוד, גרונם דער
הויקער, האָט בעוואוינט מיט זיין יתומה, בלימעלע. און צום־
סוף: יענעם הימעל, וואָס מע זעהט פאַר שבועות, אין פלאַצק,
ביי דער ביילסקער ראָגאַטקע.

גרונם דער הויקער האָט געהאַט אויסגעטהון די קאַפּאָטע
און איז געשטאַנען אין דעם געלבליך־טונקעל טלית־קטן פאַר'ן
הייזעל, געשטאַנען און אויסגעקוקט די בעלי־עגלות, וואָס צאָהלען
ראָגאַטקאָווע. ס'איז געווען הייס און דושנע. אַ טיעפע שטילקייט
איז געלעגען אַרום און אַרום, נאָר זעלטען איז די שטילקייט אי־
בערגעהאַקט געוואָרען פון דעם רויש פון אַ פאַרבייפאָהרענדיגער בויד,
אָדער בריטשקע. די געצאַקטע, מיט העהרלעך בעוואַקסענע בלע־
טער פון וויערושבעס האָבען געהאַנגען אויף די קראַקעס און גע־
חלום'ט. אַודאי הושענא־רבה־חלומות, גע'חלום'ט פון זייער שוואַר־
צען סוף. נאָר דעם רבונו־של־עולם'ס „קיהעלעך", די „זון־קעלבע־
לעך" און „גאָטס־שעפעלעך" און „משה־רבנו'ס פערדלעך" זענען
געשפּרונגען און געפלויגען איבער די קראַקעס אויפ'ן בערגיל מיט
זייערע ווייס־געלע שטערן־פלעקלעך און קאַרמאַזין־רויטע פליגע־
לעך, און זענען געווען שטאַרק פערנומען דערמיט, די קליינע
בלעטער־ווערימלעך אָהן שום רחמנות אויפצו'אַכל'ען. אויף דער
גאַנצער חתונה פלעגט צוקומען אַ מין שניי פון בליהעכטס אָנצו־
פליהען, אָהן שום ווינד, נאָר פון דער ברענענדיגער זון אויסגעדאַרט,
געברענט און געבראָטען. דער דאָזיגער שניי איז געפאַלען
שווער אויפ'ן זאַמד, אויפ'ן שאַווער פון שאָסיי, אויף דעם
שטויב, וואָס האָט בעדעקט די פאַרקאַנעס און דעם שליאַבאַן —
און אויף אַ מענש, וואָס איז געלעגען אונטער'ן עפּעלבוים בע־

דעקט מיט בליהעכטס, ווי ער וואלט ארויסגעקראכען פון א פיבע-
נעם פעדערבעט.

ער איז געלעגען, ווי דער דיקער גבריאל, דער שענקער
פלעגט ליעגען פרייטאג נאכמיטאג אין מרחץ אויף דער העכסטער
פאליצע, געשנאפט לופט, אהן שום רעיון, בלויז גוף, אינגאנצען
אריינגעטהון אין איינגענעם גוף, דערקוויקט, משונה'דיג פערמא-
טערט, אבער מיט נחת. ער האט געקוקט אין ביבעל אריין,
נישט ווי מען קוקט ביים דאווענען, נישט מיט הכנעה, גלאט
געקוקט אין הייכען תכלית אריין, אהן חשבונות, אהן פחד. זיינע
טונקעלע, פער'חלום'טע אויגען האבען אזוי ווי געזוכט עפעס ווייטע
מקומות, אמאל געפלויגען מיט א מין בענקעניש דורך דעם גרינ-
ווארג, און געבליבען העפטען מיט גרוים ליעבשאפט אויפ'ן הייזעל
ביי דער ראגאטקע. אמאל האט געגעבען א פלאקער עפעס אנ-
אומגעדולדיגע, גרויסע פערגליסטונג, א רגע ארום — האט דער
דאזיגער מענש זיך פערקוקט, פערטראכט און פערטיעפט אין די
בלומענבלעטער, וואס האבען מיט א ווידערשיין אויף זיין בלאס
פנים אויסגעגאסען א גאנצע שרפה פון רויטע פלאמען. פלוצים
האט זיך דארט אויבען א וואלקען פערטונקעלט, און א רגע-
כמימרא איז געווארען א קלייגער, קילעכדיגער, ברוינער פלעק
אויפ'ן גראבען שטויב ביים עפעלבוים, נאך איינער, דריי, פיער,
א סך, נאך מעהר. ס'גאנצע שטיקעל לאנד איז געווארען גרוי-
טונקעל. אלץ איז געווארען וויי'ך, דערקוויקט און אויפגעלעבט.
אויפ'ן פלינסקער וועג זענען געשטאנען די הויכע, גלייכע ברוזעס
אין די גלאנצענדיגע ווייסע קליידער, א שטייגער, ווי זיי וואלטען
געווען האנאראווע דעפוטאציעס פון מיידלעך, וויים געקליידט,
מקבל פנים צו זיין די מלכים... די יודען, וואס קומען אנצופא-
רען פון ביילסק און פון פלינסק קויפען צוקער און נאפט, זיי הא-
בען אנטקעגענגעווארפען דעם העל-גרינעם, וואונדערליך-דעלי-
קאטען שלייער, און דאס פיינע, געקרייזעלטע לאקען-בלעטער-
ווארג. די דאזיגע ברוזעס האט מען קוים געקענט זעהן פון
דאנען, אבער דער הארבער פרישער ריח זייערער איז געקומען
פון ווייטענס און האט זיך צוזאמענגעמישט מיט די בליהענדיגע
בשמים פון לינדענבוים. דא נעהנטער, ביים „וועלדעל“, איז

געשטאַנען די סאָסנע, די כלה, לעבעדיג און דורכגעציטערט, אַרומגעקושט און אַרומגעהאַלזט פֿון אַנ׳עזות׳דיג ווינדטעל, און ס׳האָט אויסגעזעהן אַ שטייגער, ווי מ׳וואָלט יעצט געגעבען אַ סיגנאַל — נו, לעבעדיג! — געוואַקסען זאָל ווערען, געשפּראָצט און געבליהט, גיט אייך אַ נעהם! און דער עולם גיט זיך אַ נעהם. די גאַנצע חברה פֿון געמויזאַכטס ביז צו דער לופֿט, דער ווייסער בעז און דער בלויליכער, די ווייסע קיילעכדיגע בלומען, וואָס מ׳רופֿט זיי „שנייענע פּילקעס”, און די געלע פּיצעלעך, וועלכע זעהען אוים ווי גינגאָלד-אויריננגלעך, איינגעפּאַסט אין ווייסע רעהמלעך, וואָס מ׳רופֿט זיי „גאָלדרעגען”, — אָט דער גאַנצער עולם האָט זיך אָנגעהויבען פּאָיען און זייגען פֿון דעם רעגען, ווי קינדער פֿון דער ליעבער מאַמע׳ס ברוסט. די ליפּע האָט געעפֿענט איהרע בעחנ׳טע כוסות ווי די גלאָקען, די וויערזבעס האָבען אויפֿגעלעבט, די קרואַקעס מיט די גלאַנצענדיגע צווייגען, מיט די צוגעשפּיצטע שאַרף-געזעגטע, בלוי-גרינע בלעטער האָבען געגלאַנצט און געפּערלט און געשפּיגעלט זיך אין פֿייכטקייט. אַרום דעם גראָבען בערגעל און גרונם דעם הויקערם הייזעל ביי דער ראָגאַטקע האָט דער ליכטיגער, ליבער אויר געוועבט און געשפּונען זיינע סודות און זיינע נסים, וואָס זענען אַלט ווי די וועלט און שטענדיג יונג און פֿריש, ווי דאָס לעבען גופא, טיעף—טיעף—ס׳האָט געקאַפּעט, געפּלאָסען, געהילעכט דורכ׳ן גאַנצען אויר, וואָס איז געווען פּשוט שכור פֿון די שטאַרקע בשמים, געהילעכט ווי אַנ׳אַלטער, אויביגער מזמור. דאָס גערויש אין די שפּיצען בוימער און אין די צווייגען האָט זיך געלאָזט הערען ווי אַ קדושה, קלאַנגען האָבען זיך געצויגען איבער׳ן פֿעלד, ווי דער געזאַנג פֿון דוד המלך׳ס אַרפֿע, ווייך און מיט נחת, די עפּעלבוימער האָבען עפּעס מיט אַ האַלב קול געמורמעלט, די שטרייכער האָבען שטיל צוגעלאַכט און איינער דעם אַנדערן איינגערוימט, ווייס איך וואָס, פֿאַר אַ גלייכווערטליך, מעשה׳לעך, רעטעניש׳ן, אפֿשר אויך מופֿתים פֿון רבי׳ן, אודאי פֿון יענעם גרויסען קרזאַק זכרונו לברכה, וואָס האָט געברענט און געברענט און נישט פֿערברענט געוואָרען. די ליפּע האָט געזונגען חניפֿה׳דיג, אַ ביסעל פֿער׳שכור׳ט, געמאַכט חנ׳רעלעך, און אַלץ אָפֿען געהאַלטען דעם כוס-של-ברכה, צו חאַפּען די משקה,

און די זומער-פויגעלעך מיט די רויטגעפארבטע לאפקעלעך, מיט'ן שווארצען חושן-ואפוד אויף די ברוסטלעך און מיט די ווייטע פלעקלעך אויף די לייבלעך האבען גאר לאבוסאוואטע געשטיפט. און אנגעגעבען מעשים! א מין לעבען! ס'וואסער האט געראשט זילבער-קלאר. באלד ווי עס איז אריין אין גראז, איז דאס געווארען ברוינליך-גרין און געשפרונגען און געבלישטשעט און זיך געווארפען און געשאסען מיט אזא עשירות אין טויזענדער פעריל, אין מיליאנען-מיליאסען פונקען און פינטעלעך און שטערענדלעך, געטאנצט און געיאגט און איינס ס'אנדערע געווארפען און געמאכט קונדס'ישע קאזשעלקעס פון בערגעל אראב צו צום טייכעל, וואס האט דארט, אונטען, געווארט, פארטיג, שען געבעט, ארומגערינגעלט מיט ווילדע קרזאקעס און צום הייזעל דארט, וואו בלימעלע, גרונם דעם הויקער'ס טאכטער, האט ארויסגעשטעלט אלע טונען און באליעס, וואס זענען געווען אין שטוב, אויפצופאנגען, געלויבט זאל זיין זיין נאמען! — ס'ביסעל רעגענוואסער נאך אזא חמימה, רבונו-של-עולם!

צווישען די עפעלבוימער און דעם הייזעל, ביים בערגיל, וואס איז געווען ארומגערינגעלט מיט בלישטשענדיגע וואסער-אדערן, וואס האבען זיך געצויגען און געדרעהט און געפלאנטערט איינס אינ'ם אנדערען, איז געשטאנען דער מענש, וואס איז פריהער געלעגען אונטער'ן עפעלבוים אין גאס-רעגען, און האט געלאזט פאלען די טראפענם אויף דעם קאפ, אויף די ברעמען, אויף די אויגען, אויפ'ן האלז און אויפ'ן מויל, געהויבען דעם קאפ און געקוקט אין הימעל אריין, אויסגעשפרייט די ארעמס, געשאקעלט מיט די פלייצעס, געעפענט די הענד, צושפרייט די פינגער און ארומגעטאפט אין לופטען. מיט אמאל האט ער אנגעהויבען צו זינגען, אזוי פאר זיך, אהן שום מחשבות, דאס שטיקעל פיוט פון גשם:

אַף בְּרִי אֻתַּת שֵׁם שַׂר מָטָר

(„אף ברי" איז גערופען געווארען
דער מלאך פון רעגען).

מיט'ן בלויזען קאפ! אפילו אהן רעגען װאלט דאס געװען עפעס א מורא'דיגע זאך; מען וואלט גלאט גאר זיך נישט געקענט פארשטעלען ווי וועלוויל, דער גמרא-מלמד, קען אויסזעהן מיט'ן

בלויזען קאָפּ. ס׳פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ מין וועלוויל טראָגט צווייערליי אויפ׳ן קאָפּ: אַ היטעל און אונטער׳ן היטעל אַ קאַפּעל. דער דרך־ארץ איז היטעל און קאַפּעל. מילא, אַז ס׳מאַכט זיך אין דער־היים, אָדער צווישען אייגענע מענשען, מעג זיין קאַפּעל אליין. אָבער אַזוי גאָר מיט׳ן בלויזען קאָפּ און ביי אַ גאַס־רעגען און דערביי זינגען אַ שטיקעל פּיוט — אַזאַ משוגעת קען זיך טרעפען פאַר שבועות.

פאַר שבועות! פשוט, אַ הפקר־וועלט! גלאַט אַנאַרכיסטען! אין חדר רייסט זיך אַריין דער מאַי ביד חזקה. דאָ פער׳גנב׳עט זיך אַריין די זון דורך די קליינע פענסטערלעך און צינדט אָן אין פער׳חשב׳טען, אומעטיגען שטיבעל אַ פייעריג רויטקייט, אָדער זי לאָזט פליהען אַ ריגנעלע איבער די גמרות. און הו־האַ: אויפ׳ן רבי׳ס באָרד, און אין אַ רגע כמימרא איז עם שוין גאָר אויפ׳ן קיילעכדיגען אויוועז. דאָ — זיצען מיר פאַר־נאַכט, חאַפּט זיך אַריין דער בין־השמשות און דאַווי! וועבען אַ שלייער איבער אַלע טויזענד זאַכען אין שטוב. מען לערנט נאָך אלץ: „אמר אביי", „אמר רבא" — האָט אביי געזאָגט, האָט רבא געזאָגט, אָבער איבער די גרויסע, שווערע ש״ס־גמרות פון ריהרענפאָרטער דרוק, שוועבט דער ד ר ו י ס ע ן, דער מאַי, עפּיס אַזוי געוואַלטיג, ווי אַ רבא בר־בר־חנה׳ס בר־יוכני, אַנ׳עוף, אַ ריעז, מיט אוים־געשפּרייטע פליגלען. וואַרימע לופטלעך פלאַטערן צו. אַלע בלי־העכצען, אַלע גרעזלעך ציהען, ווי מאַגנעטען, איבער די פענס־טער פישטשען די שוועלבלעך, און דאָס פייפעניש זייערם מישט זיך אַריין אין דעם גערויש פון קנעלען, אין דעם מלחמה־געפילדער פון בית-שמאי און בית־הלל, וואָס קריגען זיך אַלץ אינאיינעם, אין דעם ליאַרם פון די „קשיות" אין דעם גערויש פון די „תירוצים", אין דעם אַרמאַטען־דונער פון די „ראשונים" און אין דעם ביקסלעך־קנאַלען פון די „אחרונים". ס׳איבערהילעכט אַפילו די מורא׳דיגע קאַנאָנען פון רי״ף, פון רמב״ם, און די שווערע אַרטילעריע פון רשב״א, פון ריטב״א, פון שיטה מקובצת—איך מיין, אין א ו נ ז ע ר ע אויערן, וואָרום דער רבי אובאַזשעט נישט אויף שוואַלבען; נישט גאָר שוואַלבען, גאַנצע וועלדער מעגען זינגען, אַפילו נישט אויף אַ רגע וועלען זיי קענען מבלבל זיין

וועלוויל'ס שיעור פאר איהם אליין. נארישקייטען.

וועלוויל איז נישט געווען קיין פראסטער מלמד, פון גאס אראב. ניין! נאך דער צורה זיינער האט מען באלד געקענט דער־קענען, אז דאס איז גאר אנ'אנדער מין מענש. די שווארצע אייגען זיינע האבען אויסגעזעהן, אז זיי בעהאלטען עפעס א רייך טיעפקייט, די ליפען האבען שטענדיג געציטערט, און די גאמבע איז געווען שטארק און ענערגיש—עפעס נישט קיין געוועהנליכער פארשוין. ער האט געהאט אין זיך עפעס א מין עקשנות, א מין נצחון, פערשלאסען, פערקוקט אין זיך אריין, נישט ליעב געהאט זיך אבצוגעבען מיט מענשען, נישט קיין ריידער! אינעווייניג האט געקלאפט, אפשר, גאר ווילד א יונג הארץ, אבער ער האט דאס גאנצע געקלא־פער און אלע הרהורים מיט'ן גאנצען יצר־הרע, מיט'ן האק־פאק געבונדען און אנידערגעלעגט, ווי שעפסען צו דער שחיטה. געלעבט אין פלאצק, צווישען בית־המדרש און חדר? אסור! געלעבט אין אמת אריין עפעס ערגעץ אין בבל, אין מתא מחסיא, אין נהרדעא, אין פומבדיתא, צווישען תנאים און אמוראים! האט איהר געזעהן, שפינגעוועבס האפט זיך אריין אין א גרויסען סאמ־נאווען שפייכלער, ווי עס ציהט זיך איבער די סיפיטעס און איבער די וועגד און איבער די טהירען, אזוי, אז מען קאן דאס שוין גאר נישט דורכקוקען, אזוי, אז עס פערשליסט דעם אויר און דאס ליכטיגקייט? אזוי איז וועלוויל געווען ארומגעשפונען, בפרט אין די לעצטע יאהרען, ציים ער איז געווארען אנ'אלמן. וועלוויל איז געווען טאקע א פלאצקער בעל־בתי'ש קינד, דער פאטער איז געווען אמאל א יוד א נגיד, גוט געגאנגען, איהם אליין אויך; חתונה גע־האט גאר א קינד. געקלונגען פאר אנ'עלוי, געבליבען אין עטלי־כע יאהר, השם ישמרנו, מחוסר פרנסה, זיך גענומען צו מלמדות און געהארעוועט שטיל'ערהייד, שווער. ווי א האלצ־העקער, געטהון זיין חיוב, זיך קיינמאל נישט געקלאגט, נישט אווארט. ער איז געווען משונה'דיג פרום, געפאסט תעניתים, ג ע א ר ב יי ט, אריינגעטהון אין חסידות. כמעט אויסגעטהון פון דער וועלט. דאס, וואס ער איז געווארען אנ'אלמן, האט אויך נאך מיט גורם געווען. ס'ועגען פארהאנען זאכען, וואס טרעפען א מענשען און זיי קעהרען זיך אן צו איהם, זיי ווערען א חלק פון

איהם אליין, זיי טראָגען איהם, ווי דער אייגענער רעיון, ווי די אייגענע נשמה. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז וועלוויל מוז, אַ פּנים, זיין אַנ'אלמן. אָרים און עלענד איז געווען זיין חדר אויך — אַ חדר אָהן אַ רבי'צין! אָבער וועלוויל האָט דעם חדר פול געמאַכט מיט זיין התלהבות. אין זיין שיעור איז געווען אַלץ בענקעניש, כּונה, פערגניגען, שמחה, שאַרפקייט, אמונה, ווילדקייט, דבקות, זיסקייט, טיילמאָל אפילו כּעס. מבינים האָבען פערשטאַנען דאָס התלהבות און האָבען שטאַרק געהאַלטען פון וועלוולע'ן — זיי האָבען איהם געגעבען די קינדער אין חדר אַריין. פערשטעהט זיך, אַז מבינים זענען נישטאָ אַ סך, און נישט פון די גרויסע נגידים. ס'איז אויך וועלוולע'ן געגאַנגען נישט אויפ'ן גרויסען אופן. אַ זכרון האָט ער געהאַט אפילו אַ גאונ'ישען, אָבער איין זאַך פלעגט ער שטענדיג צו פערגעסען — דאָס עסען. נאַרישקייטען.

פערשטעהט זיך, אַז וועלוויל איז נישט געווען אַ שפּאַציערען-געהער. נאַרישקייטען! ער פלעגט צו זאָגען אַנ'המציאה'לע: ס'ווייזט אוים, אַז דער עולם האָט גאָרנישט וואָס צו טהון — לייבטע קעפּ! אָדער זיי געהען שפּאַצירען, אָדער זיי זיצען שפּאַצירען — אַ טשיקאַוועס, ווי עס נעהמט זיך דער כּח אויסצוהאַלטען. „דו, שייגעץ, זאָג דעם מהרש"א!" — דאָס איז געווען שטענדיג דער סוף פון פּסוק. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען. איינגעבויגען די פּלייצעס, אַריינקוקען אין די דראָבנע אותיות'לעך פון מהרש"א און אין דעם יונגעל'ס פּנימ'ל. האָט ס'יונגעל געקענט דעם מהרש"א גוט, איז דאָס געגאַנגען גלאַט, איז וועלוויל'ס פּנים געוואָרען ליכטיג און ליכטיגער, אַ גאַנצער הימעל פון ליכטיגקייט און פון ווארימקייט איז געווען אין די אויגען. האָט אָבער דאָס יונגעל געוויזען, אַז ער איז אַ וואַיטעק, אוי, האָט זיך וועלוויל געגעבען אַ דרעה אַוועק מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען און צוזאַמענגעביסענע ליפּען, און געגעבען אַ שווערען קרעכץ. געשלאָגען האָט ער נישט, אָבער דאָס קרעכצען האָט געברענט, ווי פייערדיגע ריטער.

דאָס אַלץ איז געווען אַ גאַנץ יאָהר, אָבער צווישען פּסח און שבועות איז דער כּח אויך אָבגענומען געוואָרען. אין אָנהויב איז דאָס נאָך געגאַנגען פול-בידי, אָבער ווי ל"ג בעומר

פלעגט זיך צורוקען, האט דאס התלהבות מיט די קרעכצען אויך נישט געניצט. מיר, יונגלעך, האבען געהאט צופיל צו טהון: די פייל און בויגענס, די שטריק, די גומענע פילקעס, די הילצערנע פיסטאלעטען, די שטיינדלעך, אזוי שפיציג און שארף און מיט א סך קאלירען, די קנייפערלעך, די פייפלעך — דער גאנצער מאגאזין, ס'גאנצע ביסעל כלי-זין פון די קונדס'דיגע קליינע יודעלעך און די ליעבע, טייערע און אזוינע קורצע וואקאציעס, וואס האבען סך-הכל געדויערט קוים א וואך—אט די דאזיגע נארישקייטען האבען געפיהרט מיט וועלוועל'ן א מלחמה, אין וועלכער ער האט געשטריטען און געראנגעלט מיט אלע כחות, — צום כוף אבער פערשפיעלט די מלחמה, און וואס פאר א מפלה, אז גאט זאל שומר ומציל זיין!

— רבי, איהר וועט מיט אונז געהן אויף די מאיופקע, דארט אהין, אויפ'ן פלינסקער וועג, צו די ביילסקער ראגאטקע — גיב איך איהם א זאג, ל"ג-בעומר, געשיקט פון גאנצען חדר, מיט אזא מין פראפאזיציע.

ער איז געזעסען מיט'ן קאפ אנגעלעהנט אויף דער האנד, און האט ארייננגעקוקט אין א שאלות ותשובה-ספר. ווי ער האט דערהערט די פראפאזיציע, האט ער צוזאמענגעביסען די ליפען און איז געווארען אויף איין שאטען נאך ערנסטער ווי פריהער, אזוי, אז איך האב געפיהלט א ווערה אין אלע אברים, ס'האט מיך אנגענומען א גרויסער. דרך-ארץ פאר דער דאזיגער שטילער אומעטיגקייט.

— וואס ברויכט איהר מיך?

— איהר וועט זיך א ביסעל זאבאוויען, ס'איז דאך ל"ג-בעומר!

איך בין געווען שטארק פערוואונדערט, דער רבי האט נישט געענטפערט קיין ווארט, האט זיך אויפגעהויבען און געגאנגען מיט מיר, נישט א ווארט אנטקעגען! אין אנהויב איז ער געגאנגען אזוי נודנע, א ביסעל מידלעך, אהן שום הרגשה. ווי מיר זענען אבער ארוים פון שטאדט און געזעהן די בוימער, האט זיך מיר געדאכט, אז אויף זיין שטערן זעהט זיך אזא פעסטקייט, און אין

זײַנע אויגען שײַנט אַזא ליכטיגקײַט, ווי איך וואָלט געזאָגט דעם מהרש״א—גוט!

בײַ דער ראָגאַטקע זענען מיר געלאָפֿען איבער׳ן בערגיל און איבער׳ן ראָוו: מען האָט זיך אַרײַנגעחאַפּט אפילו אין וועלדעל. אין וועלדעל האָט זיך דער רבי געזעצט אויף אַ בערגיל ערד, אויסגעטהון דאָס קאַשקעטעל און געבליבען זיצען אין סאַמעטענעם קאַפּעל. זײַנע שוואַרצע, אַביסעל פֿערפּלאָנטערטע האָהר האָבען געשפּילט מיט׳ן ווינד. אײַן שוואַרץ רינגעלע האָט זיך פֿערקרײַזעלט און געפֿאַלען אויפ׳ן ווײַסען שטערן.

— נו, קינדער, יעצט וועט מען איבער חזר׳ן דעם מהרש״א!

פּלוצים איז פֿון דער סאָסנע, — ס׳איז געווען אַ סאָסנע, וואו ער איז געזעסען — אַראָבגעפֿאַלען אַ גרין צווײַגעלע, אַ קלאַפּ געטהון אויפ׳ן סאַמעטעם קאַפּעל, געגעבען אַ רוק ס׳קאַפּעל אויף דער זײַט, זיך אַרונטערגעריטשט איבער׳ן פּנים און אַרײַן מיט די גרינע נאָדלען אין שוואַרצען בערדעל. דאָרט איז עס געבליבען זיצען. דאָ האָט חברה געגעבען אַ לאַך, אַז ס׳וועלדיל האָט געציטערט. דער רבי האָט געהויבען די פּלײַצעס און געזאָגט:

— ס׳איז דאָ נישט דאָס אָרט צו רײַדען פֿון מהרש״א. מיר געהען, קינדער!

הכלל, מיר זענען געגאַנגען און אַרײַן אין גרונם דעם דעם הויקערם הײַזעל טרינקען פֿרישע מילך. בלימעלע האָט דערלאַנגט די מילך־קאַן, און מיר האָבען געטרונקען אָהן אַ שיעור. בלימעלע איז געווען שען, סכּנה׳דיג שען, אַ יודיש־פּוילישע דאָרפֿשענקײַט מיט בלויע, גרויסע אויגען, וואָס האָבען געמעגט דערצעהלען אַט יענע אסתר׳קע־מעשה׳לעך. האָהר האָט זי געהאַט אַזוינע ליכטיג־בלאָנדע און אַזוינע פֿײַנע, אַז ווען זי וואָלט זײ צעלאָזט און געלאָזט פֿאַלען אויף די פּלײַצעס, וואָלטען זײ אַודאי אויסגעזעהן אַזוי גלאַנצענדיג, ווי אַ גאָלדענער שלײער. געטראָגען האָט זי אָבער די האָהר געפֿלאָכטען אין צוויי לאַנגע צעפּ, וועלכע זי האָט, ווי די בײגעל, צוזאַמענגעקאַמט און פֿערלעגט איבער׳ן קאָפּ. פֿון דעם הײַטערן, פֿרישען פּנים, מיט די רויטע, לאַכענדיגע ליפּען, פֿון וועלכע ס׳האָבען אַרויסגעגלאַנצט געזונדטע, ווײַסע צײהן, האָט געלויכטען אַ מין שמחה, גלאַט אַזוי אַ שמחה, וואָס מען

ווייסט נישט פֿאַרוואָס, אָבער מ'איז מקבל-נחת און מען פֿרעהט זיך מיט. און דאָך איז זי געווען אַ יתומה. ערשט פֿאַר צוויי יאָהר איז די מוטער געשטאָרבען. געווען איין-אייציג קינד, ס'בעל-בתי'שקייט אין שטוב האָט אויסגעזעהן אָרים, אָבער בע'חנ'ט, מען האָט געפֿיהלט מיידילשע הענדטליך. גרונם איז געשטאַנען פֿאַר'ן טהיר און געהאַקט האָלץ. אין מיטען האָלץ-האַקען פֿלעגט ער געהן און אַרומהאָפּסען ביי די וואָגענס, וואָס זענען דורכגע-פֿאָהרען דורך דער ראָגאַטקע.

ס'האָט מיך גע'חידוש'ט, אַז אונזער רבי-לעבען איז געוואָרען שטאַרק ריידעוודיג, גערעדט מיט אַזאַ מין אַריכות פֿון אַלע זיבען זאַכען, וואָס פֿלעגט איהם נישט צו קומען איבער'ן מויל. זיינע אויגען האָבען טונקעל געבלישטשעט, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'האָט זיך אין איהם דערוועקט עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט לאַנג געדרעמעלט, און אַז זיין נשמה שפּרייט אויס די פֿליגעל. פֿון מהרש"א קיין שום וואָרט.

דערנאָך איז מען געגאַנגען צו די וויערזבעס און צו די עפּעל-בוימער. ווערוויל האָט מיט אונז געשפּאַצירט, געקלערט, געשפּרונגען, ווי אַנ'אמת'ער חבר. טיילמאָל האָט ער אפילו אַ ביסעל צוגעזונגען, אַנטפּלעקט אַ גאַנץ נייע וועלט, בוימער, פֿויגעל, זומער-פֿויגעלעך. ווער וואָלט זיך דאָס פֿאָרגעשטעלט! מיר האָבען איהם שוין גאָרנישט געברויכט צו בעטען, ער זאָל אונז בעגלייטען צו דער ראָגאַטקע.

ס'האָט אויסגעוויזען, אַז אַ זאַך, וואָס ער האָט ביז יעצט נישט געקאָנט, האָט פֿון איהם קונה-שביתה געווען, און האָט אַלץ, וואָס איז פֿריהער אין איהם אָדער אַרום איהם געווען, פּשוט מבטל געווען.

אפילו ווינטער פֿלעגט דער רבי מיט אונז צו געהן צו דער ראָגאַטקע. „ווינטער איז דרויסען נאָך שענער, ווי זומער"—פֿלעגט ער זאָגען. אין אַ יאָהר אַרום האָט זיך ווידער אָנגעהויבען הלכות-ראָגאַטקע. „זומער איז שענער ווי ווינטער" — האָט ער ווידער געזאָגט פֿערקעהרט. בשעת שפּאַצירען דורכ'ן גרינעם וועלדעל פֿלעגט דער רבי דערצעהלען די איינענע מעשיות, וואָס טיילמאָל כּטוב לבו, אין אַ יומא-דפגרא, צווישען איין שיעור און דעם אַנ-

דערן, אין חדר: פֿון ר׳ יוסף די ליאָון, פֿון ווילנער גאון. אָבער די מעשיות האָבען גאָר אַנדערש געקלונגען, גאָר אַנדערע מעשיות. ווילד זענען זיי געווען, געבליהט האָבען זיי, געשטאָכען און גערייצט, מען האָט נישט געקאָנט אָבעטעמען. אַליין איז ער אויך געגאַנגען שפּאַצירען, נישט געוואוסט, אַז חברה האָט זיך גוט צוגעקוקט. האָט ער געהאַט אַ פֿרייען טאָג, אַנ׳אויסרייד, אַ שטיקעל יום-טוב, נישטאָ מיין רבי! וואו איז ער? ביי דער ראַגאַטקע! די זון האָט געמעגט גליהען — וועלוויל איז געגאַנגען שפּאַצירען. מילא, וואָס פֿאַר אַ שאָטען די גאַנצע עפּעל-בוימער מאַכען? נישט ווערט אַ שישקע פּולווער. וועלוויל איז געלעגען און האָט זיך געקוויקט אין שאָטען.

אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפֿען, אַז דער רעגען איז איהם בעפֿאַלען און ער האָט זיך געלאָזט בערעגענען פֿון קאָפּ ביז פֿוס. אַנטקעגען-איבער איז געשטאַנען דאָס ליעבע הייזעל, און ביי [illegible] פֿענסטער אַ בלאָנדער מיידעלשער קאָפּ, דאָס חנ׳עוודיגע הייזעל מיט דער האַרציגער בעל-בתישקייט. וועלוויל האָט זיך געפֿרעהט און געלאַכט פֿון זיך אַליין. געזעהן אַ מעמד! ווי דאָס ניסט! ווי דאָס הערט גאָרנישט אויף! און דאָ האָט ער זיך געזונגען אַ שטיקעל פּיוט פֿון רעגען. אָט פֿלאַטערט אויבען דער שר פֿון רעגען. און ער גיסט און ער גיסט אַ גאַנצען ירדן. אַ מחיה!

וואָס איך האָב אַלץ געזעהן! געזעהן האָב איך, ווי וועלוויל איז אַריין אין הייזעל, און ווי שען און ציכטיג בלימעלע האָט איהם מקבל-פּנים געווען. דערנאָך זענען זיי צוזאַמען אַרוים. ס׳האָט אויפֿגעהערט צו רעגענען. און זיי זענען געשטאַנען אונטער אַ בליהענדיגען עפּעל-בוים, וואָס האָט אַראָבגעבויגען זיינע צווייגען טיעף איבער זייערע קעפּ, פּונקט ווי אַ חופּה. די שווערע פּאַליעס פֿון אַלערליי ריחות, וואָס זענען אַרוים פֿון דעם עפּעל-בוים, ווי חילות פֿון לעבעדיגע מאַי-נשמות, האָבען זיי אַרומגענומען אַלץ איינער און איינגער. אין טייכעל האָט יעצט דאָס וואַסער געבלישטשעט העל-גרין, מיט גאָלדענע און זילבערנע לעכטליך, ווי בריליאַנטען אין שווער-צוגאַנגענעם גאָלד. די רויטע בליהעכצען און די קרזאַקעס האָבען געלאָזט זייערע גלעקלעך קלינגען, און די בלויע גלאָקענבלימלעך האָבען זיך געבוקט „מודים” זעהר טיעף.

אַ גאַנצע מחנה פֿון בשׂמים־לופֿטעלעך איז געקומען אָנצושווימען פֿון סאָסנאָווע וועלדעל. אין דער ליפּע איז געזעסען אַ פֿייגעלע, און האָט געוואָרפֿען זײַנע טאַקטען אין די אויפֿגעפֿרישטע לופֿט אַרײַן, אַ פּנים, ווי ס׳וואָלט אונטערגעהאַלטען וועלוויל׳ס „אַף־ברי״־נגון. די זון האָט זיך אויף ס׳נײַ אויפֿגעפֿלאַקערט, אַ פּאָר וואָל־קענדלעך, ווי די לעמער, האָבען זיך איהר געקויקעלט צו די פֿיס. די געגענד האָט זיך אַזוי ווי פֿערגרעסערט; מען האָט געזעהן ווײַט־ווײַט די גאָלדענע קאָרנזאַנגען, די גרינגליכע האָבער־פֿעלדער... און איבער אַלעם — דעם בלויען הימעל. און ווײַט־ווײַט, גאַנץ עק־וועלט, דער וואַלד, אַ תּכלת־פֿיאָלעטער שטרײַף. דער מאַנספּער־שוין און דאָס מײדעל האָבען זיך ערנסט און אינערליך געזעהן אײנס דאָס אַנדערע אין די אויגען. פּלוצים האָט זיך אויפֿ׳ן הימעל באַוויזען אַ הערליכער רעגענבויגען.

איך בין שוין לאַנג נישט מעהר געווען וועלוויל׳ס תּלמיד. געהערט האָב איך, אַז ער איז געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש. אין חדר זענען נאָך געשטאַנען די אַלטע, ערנסטע ש״ס־גמרות מיט די ברוינע רוקענס, פֿון דיהרענפֿורטער דרוק, און די גרויסע רמב״ם׳ס. אָבער לײַכט און אָהן געריוש, ווי אַ בליץ פֿון אַ זומער־נאַכט, האָט אַרײַנגעשוועבט אַ שטראַהל פֿון אַ נײַ לעבען און אַרײַנ־געבראַכט יונגהײַט אין דעם עלענדען נעסט. און אַבּיי און רבא און דער מהרש״א — אַלע זענען געוואָרען אַזוי ליכטיג, אַזוי יונג, אַזוי שמעקעדיג!

ס׳זענען אַריבער יאָהרען. וויפֿיעל מאָל איך האָב וועלוועלע׳ן געטראָפֿען, פֿלעג איך איהם צו זאָגען „גוט־מאָרגען״, ווי ס׳גע־הערט זיך אָן צו אַ געוועזענעם רבי׳ן. נאָר אײנמאָל האָב איך נישט געקאָנט דעם לץ אין מיר אײַנהאַלטען, און האָב איהם געזאָגט:

— רבי, דער מלאך „אַף ברי״ איז גאָרנישט קײן שר מטר. אַ שדכן איז ער, דער קיסלער!

א שטיין ביזטו אמאל געוועזען.

א שטיין ביזט דו א מאל געוועזען, — אין מדבר געלעגען.
האלב אין זאמד פערגראבען, פון דער זון געברענט, האסטו געדרעמעלט, אנ'אויביגען דרעמעל.

הארט ווי א פעלזען איז דיין ברוסט געוועזען, און טויט ווי א מצבה.

ארום און ארום — ווילדע, זאמדיגע מדבריות — געלע חורבות פון גרעבער. די פערשטיינערטע נויט און טויטקייט פון דער ערד.

אין נראניט געשמידט, אין קיזעל געקייט, א טרויריגער פעלזען=בארג, אהן בעוועגונג און אהן האפנונג, — אט אזוי ביזטו געלעגען.

און טיילמאל האט דיין שטיינערן פנים געוויינט פון טהוי,
און טיילמאל האבען דיינע שארפע קאנטען געפלאקערט פון דער זון.

מען האט געפרעגט: צי איז דאס אנ'אויביגער שלאף, אדער אנ'אויביג לעבען?

מען האט געקלערט: וואס זענען די בעהאלטענע חלומות פון דער שטיינערנער מאסע?

צי פיהלט דער קיזעל-בארג? צי טראכט דער אייזערנער קאפ? צי הערט ער די ווינדטען, וואס וויינען ארום איהם?

און ווען די מארגען=זון שפינט ארום זיינע שפיציגע קאנטען מיט גאלדענע שטראהלען-נעצען — צי האט ער הנאה דערפון?

און ווען די מיטאגס=זון צופלאקערט און צושפריצט זיך אין

א תהום פון פורפור-פונקען, וואס טאנצען עזות'דיג ווילד איבער זיין גרויען קאפ—ציי ווייסט ער דאס?

און ציי פיהלט ער דעם אווענד. דעם דורכזיכטיגען פריה-לינג, ווען די הימעלס-הארפען לולען איין אין א וועלט-שלאף מיט בלומען-חלומות?

און די נאכט, די שווארצע, דאס קעניגרייך פון גיפטען און פון מגפות, ווען שלאנגען וויקלען זיך ארום זיין ברוסט—ציי טהוט דאס איהם וועה?

ציי ווייסט ער דעם חילוק צווישען א שטילען ווינדטעל און א ווילדען שטורם?

צו האט ער ליעב די מדבריות, די ווילדע, אהן ברויט? צו האט ער האלט די וויסטעניען, אהן קינדער?

ציי איז ער א געפאנגענער גרויסער ריזען-גייסט. א געוואל-טיגער צער, מיט א ווילדער גלייכגילטיגער געשטאלט, אדער א שטיין-געווארענער ג א ר-נ י ש ט?

דו האסט געשוויגען.

א שטיין ביזטו אמאל געוועזען—אין מדבר געלעגען.

דונערן האבען געריסען דיין ברוסט, דו ביזט געבליבען—שטיל, טרויעריג, קנעכטיש.

דער הימעל איז געהאנגען איבער דיר, ווי קליינע הכריכים, ווי א הויכער סכך פון שווארצע שלאנגען.

דו האסט נישט גערעדט—א שטומער פערלאשענער, ביזטו געלעגען—ווי אין הינער-פלעט.

קיין צרות און מכות, קיינע פלאגען און וועהטאגען, אלע גיהנם'ס און כף-הקלע'ס האבען נישט געקענט אראבנעהמען דעם סארקאפאג-זיגעל פון דיין קיזעל-ברוסט.

ביז דיין נביא איז געקומען - דער, וואס האט דיך געגעבען אווארף ווי א פאליע אין מדבר אריין, פונקט ווי דער סאמום-שטורם-ווינד הויבט אויף, ווי שפילקעס, בערג זאמד, אום צו פער-שיטען וואנדערענדע קאראוואנען.

ער איז געקומען—ווי א געוואלטיגער ריזען-אדלער, ברע-יענדיג פון הייליגען בעס, און מעכטיג, ערהויבען — ווילד און פלאקערענדיג, ווי א טריומף-הימן.

און האָט אין דײַן פֿעליזן-וואַנד געגעבן אַזאַ מורא'דיגע זעץ — פֿון וועלכען עס הערט זיך נאָך דער ווידער-קול.

יסורים האָט ער דיר אָנגעטהון — דער נביא. די שטײַנערנע געדערים האָט ער אין דיר צוקנאַלט. דאָס קיזעל-לײַב האָט ער דיר געשפּאָלטען, כּדי אַרויסצוטרײַבען פֿון דיר דעם גײַסט פֿון שווערקײַט און אַרויסצוקריגען פֿון די פֿעליזן-קליפּות דײַן פֿערגליווערטע נשמה.

און געשמעטערט האָט דער נביא'שער שטעקען די פֿעליזן-ווענד אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך פֿון דער געשפּאָלטענער ברוסט אַרויסגעריסען אַ מורא'דיגער וועהטאָג.

אַ יאָמער-געשרײַ, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דעם טויבען מדבר.

אַ שטײַן ביזטו אַ מאָל געוועזען — אין מדבר געלעגען, אָבער אַ קוואַל איז אַרויס פֿון דיר.

* *

*

און אָט איז געשעהן אַ וואונדער... איהר קאָנט דאָך די רעגענבויגענפֿאַרביגע מעשה.

ווי אַ וואַסערפֿאַל, איז אַ קרישטאָל-שטראָם אַרויס פֿון שטײַנערנעם גוף.

אַ פֿיבער, אַ הײליג פֿיבער האָט דורכגענומען דעם פֿעליזן, אַ לעבענס-פּולס קלאַפּט אין דער האַרטער ברוסט, און עס רוישט און עס רינט, און עס שטראַהלט. פֿאָנטאַנען ברומען פֿון די אויסגעדאַרטע שטײן-אָקענס. פֿון די געלע, נעבעליגע, קרומע, טרוקענע קיזעל-אָקענס הויבען אָן אַרויסצוגרינען פֿריהלינגס-קראַנצען. פֿון בעהאַלטענע לעכער, פֿון זײַטיגע גרויע, פֿינסטערע ווענדשפּאַלטען שיסען אַרויס אײדעלע ציפּרעסען. אויף די שאַרפֿע פֿערברענטע צייהן פֿון די וויסטע טרויעריגע פֿעליזנאַקענס דונערט אַרויס אַ הללויה פֿון בליהענדע פּאַלמענוועלדער, און די עקרה'דיגע מדבר-ברוסט בעדעקט זיך מיט פֿײַכט-פֿונקעלדיגע רויז-רויטע בלומען.

גלאַנצען, אַראָמאַטען, קלאַנגען שמעלצען צוזאַמען אין אַ

געטליבער הארמאניע, און דער הימעל שפרייט זיך רונד, ווי א געצעלט פון הדסים.

א וואונדער איז געשעהן ... א וועלט-וואונדער!

אלץ, וואס אין דיר איז געווען פערמאטערט, פערזינגעלט, פערגליווערט אין א שטיינערנעם שלאס; די גאנצע טיעפקייט, דער גאנצער סוד פון דיין נשמה, דיין חיות, דיין תכלית אויף דער וועלט, דיין כח און דיין שענקייט, דיין האפען און דיין גלוסטען, דיין נחת-רוח און דיין שברות-הלב — האבען זיך אנטפלעקט און אויסגעגאסען. ווי צושמעטערט האט דיך דער נביא; זיין האמער האט צוריסען דיינע שטיינערנע אדערן, דעם זיגעל פון שקלאווען-שטילשווייגען, דעם פערשטיינערטען שמוץ פון קנעכטשאפט האט ער מיט אכזריות אין שטיקער געריסען פון דיין פעלזען-אקען — ביז ער איז דערגאנגען צו דער זאפט פון דיין נשמה.

א שטיין ביזטו אמאל געוועזן, אין מדבר געלעגען — אבער א קוואל איז ארוים פון דיר.

*   *

*

א קנעכטישע מאסע ביזטו געווען, מיט האלב-קיילעכדיגע אקענס און איינגעפאלענע ברוסטען.

א סטאדע פון בהמות, פון לאסט-בהמות; א גרוי געזעמעל — א המון, א משפחה'לע אין גושן — די קליגסטע חרטומים האבען זיך די קעפ געבראכען, צי איז דאס א נאציאן, אדער נישט.

דאר פאר הונגער, נאקעט און בלאס פאר ארימקייט — אדער געשוואלען פון די תפיסה-קעסט און בעהאנגען מיט קליידער און צירונג, כדי זיך צו בעריהמען, ווי א פאיאץ קריכענדיג אונטער דער ערד, אדער געהענדיג אויף דער ערד, אויף שטעלצען, אדער אויף די שפיץ-פינגער זיך צו ווייזען הויך.

א נוף פון וויכען מענשען-ליים, וואס מען קאן פון איהם קלעבען און פאטשקען אלע מיני צורות.

מיט די קליינע, צובראכענע, מידע, מסופק'דיגע נשמה'-

לעך, וואס פליהען, ווי פוך פון צוריסענע פעדערען און קלעבען זיך צו יעדעם שטיקעל מאטעריע.

און פערלאנגען נאר איין זאך: דער וואלף זאל זיין זאט, און דער שעפס זאל זיין גאנץ.

א המון־עם, וואס איז געוועהנט געווארען צו דער מוזיק פון דער רוט, וואס פייפט איבער די אויערן, און צו די סמנים פון דער ביטש, וואס פלעגט רימענס אויפ'ן רוקען.

מיט דעם בחומר ובלבנים־פראלעטאריאט, וואס האט זיך שטארק פערמעהרט — פערשמירט און פערשווארצט, געצוואונגען צו מאכען ציגלען אהן ליים און אהן שטרוי.

און יורען מוזען זיך בויגען — האבען די קלוגע געזאגט, לעקענדיג דעם שטויב פון די סאנדאלען פון די קאצענפערגעטער'ס און פרעה־באלזאמירער'ס.

און זיי האבען זיך געבויגען, און זיי זענען צוזאמענגעפאלען, און די קייטען און די שטריק זענען אריינגעוואקסען אין זייער קערפער.

א קנעכטישע מאסע ביזט אמאל געוועזען.

* *

*

אריינגעקוקט האט דער נביא אין דיינען אויגען. וואונדערליך גרויס און וואונדערליך פארבלאז זענען זיי געוועזען.

דו ביזט געוועזען שווער ווי דער גרויסער ספינקס, אהן בעוועגונג, צווישען די טויטע פון די וויסטע און ברייטע קברים שטעלט ער פאר די אידעע פון תחית המתים, פון אויביגען לעבען, וואס געהט אויף, ווי די זון, איטליכען מארגען נאך דער נאכט, בעשטימט צו טריומפירען איבער פינסטערקייט און טויט.

און די קלוגע ליים האבען אויף דעם שוין מסכים געוועזען: ניעהאי זאל ער זיין אנ'אידעע.

ער האט אבער געדונערט: ניין! מוחל די ענערגישע מאכט, מוחל די שטילע מאיעסטעט פון ספינקס! צו אלע שווארץ יאהר מיט אייערע בילדער! מוחל דעם כבוד און די עסטעטיק

פֿון שוואַרצען גראַניט. מוחל די סימבאָלען פֿון מאָנאָליט-סטאַטועֶן און אָבעֶליסקען און סאַרקאָפֿאַגען.

לעֶבען וויל דאָס פֿאָלק! זיך וויל עֶס לעֶבען!

ניט קיין גאַנצער שעֶפּס זאָל עֶר בלייבען, און דער וואָלף זאָל, אַ גלגול פֿון אַנ'אָדלער איז דער שעֶפּס. דערגרייכען קען עֶר ביז צו די וואָלקענס. און די בליצען פֿון זיין נקמה קענען וועֶלטען צושטערען.

און נישט ליריש געזייזעֶלט האָט דער נביא: נישט אַלעֶגאָריעֶן האָט ער געֶ'חלומ'ט אויף די נילוס-אופֿערן. מיט פֿייערדיגעֶ צוואַנגען האָט עֶר דיך געגריפֿען, די אָדערן האָט עֶר דיך געֶטרעֶנט, שטאַרק, ווילד, גרויס און פֿריי האָט עֶר דיך געמאַכט, ווי אַ מדבר.

און דאַמאָלס האָט עֶר אין דיר אַ גייסט אַריינגעהאַקט מיט דונערן און בליצען; און בערג האָט עֶר איבער דיין קאָפּ געֶשפּאַנט: ווילסטו דערקענען דיך אַליין און דיין גייסט — איז גוט. ווען נישט, וועֶר בעגראָבען — מיט אַלעֶ באַלזאַמירטעֶ קעֶץ, וואָס סימבאָליזירען אידעען פֿון אויביגקייט און אונשטערבליכקייט.

און ערשט דאַמאָלס איז געקומען דער גרויסער מאָמענט פֿון זיך דערקענען, דער מאָמענט פֿון אונבעגרענצטער העלקייט, ווען דאָס געטליכעֶ אויג האָט אַריינגעלויכטען אין די נשמה פֿון פֿאָלק.

עֶס איז געוואָרען אַ מאוים'דיגעֶ שטילקייט. דער גאַנצער וועֶלטרוים הערט זיך איין מיט פֿערהאַלטענעם אָטעם פֿון ערוואַרטונג אין דעם ווידער-קול פֿון ריזיגען קאַמפּף צווישען ליכט און פֿינסטערניש, דאָס לעֶבען ווערט שטיל און הכנעה-דיג, די שטערען פֿערהאַלטען זיך אין זייער גאַנג און פֿינטלען פֿערוואונדערט. די ווילדעֶ שטורמען, וואָס וואַרפֿען פֿעלזענבערג ביז אונטער'ן הימעל, ליעגען ווי דערשראָקענעֶ שעֶפֿעלעך, דער מעֶכטיגער אָקעאַן ווערט פֿער'חרש'ט און זיס פֿער'חלומ'ט—

דער מאָמענט פֿון הייליגען סוד-הסודות איז געקומען. די שענקייט פֿון דעם וואונדערבאַרען „בראשית" פֿון אַ פֿאָלקס-קולטור, בשעת דאָס פֿאָלק נעהמט אַרויס פֿון זיך, פֿון דעם בעהעלטעניש

פון זײַן גײַסט די קריסטאַל-געשטאַלט פאַר זײַן גײַסט, בשעת עס שפּאַנט אויס זײַנע פריהער-געבונדענע פליגלען, בשעת עס איז געקלײדט אין דעם פורפור פון פרײַהײַט און הויבט אָן צו שטורמען אײַן נצחונ'דיגען הידד.

* *
*

און ווערטער האָסטו געהערט — די שטײן אײנער, די קנעכטישע מאסע—פלאקערדיגע, הײליגע, מיט שטורם-פליגלען, רײנע און זיסע, וואָס שווימען ווי א ליכטיגע, בשמים'דיגע וועלט.

מיט דעם קראַנץ פון דײַן נאציאָנאַלער פרײַהײַט אויף די שלײפען—ביזטו געשטאַנען, ווי א זײַל פון טויזענד זונען — בעפעהלענדיג, העלדיש, גרויזאם, און צוגלײַך—מיט א פרײַגיביגער האַנד, אויסשפרײטענדיג די ברילאַנטען פון דײַן ליכט פאַר די פּרעה-באַלזאמירער.

און קוואַלען האָסטו געעפענט — וואָס וועלטען טרינקען פון זײ טראָפענווײַז.

אויף די שווינדעלענדע הויכקײטען פון אדלער-נעסטען ביזטו געשטאַנען, און מלאכים, וואָס שווימען מיט די שטערן, האָבען דיר געזונגען הללויה'ס.

* *
*

און ווידער ביזטו א שטײן, א קנעכטישע מאסע—און מען וואַרפט דיך ווידער פון בנין צו בנין, און די חרטומים מאַטערן זיך ווידער איבער דיר, וואָס דו ביזט, און דער רוקען איז ווידער אײַנגעהויקערט, און די מעדוזען-שלאַנגען-לאָקען פון אלע מגפות וואַרפען ווידער שאָטענס אויף דײַן מישמאַש פון חרטומים-חכמות, זײ זענען ווידער מבלבל דײַן קלאָרען מוח — און עס שלאָגט ווידער, אײַן עברי דעם אַנדערן.

און איך לעג צו מײַן אויער צו דײַן שטײנערנער מאסע, חאַפּ גיעריג איטליכעם אינעווײניגסטע גערויש.

און עס דאַכט זיך מיר טייַלמאָל, אַז עס שרייַט אינעווייניג: איך אָטעם, איך לעב, איך בין!

זאָל ווידער קומען דער נביא, דער טרעגער פֿון דעם פֿאָלקסגייַסט, און זאָל אַרייַנשמעטערן מיט זייַן האַמער, אַז דער פֿעלזען זאָל שרייַען פֿאַר וועהטאָג און זאָל זיך עפֿענען.

און מיר, מ י ר אַ ל י י ן זאָלען שפּאַנען אויף דעם באַרג איבער דער פֿערשקלאַפֿטער מאַסע: ווילט איהר אייַך דערקענען — איז גוט, אַז נישט — ווערט דאָרט בעגראָבען.

מ י ר אַ ל י י ן, נישט פֿרעמדע, וועלען דיר אָנטהון די יסורים פֿון בעפֿרייַאונג.

מיר אַליין וועלען דיך שמעטערן—פֿערגראָבען, פֿערפֿינס-טערט העלדענפֿאָלק — מיר אַליין וועלען ברעכען דעם סאַרקאָפֿאַג פֿון דייַן שקלאַפֿען-מאַסען-בעדעק, ווייַל מיר אַליין זענען ד ו, ווייַל מיר אַליין זענען דייַן נביא און בעפֿרייַער.

אַ שטיין ביזטו אַמאָל געווען.



דער נייער וואלד-מענש.

דער מלאך, וועלכער הייסט דעם גראז, עס זאל וואקסען, פערשפרייט זיינע פליגלען איבער'ן וואלד, איהם צו היטען, כדי דער מענש זאל פון איהם נישט מאכען א סוף...

און דער מענש חאפט זיך דאך אהין אריין, גראבט זיך אונטער, שפארט זיך ארורך די לעכער און שפאלטען, און אפילו דעם וואלד, וואס קיין אייזען האט איהם נאך נישט בעריהרט, שוינט ער אויך נישט. אפילו דארט אהין האט ער זיך אויסגעבראכען א וועג, צו פערניכטען און פערדארבען...

און דער מלאך האלט איהם אב אין וועג און דונערט איהם אריין אין אויער: נישט פערדארב!

— וואו נאר דו געהסט, שלעפסט דו נאך מיט זיך פערניכטונג; ווי א שווארצע ראב, שפרינגסטו ארום פון איין צווייג אויפ'ן אנדערן און פערקינדיגסט אומעטום—טויט; די מורא'דיגע קלעפ פון דיין האק טרייסלען די ערד, אויף וועלכער דער וואלד וואקסט, און די בלעטער זיינע ציטערן, ווי דערשראקענע... גאנצע מחנות פויגלעך צופליהען זיך מיט א פישטשעריי, דורכגענומען מיט טויט שרעק... און דיין האק ווערט נישט טעמפ, אפילו ווען ער צושמעטערט די הארטע פעלזיגע שטאמען. אט בלישטשעט דער האק, הויבט זיך אויף אין דער-הויך און פאלט ווידער אראב, און ער ברענגט פערדארבונג און טויט פאר די אלטע תושבים

פונ'ם וואלד... ווי אפינסטערער העלד געהט דער האק טריאומ-פירענר אלץ ווייטער... ווייטער...

איהר, שטאלצע קארליקעס! איהר פערניכטעט יעדעס לעבען, וויל עס ברענט אין אייך, ווי א העליש פייער, די נידעריגע תאוה צו געלד...

איהר, קורציעהריגע ווערים, וואס אין איין טאג זענט איהר אונטער הונדערטיעהריגע ריזען, איז דען אייך חאטש איין מאל איינגעפאלען צו בעטראכטען, וויפיעל ברויכט די זון צו לייכטען, וויפיעל ברויכט די לופט צו געבען ווארימקייט, די וואלקענס — שהוי און רעגען, ביז דאס קערנדיל זאל זיך געניג אנזעטען אין דער ערד, ביז עס זאל זיך ענטוויקלען, זאל אויפבליהען, ארויס-געבען שפראצונגען, און נאכהער שטארקע ריזען-בוימער, הויכע העלדען פונ'ם וואלד?

צי דען ווייסט איהר, אז יעדעס בלעטעלע, יעדעס שטי-קעלע קארע, יעדער שוואס, יעדער בוים און דער גאנצער וואלד — זענען אייערע ברידער? אין אייער שטאלצער נארישקייט מיינט איהר, אז די ברידער אייערע, די ברידער פון איין ערד, זענען טויטע קערפער, אהן נשמה, אהן לעבען?

ניין, נאר איהר זייט טויב געווארען און הערט נישט זייער שמועסען, זייער שטילען געשפרעך און זייער געזאנג!

אך, ווארפט אוועק די העק און הערט זיך צו, הערט זיך צו, ווי די ווינדטלעך פליהען דורכ'ן וואלד, ווי זיי בלאזען מיט א פרידליכער שטילקייט צווישען די בוימער, ווי זיי שאקלען מיט די שפיצען בוימער און וויעגען זיי איין מיט א זיסען וויעגעלע-ליעד...

און דער מלאך רעדט ווייטער:

— האט איהר געהערט דאס זשושען פונ'ם וואלד און דאס געוויש פון די קוואלען? אייערע פארצייטיגע חכמים האבען פער-שטאנען דאס געשפרעך פון די בוימער און פון די פויגלעך — אמאל... אמאל... נאר איהר, אין אייערע איינגע וואוינונגען, אהן לופט און אהן ליכט, זייט איהר טויב געווארען. איך וועל נאך אבער אייך עפענען די אויערן, און איהר וועט נאך ווידער אנהויבען הערען.

צי קענט איהר די אָוועֶנדען, די זומעראָוועֶנדען, ווען די הונדערטיעהריגע בוימער דאווענען מעריב, ווען זייערע שטילע תּפלות דרינגען דורך די בלויע ווייטקייט און שטייגען ביז צו די גין־גאָלדענע שטערען דאָרט אויבען, אין הימעל; ווען דער וואלד גיסט אויס פאר גאָט זיין הארץ, ווען ער שטעלט זיך פאָר פאר אונז, ווי א גרויסער חזן מיט זיינע משוררים, די צווייגען, און מיט די אמן־זאָגער׳ס — די פויגעלעך אין די נעסטען.

און איהר, קארליקעם צווישען קארליקעם, איהר הויבט אויף אייערע רויבערישע הענד אויף דאָס אלץ! די וואונדער־שענע גרינע דעקע פון דער ערד ווילט איהר צורייסען אויף שמאטעם!

איהר פרעגט, ווי איז מיין נאָמען? מיין נאָמען ווייסען אלע בלומען, וועלכע טרינקען יעדען פריה־מאָרגען דעם טהוי פון הימעל, אלע גרעזעלעך, וועלכע פיהרען צווישען זיך א געהיימען געשפרעך, און דער אָרימער מאָך, און די ריזען־סאָסנעס, און דאָס פריה־לינגס-ווינדטעלע, און דער קלאָר־ווייסער שניי, וועלכער ציטערט און בלישטשעט אין א לבנה־נאַכט, אזוי ווי שטיקלעך קריסטאָל אויף די צווייגען, און דאָס אייז, וואָס גלאנצט ווי א גלאָז אויף די טייכען, און די רויטקייט פון מאָרגענשטערן, און די דונערן און די בליצען אינ׳ם שווארצען שטורם־ווינד — אלע ווייסען מיין נאָמען און מיין קראפט; ווייל איך ווייס די סודות פון דער ערד און ווייל פאר א וועכטער האָט מיך גאָט אוועקגעשטעלט אויף דער בליהענדער ערד.

דער מענש האָט איהם לאַבענדיג נעֶנטפערט, מיט פקחות: ביסטו נישט אמאָל בעשטימט פון דער רעגירונג פאר א ממונה איבער די וועלדער?

און דער מלאך האָט זיך צולאַכט, אז די בוימער האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן: איך בין א ממונה פון גאָט אליין, און נישט קיין געלד־שטראָף, נאָר קלעפ פונ׳ם גרויזאמען גאָט וועסטו פון מיר בעקומען!

און דאָס מענש׳ל האָט זיך אריינגעקראָגען אין געדיכטען וואלד מיט האק און זעג. ער האָט געהאַקט און געזעגט, געזעגט

און געהאַקט. ביז וואַנען די ערד איז געוואָרען הויל, ווי אַ מדבר...

און וויסט איז די ערד געוואָרען, און די לופֿט איז פֿערדאָרבען געוואָרען, און דער מענש איז שוואַך און קרענקלינג געוואָרען, א ציטערדיגער, אַ פֿריהרענדיגער. ס'איז איהם זיין לעבען פֿיר'מיאוס'ט געוואָרען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך מיט געלד אָנגעזאַמעלט. דאַן האָט ער אָנגעהויבען זוכען אַ שטיקעלע ערד מיט וואַלד, אום זיך דאָרט צו בעזעצען און אָברוהען אין דער שטילקייט...

פֿון דענסטמאָל אָן, אַז דער מענש דערזעהט ערגעץ וואו אַ הייפֿעלע בוימער, זאָגט ער, אַז דאָס איז אַ וואַלד, אַז דאָס איז פֿאַר איהם אַ מקום-מנוחה און מאַכט דאָרט פֿאַר זיך: אַ זומערוואוינונג.

די אלטע הגדה.

א געפאנגענע מוטער, איהרע הענד געבונדען אויף הינטען, איהרע פיס געשמידט אין קייטען, איהר גאנצער גוף איינגעבויגען, איינגעהויקערט, און אין דעם דאזיגען צושטאנד בויגט זי זיך נאך מעהר אראב צום קליין קינד, דערלאנגען איהם די איינגעדארטע ברוסט.

אט דאס בילד פון סטעפאן סטענדינג, וועלכעס שטעלט אונז פאר די מאכט פון דער ליעבע, וואס דערגרייכט ביז ווילדקייט, בלייבענדיג אין די גרענצען פון שענקייט און עסטעטיק— אט דאס בילד איז פאר אונז ניט קיין נייעס.

ארים און וויסט, צוקנייטשט און פער׳חושב׳ט איז אונזער הגדה. נישט אזוי דערצעהלט א גליקליך פאלק זיין פערגאנגענהייט, נישט אזוי פליהען די פאנטאזיע־אדלערם פון א פאלק, וואס זיינע אויגען זענען געווענדט אין דער הויך, צו דער זון.

דא, אין דער דאזיגער הגדה, ווערען נישט געשליידערט קיין בליצען ווי אין ישעיהו, דא שפירט זיך נישט דער ריח פון די טענענבוימער, ווי אין תהלים, און ס׳עפענט זיך נישט פאר אונז מיט זיין גאנצער מורא׳דיגער פראכט דער אבגרונד, ווי אין איוב.

אלץ איז דא קליינליך. — קארליקעס! ווי דער „יוסיפון“ געגען דעם העלד יוסף בן מתתיהו, אזוי ווי דער מיטעלאלטער־ליבער לשון־קודש׳דיגער שרייבער אלחריזי געגען דעם גרויסען, געטליכען פאעט שלמה בן גבירול.

מיר שפירען דא שוויים, טרעהרען און זיפצען, וועלכע זענען אונז בעקאנט! די גלות־פאעזיע, וועלכע הויבט זיך פלוצלונג אן צו פשט'לען און צו מפלפל זיין! עס ליעגט אין איהר א מין שווינדעל, דער גלות־שווינדעל.

מיר אטעמען פריי אב, אז מיר קומען צו צוויי, דריי פסוקים וועלכע זעהען אין דער הגדה אויס, ווי פעלזען צווישען צוריבענעם זאמד, ווי א שטיקעל גמרא צווישען דעם גרויסען ים פון די מפרשים.

און אז זי געפינט שוין יא אין זיך די רעוואלוציאנס־קראפט און ברעכט שוין אויס מיט א פראטעסט־שטורם און גיט א געשריי: שפוך חמתך! — גיסט זי שנעל אן דעם כוס פאר אליהו הנביא — מ'זאל, חלילה, נישט פערשטעהן וואס זי מיינט.

געפאנגען און געבונדען איז אונזער גלות־הגדה, געפאנגען און געבונדען איז אויך די פ ר י ה י י ט, וואס די דאזיגע הגדה שטעלט אונז פאר; איהר סטיל איז טרוקען, נאר איינצעלנע שפורען פון דער פערצייטיגער שענהייט, די פראכט פון דער פערגאנגענהייט געפינען מיר אין איהר.

און אין ד ע ר ארימקייט איהרער בויגט זי זיך נאך איין צו איהר זויג־קינד, צום פאלק, וועלכעס זי זויגט א דור נאך א דור, א דור נאך א דור.

דען דאס פאלק האט פערלארען די פעהיגקייט צו זויגען דעם טהוי פון פריה־מארגען, די ראסע פון די בוימער—און קען נישט פערטראגען דעם שטארקען, אונרוהיג־ברויזענדען ווין, מ' קען איהם העכסטענס געבען איינינע טראפען אין א גאנצען עמער זיסען מילך.

און דאס פאלק ווערט אנטוועהנט און עס דערזעהט זיין אלטע געפאנגענע הגדה, איהרע הענד געבונדען אויף הינטען, און זי בויגט זיך צו איהם איין מיט א ווארימער מוטערליכער ליעבע — איהם צו שטארקען, אריינצופליסען אין זיינע אויסגעטריקענטע אדערן א שטראם פון לעבען און האפנונג!

עס קומט אמאל אריין א געדאנק אין זיין הארצען, אז ער וועט שוין קענען זיך האלטען אויף די פיס אהן איהר אויך. אבער וואס וואלט פון איהם געווארען אהן איהר? צי דען וואלט ער

געלעבט, ווען זי וואָלט איהם נישט ביז היינט נאָך געזויגען, ווענינגסטענס, מיט לעבליבער זיסער מילך?

און ווער ווייס, צי קען ער נאָך היינט לעבען אָהן איהר? ווער ווייס, צי איז ער שוין פון דער ברוסט אנטוועהנט געוואָרען און קען שוין אויך אָהן איהר האָבען א קיום?

די הגדה, אונזער הגדה!

די האָסט אריינגעשיקט א שטראהל פון העלען ליכט אין דאָס פינסטערע גהעטאָ-געפענגניש, דען די האָסט אויפגעהויבען אין דער-הויך דעם צוטראָטענעם מיסט-וואָרם, חאָטש אויף איין רגע, און האָסט אין איהם אריינגעבלאָזען א ביסעל ריינע פריהלינגס-לופט—זיי-זשע דערפאַר געבענשט!

דען דיך האָט אויסגעוועבט אונזער נידערגעשלאָגענער גייסט מיט טרעהרען און טרויער, דען די ביזט געוועזען דער דונקעלער און זיסער נעבעל, וועלכער פלעגט פערוואָלקענען און פערגליווערן די לופט פון גלות.

דען די ביזט געוועזען א וואונדערענדער ליכט-שטראהל, וועלכער פלעגט שוועבען איבער'ן האָריזאָנט. א שטערן, וועלכער פלעגט, פאַלענדיג, דורכבליצען דורך די גוואלדיגע חוואליעס פונ'ם אָקעאַן.

דען די פלעגסט אונז וויגען ווי א קינד אין וויעגעלע, די פלעגסט בעריהרען און אויפמונטערען די סטרונעס פון אונזער נשמה, וועלכע וואָלטען אויף אויביג שטום געוואָרען.

דען די האָסט אונז געגעבען א שטילע בענקעניש נאָך א שענערער צוקונפט. דורך דיר פלעגען מיר וועלען דערזעהן, חאָטש אויף איין רגע, דעם גלאנץ פון דער גין-גאָלדענער זון, וועלכע ציטערט און פלאַטערט אין דער פינסטערניש—געבענשט זאָלסטו מיר זיין!

מיר זענען דיר מוחל, וואָס די האָסט אונז נישט געלאָזט הערען די תפלה פון די פעלדער, וועלדער, בערג, די תפלה, וועלכע ברענט מיט'ן גאַנצען גלאַנץ פון איהרע פארבען — די תפלה פון „שרון" און „לבנון".

די ביזט דאָך אונזער הגדה!

דורך דעם שווערען, וויסטען וועג האָסט די אונז נישט נע-

פֿיהרט אין אַ לאַנד פֿון בלומען און פּאָעזיע, און אַ העלדען-געזאַנג האָסטו אונז נישט געזונגען.

דו האָסט אונז אויסגעלערנט צו זיצען איין מינוט, ווי אַ „בן-חורין“, נאָר צו געהן שטענדיג אין דעם וועג צו אונזער צוועק האָסטו אונז נישט געלערנט.

הגדה, אונזער הגדה!

דו האָסט נישט געקענט זיין קיין אַנדערע ווי דו ביזט — אַ פֿערוואונדעטע טויב, אַ פֿערוויינטע!

מיר, יונגע בעגייסטערטע קעמפּפֿער פֿאַר דער צוקונפֿט, פֿערבייגעהענדיג פֿאַר דיר, בויגען איין פֿאַר דיר אונזערע פֿאָהנען. בענש די פֿאָהנען!

הגדה, אונזער הגדה.

א מלחמה מיט די שטערען.

די העלרען זענען געלעגען אויף דער ערד אויסגעצויגען „פבקדן“, מיט די פנים׳ער ארויף; זיי האבען געהאט פערגניגען און שעה׳ן־לאנג נחת געשעפט. זיי זענען געוועזען האלב וואך און האלב שלאפענדיג...

איך האב עס צוגעקוקט און מיר געטראכט:

— זיי איז גוט, זיי האבען דאס גן־עדן אויף דער וועלט, זיי לעבען אין פערגניגען און נחת. — זיי, די העלרען האבען מיר געזאגט, אז דאס איז זייער „מושטור“, זייער פארברייטונג צו דער מלחמה, וואס זיי ווילען אויספיהרען.

און וואס האבען די העלדען געטהון? וועלכעס איז זייער געוועהר? און מיט וואס זענען זיי געגאנגען מלחמה האלטען?

דאס קאנט איהר נישט טרעפען, ביז איך וועל אייך פריהער נישט דערצעהלען, וואס איך האב געזעהן; נאר אויך דאן בין איך שטארק מסופק, צי וועט איהר מיר דאס וועלען גלויבען. —

עס איז דאמאלס געוועזען נאכט און מען האט געקענט דאס פינסטערניש אנטאפען מיט די הענד. קיינער האט זאגאר זיין

איינעם שפּיץ נאָז נישט געזעהן, און ווער שמועסט נאָך ווייטער... די לופט איז געוועזען גראָב און געגליווערט, כמעט מיט אַ מעסער צו שניידען. . . שווארצע, שווערע וואָלקען זענען ווי שלאַנגען ארומגעקראָכען אין דער לופט... דאָס אָרט, וואו די העלדען זענען געלעגען, איז געוועזען גענוג גרויס און ברייט. דאָס גראָז אונטער זיי און ארום זיי האָט שוין זיין ערשטע פריהלינג-פאַרב לאַנג פערלוירען, עס איז שוין אָבגעליאַקירט און פערפוילט געוועזען, אָבער אויך גענוג ווייך און פעכיג. אַזוי, אַז די שווערע אברים פון מיינע העלדען האָבען זיך געקאָנט גאַנץ גענוג אויף דעם אויסציהען נאָך מיט אַ פויל-נאַכלעסיג צופרידענהייט!

אַך, וואָס פאַר אַ תענוג! פשוט טעם גן-עדן!

אויבען, אָבער, אויפ'ן הימעל האָבען די שטערען געשיינט, נישט פיעל, אָבער העל-פינקעלדיג. און זייערע שאַרפע, פריי, עזות'דיגע, וועקענדע, קריטירענדע און קיצעלדיגע שטראַהלען האָבען געדרינגען, געבויערט, ווי מיט עגבערס, און דורכגעהאַקט דעם גראָבען שווערען נעבעל אין דער דריקענדער איינגער לופט און האָבען זיך צו-געקריגען ביז צום אָרט, וואו אונזערע העלדען זענען זיך אַזוי רוהיג געלעגען און האָבען בעלויכטען דאָס גראָבע און טיעפע פינסטערניש...

און טאַקי צו אָט די ליכטיגע פונקטען האָבען זיך געטהון אַ געהם אונזערע גבורים, מיט אַזאַ קוראַזש, און מיט אַזאַ ברען, נישט-צו-גלייבען, אַלעקסאַנדער מוקדון, האַניבאַל און נאַפּאָלעאָן — פראָסט אַ מלחמה אויף טויט.

זיי האָבען זיך שטאַרק צובייזערט אויף די שטערען. היתכן! וואו איז אזעלכעס געהערט געוואָרען? ליכטיגע שטראהלען זאָלען האָבען אַזאַ חוצפה, צו שטעכען און וועהטאָג אָנצוטאַכען קליינע שוואַכע, טריבע און רינענדיגע אויגען! ס'טייטש! אַלץ ארום איז אַזוי פויל-זים, אַנגענעהם-ברודיג, לייכט-איינשלעפענד, אַלץ גיסט זיך צוזאַמען, און פלוצלונג קומען גאָר די געמיינע, ליכטיגע שטערען-שטראַהלען און שלאָגען זיך צו אַהער און מאַכען פון אַלעם אַ תל!... זעהר אַ גוט פינסטער שטיקעל אָרט געוועזען, און זיי ווילען עס פערדאַרבען!...

— די מלחמה הויבט זיך אָן! — האָט זייער גענעראַל-

פעלד-מארשאל א שטילען קרעכץ געטהון — דאָס ערשטע איז: שעלטען, אלזא, זאל יעדער שעלטען געגען זיין שטערען.

און פון הינטען, פון דעם ברודיגען טיעפען אָרט, האָט זיך געלאָזט הערען א מין הייזעריג אומגעלומפערט, שרעקליך, מיאוס שילטעריי. אָבער די קללות האָבען זיך נישט הויך אויפגעהויבען, זיי האָבען זיך פערוויקעלט און פערפּלאָנטערט אין צושויבערטע און צופלאָשערטע בערד און וואָנסעס, וועלכע עס האָבען אין זייער לעבען נאָך נישט פערזוכט דעם טעם זייף, און קיין קאם האָט זיי נאָך קיין מאָל נישט בעריהרט...

דער פעלדמארשאל ענדערט זיין מושטור און בעפעהלט:

— שטעקט ארויס יעדער זיין צונג געגען א שטערען, און ווי נאָר איהר טהוט דאָס, פאלען ארונטער די עזות-פּנים'ער זיבער, פשיטא.

— איינס, צוויי, דריי! — און פון אלע העלדען'ס מיילער האָט זיך ארויסגעזעהן א רויט שטיק. — וואָלט דאָרטען א פעלדשער אָדער א דאָקטאָר זיין, וואָלט ער דאָס אָנגעהמען פאר א מאָגען-פערדארבונג און וואָלט זיי זיכער געהייסען זיך איבערדרעהען מיט'ן פּנים אראָב...

און די שטערען דאָרט אויבען, איבער די וואָלקענס, האָבען, ווי פריהער, מיט זייערע שטראהלען געבויערט און געגעבערט אין דער פינסטערניש אריין און גאָר נישט בעמערקט די ליעגענדע העלדען מיט די ארויסגעשטעקטע צונגען, און די מלחמה פון די ליעגענדע העלדען האָט זיך געשטארקט פון רגע צו רגע. נור מיינט נישט, אז זיי האָבען, חלילה, געשאָסען מיט קרופּ'ס קאנאָנען, מיט פולווער אָדער דינאמיט. ניין! דאָס וועלען אונזערע העלדען נישט טהון; דערצו זענען זיי נאָך וועניג געלערנט. נור יעדער אין זיין זייט האָט זיך אָבגעזאָגט אין דער-שטיל א מסירה'לע.

און די שטערען האָבען ווייטער געלויכטען...

— אָ, העלדען! נישט מיט דעם וועלען מיר איינגעהמען די פערשאָלטענע פערדאמטע שטערען — האָט דער פעלדמארשאל ווידער נעחראקעט — שטארקט אייך, העלדען, לאָמיר זיך אלע צוזאמען אויסגלייכען מיט די פּנים'ער גלייך ארויף צו זיי, אלע

מיט איין מאָל צו זיי אַרויפגעבען אַ שאָס! יעדער איינער פון אונז געגעבען אַ בעזונדערן שטערען!

און די העלדען האָבען זיך אויף דאָס ניי אָנגעהויבען אויס־גלייכען מיט די פּנים'ער אַרויף און זיך צוזאַמענרוקען איינער צום צווייטען. — ליידער, זענען זיי צו דער אָרדנונג אויך נישט געוועהנט... איינער דעם צווייטען שטופּט און שטויסט, איינער שטעקט אריין זיין נאָז אין יענעמ'ס אויג, דער גענעצט, יענער חראָפּעט און דער דריטער ניסט. תהו־ובהו!

— און אַזוי נעהמט איהר זיך צו דער מלחמה? — שרייט דער פעלדמאַרשאַל אויף זיין קול — זעהט ווי מחוצפים די שטע־רען פיהרען זיך, קיינער קריכט דעם צווייטען אין וועג נישט אריין, שטעהען און געהען מיט אַנ'אָרדנונג, לערנט אייך פון זיי און האַלט אייך צוזאַמען פעסט. און ווען איך וועל אייך געבען אַ צייכען, דאַן אַלע מיט איין מאָל ווי פון אַנ'האַרמאַט!

— איינס, צוויי, דריי! אַלע מיט איין מאָל שפּייט צו די ליכטיגע שטערען, גלייך אַרויף איבער אייערע נעז, מיט'ן גאַנצען כח, ווי פון אַ ביקס שיסט אויס! און יעצט אָהן אַ שום ספק פערלעשט איהר זיי, ווי אַ גראָשעדיגע ליכטעל!

און דאָס שפּייען האָט זיך אָנגעהויבען אויף איין אָרט, אין איין צייט און אויף איין מאָל... אָך, ווי העלדיש! די גאַר פער־אייפערטע, די גרויסע קנאים האָבען זיך גוט אויסגעחראַקעט און אַרויסגעשפּיגען מיט'ן גאַנצען כח, די שוואַכע עפּעס ווייניגער, אָבער געשפּיגען האָבען אַלע... און זייערע אַלטעמענס צונגען און העלזער זענען טרוקען געוואָרען, ווי די שאַרבענס. די שוואַכערע, נעבעך, האָבען זיך שטאַרק פערהוסט. נעבעך, מיין אָרים העלדען־פאָלק!

און דאָך לייכטען די שטערען!

און איך געה פאַרביי פאַר די מענשען און פרעג זיי:

— גוטע מענשען! וואָס טהוט איהר דאָ? איהר זענט דאָך נעבעך, אַלע מיט שפּייעכץ און מאָוס'קייט פערשמוצט!

— אַ שטאַרקער רעגען גיסט — בעקום איך פון זיי אַנ' ענטפער.

— וואָס רעדט איהר? קיין קליינער אויך נישט! ווער זאָג

אײַך דען אַ שלעכט וואָרט? ווער לאָזט אויף אײַך אַ שטויב פֿאַלען? אײַער אײגען שפּײַעכץ, וואָס איהר האָט אַלײן געשפּיגען, דאָס האָט אײַך, נעבעך, אײַערע נאַרישע פּנים׳ער מיט שמוץ פֿער־דעקט.

און זײ קרעכצען:

— אוי! די שטראַהלען, זײ שטערבען, זײ שטערבען!

— אמת, מײַנע ליעבע! אמת, זײ שטערבען! אָבער נאָר, נאָר טריבע, שוואַכע פֿינסטערע אויגען. פֿיהרט נישט בחנם׳דיגע מלחמות מיט זײ, הײלט אײַך בעסער אוים אײַערע אויגען...

ביים זיידען.

(אַ שטיקעל פאָררעדע וועגען יודישער קונסט און קינסטלער).

צי איז געווען פערהאַנען עפּעס אַ שייכות, פאַרצייטענס, צווישען אַ בעל-מחבר און אַ מאַלער? אַ פאַרצייטישער בעל-מחבר איז געווען אַ יוד אַ למדן, אַנ'אָבגעהיטענער, ס'רוב אַ יוד, וואָס האָט געהאַט טעכטער אויסצוגעבען, און אַ מאַלער — אַ פּראָסטאַק, וואָס דאַוועַנט צו השכמה, די בגדים פערשמירט, אַביסעל קורץ געקליידט, גאָר קיין זווג נישט.

דערנאָך איז געקומען דער משכיל'שער בעל-מחבר און דער מאַלער, אויך נישט קיין מחותנים. דער ערשטער — אַנ'אַפּיקורס, אַ שטיקעל חקרן, לאַנגע, געקרויזעלטע האָהר, אַ קאַלטער אבן-עזרא-מענש, אַ הימעלע אויפ'ן קאָפּ, די הויזען איבער די שטיוועל, חציו לה' וחציו לעזאזל — און דער מאַלער, אויב ס'איז פער-האַנען געוועזען איינער, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט שטודירען מאָלען — צי ער האָט זיך אויסגעלערנט, צי נישט, דערווייל גע-וואָרען אַ גוי גמור.

אין דער משכילי'שער עפּאָכע איז געוועזען איין קאַטעגאָריע, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקעל צוזאַמענהאַנג מיט מאַלערם: די קאַטעגאָריע פון מושלמים!

ווייסט איהר וואָס אַ מושלם איז? איהר מישט אודאי אוים

דעם מושלם מיט'ן משכיל. דאָס איז נישט ריכטיג. דער מושלם איז געוועזען פֿריהער פֿאַר'ן משכיל, דער מושלם מוז קענען לערנען און דקדוק, און מאַכן אַ שטיקעל אבן-עזרא, און אַ ביסעל שפּראַך, און אַ קאַפּ מאָלען, און אַ ביסעל שניצען, און טײלמאָל מוז ער זיך קענען אפילו אויף אַ זײגער.

די מושלמים-עפּאָכע איז געוועזען אונזערע ענציקלאָפּעדיסטען-עפּאָכע, און אַזוי ווי פֿון ענציקלאָפּעדיסטענטום איז אַרויסגעקומען בּיניהם „אויפֿקלערונג", איז ביי אונז פֿון מושלמים'טום אַרויסגעקומען השכּלה.

דער מושלם האָט יאָ געהאַט אַ שייכות מיט'ן מאָלער, אָבער נישט פֿיעל מעהר ווי מיט'ן זייגערמאַכער. דער מושלם האָט דעם ספּעציאַליסט בּעטראַכט פֿאַר אַ פּראָסטען בּעל-מלאכה און דער ספּעציאַליסט איהם פֿאַר אַ „יונגענמאַנטשיק", וואָס האָט אַ שטיקעל ידיעה, אָבער ער ווייס דאָך נישט, ווי מען מאָלט אויף אַ הירשעלע, אָדער אָדער ווי מען פֿערריכט אַ זייגער.

און דאָך זענען געוועזען געוויסע בּעריהרונגס-פּונקטען צווישען דעם יודישען בּעל-מחבר, איך מיין, דיכטער, און צווישען דעם יודישען — ווייס איך, ווי איך זאָל דאָס רופֿען? מילא, זאָל זיין: קינסטלער.

דער, וואָס האָט געשריבען דעם פּיוט, און דער חזן, וואָס פֿלעגט איהם זינגען.

דער, וואָס האָט געשריבען מצבות, און דער מצבה-קריצער.

אַ שטענדיגע מלחמה צווישען דעם פּייטן'ס עברי און דעם חזן'ס קאָלאָראַטור, שטייגער.

בּעקאַנט איז דער אַנעקדאָט: ר' יעקב עמדין האָט אַמאָל געהערט אַ חזן אָבּדריידלען דעם „השכּיבנו", „ושמור צאתנו ובואנו", איז איהם, דורך פֿיעל שטייגער, אויסגעקומען: ושמור צאתנו, דערויף האָט ר' יעקב עמדין געגעבען אַ הילך מיט אַ דונער-קול פֿון זיין שטאָט צום חזן: וכסית את צאתך!

נאָך איין עלטערער אַנעקדאָט איז בּעקאַנט וועגען רבינו-תם, אַז ער האָט אַמאָל געהערט אַ חזן זינגען: את יום חג... הזה ואת יום המנוח הזה (אָנשטאָט יום המנוחה), האָט דער רבינו-תם

צו איהם געזאָגט, מיט אַ פיינער אילוזיע אויף אַ מאמר פון תלמוד: מנוח עם הארץ היה.

אָבער דאָס פערדרעהען איז נישט געווען מכח עם־הארצות, ניין, ס'רוב איז דאָס געווען: מען האָט דער קונסט געאָפּפערט דעם טעקסט.

דער ווירטואָז, דער חזן, פלאַם־פייער פון זיין געפיהל, בעוועלטיגט פון זיין קול, נתפעל פון נגון—איז בשעת־מעשה דער עכטער קינסטלער. איהם איז וויכטיגער זיין מוזיקאַלישׁ געפיהל ווי דער פירוש המלה. צי איז דער אָרט דערפון אין שוהל, איז אַ בעזונדערע שאלה. אַוודאי, האָט אַ פאָלק געברויכט צו האָבען מוזיק בעזונדער און גאָט'ס עסקים בעזונדער — ביי אונז איז דאָך אָבער אַלץ אויסגעמישט, אָרים, קליין, חושך.

און ביי דער מצבה — אַ קלאָג צו אונזערע קונסט־ערשטי־נונגען — זענען ביידע דיכטערים: דער, וואָס שרייבט און דער, וואָס קריצט. דער קריצער, אויב ער איז אַ קינסטלער, איז דאָס אויך אַ פּאָעזיע. און די ביידע קאָנען זיך קיינמאָל נישט אויס־גלייכען.

אמאָל ווערט דאָס אין איין פּערזאָן: שרייבער און קריצער. כמה פאַמיליעס „שטיינשניידער" זענען געווען פון דעם מין.

פון דעם סופר האָט זיך געקאָנט ענטוויקלען אַ קונסט, ווענינגסטענס. אַ קליין־קונסט, די קליין־שרייבעריי. זי האָט זיך אויך אַביסעל ענטוויקעלט.

ווען נישט מען זאָל דעם סופר'ישקייט אַזוי בעזאָלבען און בעהייליגען, וואָלט אפשר געוואָרען דערפון אַ רעכטע קונסט.

נאָר ס'איז געשעהן ווי אין ביצאַנץ. מען האָט איין מאָל פאַר אַלעמאָל גע'פסק'נט, אַז די הייליגע בילדער מוזען אַזוי און אַזוי אויסזעהן.

נישט אַ האָהר אַנדערש. דערמיט האָט מען גע'ממית'ט די רעליגיעזע מאַלעריי — ווי אַ „סוויאַטאָר" האָט אויסגעזעהן פאַר 400 יאָהר, ווערט ער געמאָלט שטענדיג — נישט אַנדערש.

עס איז אַזוי, ווי מען באַלזאַמירט אַ פאַלמע. איהר האָט דאָך געזעהן באַלזאַמירטע פאַלמען־מומיעס. ס'פעהלט נישט אַ האָהר, נאָר דאָס לעבען.

מען זאָל געבען פרייהייט, וואָלטען פון די תגין געוואָרען, וועניגסטענס, אראבעסקען.

ס'איז אָבער נישט געוועזען דער קאָפּ דערצו. דאָס זאָל זיין די גרעסטע זאָרג, וואָס פון תגין זאָלען נישט געוואָרען קיין אראבעסקען.

איך מיין, אז אפילו היינט געהט עס אויך אריין אין די לינקע פאה, צי עס זענען יאָ געוואָרען, צי עס זענען נישט געוואָרען אראבעסקען, צי די קרוין פון די זיילע, דאָס „קאַפּיטעל" האָט זיך ענטוויקעלט פון „יאָנישען" צי „קאָרינטישען"—אָדער ניט.

א שטיקעל ברויט גיט, א טפח ערד, א קאָפּ אויר!

און אזוי ווי מיר זענען היינט פערדרעהט, פערדולט, נערוועז, פערטומעלט פון רעוואָלוציע, אזוי זענען יודען געוועזען הונדער-טער, הונדערטער יאָהרען מיט גזרות און מיט גרוש אהין און אהער.

די קונסט ברויכט עשירות! איהר וועט דאָך אודאי פרעגען: איז עפּעס יענער מאָלער אַנ'עושר? אסור, א קאָפּיקע אין קעשענע!

אָבער איהר ווייסט נישט, אז די קינסטלער מאַכען פון אָרימקייט א „באָהעם", א ציגיינעריי, א לוסטיג, בשמחה'טען דלות, וואָס איז רייכער פון ראָטהשילד.

א גרינגען קאָפּ מוז מען האָבען, אויב נישט א שווערען בייטעל.

ביידע צוזאַמען: אָרימקייט און ערנסטע געזעצטקייט זענען נישט קיין באָדען פאַר קונסט.

און מיינט נישט, אז יודען זענען טומטום'ס אויף קונסט, ווייל ס'שטעהט אזוי אין די הייליגע ספרים.

די הייליגע ספרים האָבען דאָך אויך יודען געשריבען, און ס'איז פערהאַנען פערשידענע, איינס איז נישט גלייך צום אַנדערן, און די צייטען פלעגען זיך ענדערן און די יודען פלעגען זיך ענדערן.

א ביסעל געלד, און א ביסעל א גרינגער קאָפּ פלעגט אָנ-צוהויבען שפּראָצען יודיש שענקייט. לוקסוס מיט געשמאַק, שענע, טייערע דרוקען, שענע קדושין-פינגערלעך, שענע גרויסע שוהלען מיט שניצעריי, מיט גרויסע זיילען.

און ווידער געוואָרען צרות: טייל רייכע פלעגען זיך אויס-

שמד'ען, און דאָס פאָלק איז פערקראָכען אין מויז־לאָך אַריין, און אַלץ איז געוואָרען פערוואָהרלאָזט און מיאוס פאַר אָרימקייט, פאַר שווער־געמיטה. פאַר קאָנקורענציע: נישטאָ די שענע דרוקען, נישטאָ די אַלטע עטרות, נישטאָ די כסא של אליהו'ס־רענעסאַנס.

אַזוי איז געוואָרען אַ בעל־מחבר און אַ מאַלער, אַפילו דער־נאָך די משכיל'ישע—אוים מחותנים.

און עס טוקט זיך דער סופר אין מקוה, און דער יודישער מאַלער אין וואַרשא איז פ. פ. ס., און אוים מצבה־קריצערס, און אויף דער מצבה שטעלט מען די פוילישע דאַטע, און דערנאָך קומט מען און מען פערדרעהט דעם קאָפּ אין קאַנצעלאַריע פון סינאַגאָגע, ווען עס איז יאָהרצייט.

דאָך איז אַ ביסעל אַנדערש געוואָרען. מען טרעפט שוין צוזאַמען אַ ליליען מיט אַ פּייוועל, אַנ'אָש מיט אַ ניימאַן, און נאָך כמה וכמה.

און איך לויף אין רוים צו גליצענשטיינ'ען, און זוך אין מינכען בוכבינדער'ן, און אין בריסעל חאַפּ איך מיך אַוועק פון קאָנפערענץ און לויף אַרונטער צום גרויסען יודישען סקולפטאָר שאַרל סאַמיסט, וואָס אַפילו אין „אָסט און וועסט“ איז נאָך גאָרנישט געשטאַנען וועגען איהם.

זאָגט, וואָס איהר ווילט! עס האָט זיך געפונען עפּעס אַ זאַך, וואָס דערנעהנטערט דעם יודישען שריפטשטעלער מיט דעם יודישען קינסטלער, אַפילו ווען דער ערשטער שרייבט נאָר וועגען דער וועלט, און דער לעצטער מאָלט נאָר די וועלט.

ווי דאָס הייסט? זאָלען עס די וואָרט־מאַכערס אָנרופען. ווי אָדם הראשון, וואָס האָט געגעבען נעמען איטליכע חיה און בהמה. אָבער פאַר דעם נאָמען עקזיסטירט דאָך די זאַך.

רופט עס אָן: ראַסע, נאַציאָנאַליטעט—עפּעס איז פערהאַנען אַ זאַך, וואָס פעראייניגט, ווען די צורייסערס זאָלען זיך אַפילו שטעלען אויפ'ן קאָפּ.

אין ברייטען יאָרדען־שטראַט אין אַמסטערדאַם האָב איך געהערט אַ נייעם סימן: אַלע יודען רויכערן שטאַרקערע ציגאַרען. סטאַטיסטיש־פאַקטיש בעוויזען.

מילא, אַז אַלע סימנים וועלען בטל ווערען, וועט נאָך ד ע ר סימן בלייבען. זאָל זיין שטאַרקערע ציגארען, פּאַרט אַ סעפּעראַטיזם.

און איך געה צום ייִדען, צום אַלטען רבי'ן, צו א י ז ר אַ-ע ל ס'ן אין האַאַג.

פּשוט, ווי אַ חסיד געהט צום אַלטען רבי'ן, מיט דבקות מיט דרך-ארץ.

אַ קליינינגקייט, דער אַלטער רבי? יין-המשומר, דאָס יוסט-קייט פון אַ ראשון, דער אור-הבהיר, דער פונדאַמענט.

און מיינט איהר אפשר, אַז ביי קונסט איז אַנדערש? יונגעל וויז האָב איך געהערט צווישען חסידים, אַז רוח-הקודש איז פאַר-האַנען נישט דוקא אין די תורות, נאָר אפילו אין די נגונים.

מילא, אויב ס'איז דאָ רוח-הקודש אין די קולות, וואָס ברו-מען און דונערן און גיסען זיך און זענען זיך מזווג אין דעם הייליגען זווג, וואָס מען רופט איהם: האַרמאָניע — אפשר איז פאַרהאַנען דערזעלבער רוח-הקודש אין די פאַרבען, וואָס לייכטען און פינקלען און ברענען און פלאַקערן און ריידען און ווערטער?

איך וויל געהן צו דעם אַלטען רב פון מאַלעריי, צו דעם בעל-שם פון פאַרבען, צו דעם בעל-הנס פון מאַכען מופתים מיט'ן פענזעל, און תורות-זאָגען און נגונים-זינגען און מאכלים בעשאַפען מיט אַ מין וואונדערליך גאונ'ישקייט, אויף אַ שטיקעל ליינוואַנד.

אַ גלגול פון בצלאל'ן, אַ רבי, אַ מקובל פון „תפארת", אַ גוטער יוד פון שענקייט, אַ גדול-הדור פון עולם-הקונסט, אַ תבשיט פון לאַנד, אַ קדוש-השם פאַר יודען, פיעל מאָל געוואָרען צוקאָכט, צופּלאַמט, נבהל ומשתומם, טיילמאָל צוגעדריקט עד שאול תחתיה, און טיילמאָל דערהעכערט ביז'ן זיבעטען הימעל, זיך איינקוקענדיג אין זיינע מייסטערווערק, וואָס די וועלט שפּיגעלט זיך אָן זיי; בעקאַנט מיט זיין גאַנג, מיט זיין שטייגער השגה, מיט זיינע השבעות און צרופים, וואָס ער איז משביע און מצרף ליכטער און שאָטענס, פאַרבען, האַלבע, פיערטעל, צעהנטעל פאַרבען, מיט ניצוצות. איצט וועל איך איהם זעהן: דעם אַלטען. דעם חד בדרא פון יודישע קינסטלער.

און זיך געקליבען צו איהם טאַקי ווי נטע-נח ווישעגראַדער

פלעגט אַרײַנגעהן אין קאָצק, מיט אַ התלהבות, מיט אַ בּע־געהר, מיט אַ בּענקשאַפט.

אָבער האַאַג איז דאָך נישט קאָצק, און אַנ׳אַדרעס־בּוך בּרויך מען, און איך בּעט בּײַ דעם פּאָרטיע אין האָטעל אין אַמסטערדאַם אַנ׳אַדרעס־בּוך פון האַאַג.

ער זוכט און פרעגט מיך הײַזעריגערהײַד (האַלב אַמסטערדאַם איז אָהן אַ קול סוף שבט, ווען עס רעגענט איבּער די גראַכטען און קאַנאַלען): וועמען בּרויך מײַ העער אין האַאַג.

— איך וויל וויסען — זאָג איך — דעם אַדרעס פון איזראַעלס.

— איזראַעלס—לאַכט ער הײַזעריגערהײַד—דער אַדרעס פון איזראַעלס! ווער ווײַס נישט איזראַעלס? אונזער איזראַעלס. דער קלײַנער, דער אַלטיטשקער, דער גרעסטער פון דער מדינה, וואָס מען האָט בּעצאָהלט 35,000 הולדען פאַר איין שטיקעל גע־מעל זײַנס, איטליכעס קינד אין האַאַג וועט דיר ווײַזען דעם אַדרעס!

און איך האָב מיך געוואָלט אַרײַנלאָזען אין אַ וכוח וועגען „אונזער" איזראַעלס. וואָס עפּעס „אונזער"? מיט אײַך חזירים גע־פּאַשעט? פון די שיפּערס קומט ער אַרוים? פון די „קעז־מאַכערס"?

איך בּין אָבער געוועזען אַזוי צופרידען פון דער פּאָרטיע־אומות־העולם הסכּמה, אַז פּשוט אַ מחיה.

— צו איזראַעלס אַנ׳אַדרעס? אַ שטײַגער פרעגען זיך אין אַדרעס־בּיוראָ, וואו וואוינט די לבנה.

און אַוועק בּין איך קײַן האַאַג מיט דער אינפאָרמאַציע, און געפאָהרען אין טראַם, און געשטאַנען בּײַם שמײַסער, און גע־געבּען אַ פרעג דעם שמײַסער, אויב ער ווייסט נישט, וואו איזראַעלס וואוינט.

אַודאַי ווײַס ער: קעניגין־גראַכט, די נומער ווײַס ער נישט, אָבער אַ ווײַס הויז, און קינדער וועלען ווײַזען.

אַראָב פון טראַם און זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ דיסקורס מיט קינדער. אוי, וואו נעהמט מען עספּעראַנטאָ?

אַפילו אָט דעם דאָזיגען איזראַעלס רעדט מען אַ ביסעל אַנדערש אויך. ס׳איז אַנ׳אַנדער חתוך הדבּור, בּפרט בּײַ קינדער. לעזען אפילו די מאָדערנע ליטעראַטור — דאָס איז גאָרנישט.

אָבער ריידען מיט קינדער אויף אַזאַ לשון אין אַ פרעמד לאַנד—אויף מיינע שונאים געזאָגט!

אוי, אַרויסגעקומען אויף קעניגין-בראַכט, און שלעפּ מיך אין די פּעטערבורגער מיטינג-קאָלאָשען (פּערטוישט אויף אַ מיטינג) מיט אַ פּאָרטפעל, וואָס וועגט אַפשר אַ פּוד.

אַ נס איז מיר געשעהן: דערזעהן אַ פּאָר יודישע פּנים'ער — צוויי ווייבלעך מיט אַ קליין מיידעלע, אויסגעזעהן ווי געהענדיג פון שוהל אויף טלאָמאַצקע אין וואַרשא.

ס'איז אפילו נישט פּאַסענד דאַמען צו פערהאַלטען מיט אַ פראַגע וועגען אַנ'אַדרעס, מען קען חאַפּען אַ פּסק, אָבער די קאַלאָשען מיט דעם פּאָרטפעל האָבען געצוואונגען.

— צי ווייסען זיי נישט, וואו איזראעלס וואוינט?

— פאַרוואָס זאָלען מיר נישט וויסען?

אָט זענען מיר דאָך אין דער-היים. און געקומען בשלום צום ווייסען הויז, נישט קיין וואַשינגטאָן, נאָר אין „קעניגין-בראַכט" אין האַאַג.

איך זאָג אייך אַן אַלס פּראַקטיקער: שטענדיג קוקען אין אַדרעס-בוך — און מיט'ן פּאָרטיע נישט זיין סענטימענטאַל.

פּאָליטישע סעודות.

דעם לעצטען זונטאָג-אָוועגד איז אין חשמונאים-קלוב אין גרויסען צענטראַל-האָטעל, לאָנדאָן, וועסט, געוועזען אַ סעודה לכבוד דעם ניו-יאָרקער אורח, וועלכער האַלט זיך איצט אויף אין לאָנדאָן, דעם בעוואוסטען אָסקאַר סטרויס, וועלכער איז געוועזען אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ס'איז אַ מנהג בײַ די „חשמונאים", אַז זיי מאַכען טײַלמאָל אַ זעלכע קבלת-פּנים'ס די געסט, יודען און אויך קריסטען, וואָס האָבען אַ צוגעהערעניש צו יודען.

דער חשמונאים-קלוב איז געגרינדעט געוואָרען מיט 14—13 יאָהר צוריק. צו זײַנע חברים געהערען געקליבענע מענשען פֿון גילדרענעם פּאָהן און פֿון אינטעליגענץ פֿון דעם ביסעל ענגלישע יודען. דער חשמונאים-קלוב האָט נישט קיין שיטה, ד. ה. ער איז נישט אַסימילאַטאָריש אָדער ציוניסטיש, ער איז נישט אָרטאָדאָקס אָדער פֿרײַ—דאָך איז ער, לויט דעם רוב פֿון זײַנע חברים,

גיבער אסימילאטאָריש. דער נאָמען איז נאָר אַ נאָמען. עס האָט קיין שום המשך נישט מיט די חשמונאים—אפשר מיט די לעצטע, וואָס האָבען זיך שוין געלאָזט וואויל-געהן — מיט די ערשטע אודאי נישט.

די לעזער פון יודישע צייטונגען וועלען זיך אפשר דערמאָהנען, אז דער דאָזיגער קלוב האָט אַ מאָל הערצלען אויך מקבל פנים געוועזען, און הערצל האָט דאָמאָלס געהאַלטען אַ גרויסע רעדע. ביי אונז, ווען מען לעזט אויף 3—2 זייטען פון „דשואיש קראָניקל" אַ גענויע בעשרייבונג פון אזא סעודה, אויסגערעכענט די געסט און איבערגעגעבען אלע וויין=רעדען און מי-שברך'ס איז מען נוטה צו האַלטען די זאך מעהר, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט. די סבה איז פשוט—עס קלינגט דאָ מעהר; עס איז אַ בעסערער רעזאָנאַנס-באָדען. איך קען מיך גאַנץ גענוי דערמאָהנען, אז מיר פלעגען האָבען אין ווארשא, אין נאָוואָ-האָרמאָניא, סעודות, וועלכע זענען באמת געוועזען גרעסער, דער טענאָר פון די רעדען העכער, די פערזאַמלונג צאָהל-רייכער, די מדרגה פון דער אינטעליגענץ, קנאַפ צו זאָגען, געוויס נישט נידריגער. אפילו דער זאל שענער. אָבער ביי אונז איז דאָס אלץ געוועזען בעהאַלטען, כמעט בגנבה. מען פלעגט נישט אָבצודרוקען טאָסטען, ווייל מען האָט נישט געטאָרט און ווייל מען איז אין דער הינזיכט ביי אונז ערנסטער, און ווען מען זאָל זאָגאר אָבדרוקען — אין פויליש, אין יודיש—ווער וואָלט דערפון געוואוסט אין דער גרויסער וועלט? עס איז נישט קיין קלוב, עס הייסט נישט מאַקאַבייען, עס איז נישט ענגליש, עס איז נישטאָ קיין פרעסע, וואָס זאָל אזעלכע קלייניגקייטען בעשרייבען און אילוסטרירען. און מיר האָבען נישט קיין מענשען מיט גרויסע מיטלען, למשל, אמבאַסאַדאָרען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

הערר אָסקאַר סטרויס, דער „אמבאַסאַדאָר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל", איז אַ יוד פון אַ יאָהר זעכציג, אַ נידריגער, מיט אַ בלאַס פנים, מיט אַ „וועלטמאַגנישע גלאַטצע", זעהט אויס אַ ביסעל ליידענד, מיד, פערזאָרגט — מיט מנוחה, גרויע, גלייכגילטיגע אויגען. אַ ברייטער, ערנסטער שטערן, אַ טיפ פון אַנ'אַלטען דיין מיט בעשיידענהייט, וואָס דאָס איז אפשר דער שטאָלץ; נישט

קיין גרויסער רעדנער, אבער א מענש מיט א געוויסען ישוב-הדעת, א דייטשער יוד, פון באנקירען און אנ'אדוואקאט, אבער מעהר וויסענשאפטליך ווי פראקטיש; א יוד מיט הומאניטעט-יודישקייט, רחמנות, געמישט מיט „דיפלאמאטיע”, זעהר שטאלץ אויף אמעריקא, און דערבארעמט זיך אויף די גלויבענס-גענאסען.

מען האט איהם געזעצט, ווי ס'פיהרט זיך, אויבען-אן, נעבען דעם פרעזידענט, און פרעזידענט אין דעם אווענד איז געוועזען מיסטער מעריען ספילמאן, איינער פון די דריי ברידער ספילמאנ'ס— איין ברודער איז געוועזען דעלעגירטער פון אנגלא-דשואיש אססא- סיעשען (צוזאמען מיט הערן קיש) ביי די ברי‌סעלער לעצטע קאנפערענץ, דער אנדערער איז סער איזידאר ספילמאן—ער איז דער פעהיגסטער, אנ'אמת'ער ליטעראט, א קונסט-קריטיקער, א דין מענשעלע, גלאט ראזירט, ענגליש — אבער נישט קיין יונגער-מאן, אפיציעל בעטייליגט ביי דער יט"א, אבער, דוכט זיך, אהן גרויס מסירת-נפש, אודאי בעטייליגט ביי נאך 100 גע- זעלשאפטען, קריסטליך און יודיש.

בכלל איז די יט"א געוועזען שטארק בעטייליגט: זאנגוויל, סאלאמאנס, אלע דריי ספילמאנס, און סטרויס אליין. אבוואהל ער האט מוסר-מודעה געוועזען, אז איהם איז אלץ איינס — אבי העלפען, דאך האט זאנגוויל ערקלערט, אז ער, ד. ה. סטרויס, געהערט צו דעם אבער-ראטה פון דער יט"א.

אלע פארטייען זענען געוועזען אויף דער סעודה. די „חשמונאים” — אלם חברים, אנדערע — אלם געסט. פון רוסיש- יודישען-קאמיטעט הערר זעליגמאן און הערר נעסען (נתן) דזאזעף. זעליגמאן — פון די בעקאנטע ניויארקער באנקירען, וואס מען האט אמאל געזעגענט, אז ער האט א שטיקעל סימפאטיע צו ציוניזם. דזאזעף, ענגליש-אסימילאטאריש-אפיציעל, פון די, וואס האבען געשריבען די בעריכטיגטע דעקלאראציע געגען ציוניזם מיט טערי- טאריאליזם צוזאמען, און אלעקסאנדער, דער פרעזידענט פון באהרד אוו דעפיוטיעס, די העכסטע פערטרעטונג פון ענגלישען יודענטום. דער לארד אליין איז נישט געוועזען. נישט זיין כבוד איז געוועזען צו קומען, אבער זיין חברה איז געוועזען. קלאהד מאנטעפיארע איז אויך נישט געוועזען, ער איז פערדרייזט נאך דער

שווייץ. געוועזען אויך די רעפּרעזענטאַנטען פון ענגלישען ציוניזם: גרינבערג און כהן; געוועזען הערר הערבערט בענטוויטש, אלס בעל־בית פון קלוב, און זיין שוויגער־זוהן, אונזער אויסגעצייכענ-טער פּראָפעסאָר פרידלענדער. אונזער וואַרשעווער פרידלענדער — אוים ניויאָרק; געוועזען אויך עטליכע רעווערענדס. דער גאַנצער עולם — פּיליכט 60—50 פּערזאָן.

די סעודה, ווי אַנ'ענגלישע יודישע סעודה: אַ רעווערענד מאַכט „המוציא" בקול־רם, און נאָכ'ן עסען בענשט אַ רעווערענד און מען טהוט אָן קאַפּלעך. מען האָט דאַסמאָל נישט געטיילט קיין פּאַפּירענע קאַפּלעך. אַ פּנים, מען האָט די סעודה נישט גע-האַלטען פאַר שטאַרק אָפיציעל.

עס איז געוועזען ענגליש־געמיטהליך, אַ לעבהאַפטע אונטער-האַלטונג. סאַלאָמאָנס, ג. סאַלאָמאָנס, דער בעריהמטער מאַלער, דער „קעניגליכער אַקאַדעמיסיאַן", זיצענדיג מיט מיר אין שכנות, האָט מיר נישט נאָר דערצעהלט, אָבער אויך אויסגעריסעועט די קאָלומנען פון מקדש הורדוס, לויט ווי ער האָט אויסשטודירט פון ביכער און ערשט דעמזעלבען טאָג פון פּראָפעסאָר פּעטרי; — ער געפינט אַ הורדוס־סטיל; ער וועט האַלטען אַ פאָרלעזונג אין קעמברידש. ער האָט זיך שוין פערשטענדיגט מיט עברעהעמסען.

נאָכ'ן עסען און נאָכ'ן בענשען האָבען זיך אָנגעהויבען די רעדען, די טאָסטען — אַלץ ענגליש, און אין ענגלישען סטיל. עס איז אַ בעזונדער סאָרט: נישט ערנסט, נישט חוזק. אַ ביסעל ערנסט, געמישט מיט המצאה'לעך. וואו מיר וואָלטען גאָר נישט אין זינען געהאַט צו לאַכען, לאַכען זיי, און פון צייט צו צייט רופט מען: „הערט, הערט"— ווי דער שטייגער איז.

דער ערשטער מי־שברך — דעם קעניג, וואָס קיניגט איבער גאַנץ גרוים־בריטאַניען — אויך געמישט אַ ביסעל מיט וואָרט־שפּיעל און מיט לייכטען הומאָר. געהאַלטען די דרשה האָט הערר מעריען ספּילמאַן. פון די וויצען איז געוועזען, אַז עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישען ענגלישען קעניג און צווישען אַמעריקאַ, אַ והא־ראיה, דער קעניג איז, אַלס קרוינפּרינץ, אַמאָל געווען אין אַמעריקאַ, און ער האָט דאָרט געמאַכט אַזאַ גוטען איינדרוק, אַז אַ צייטונג האָט

געשריבען, אז ער וואָלט בעקאָנט זיך שטעלען, אלס קאנדידאט, צו ווערען געוועהלט. אלס פּרעזידענט. מען הערט אוים דעם טאָסט, און מען רופט: קעניג, קעניג, אזוי איז דער שטייגער נאָך איטליבען טאָסט.

דערנאָך איז ערשט געקומען דער רעכטער טאָסט צוליעב דעם גאַסט: אויך געהאלטען הערר מעריען ספּילמאַן. ער האָט געריהמט דעם גאַסט אין פינף אייגענשאַפטען, אלס אמעריקאנער, אלס אדוואָקאַט, אלס שריפטשטעלער, אלס פילאַנטראָפּ און אלס יוד — פינף פינגער. דער לענגסטער פינגער איז געווען דער אמעריקאנער: דער יוד איז אויסגעקומען ווי א שפּיץ פון א למד פון א „טל-ומטר" אין א קליין סידור'ל.

פון הונדערטער רעדנערס, וועלכע איך האָב געהערט אויף מיטינגס, אין געזעלשאַפטען, אויף גרויסע סעודות און אויף קליינע סעודות — איז הערר מעריען ספּילמאַן איינער פון די בעסטע. מען פיהלט טיעפע, סובטילע, אויסגעארבייטע ענגלישע ליטערארישע בילדונג, מען פיהלט דעם קינסטלער, דעם גע-איבטען ווארט-מייסטער; מען פיהלט, אז דאָס איז נישט קיין דע-מאגאָגישער שרייער, נאָר א פיין-ניאנסעטער, בעלעזענער, דורך און דורך געבילדעטער עסיסט. פשוט, א מחיה פאר מבינים, פאר געקליבענע.

דער אינהאַלט לאָזט זיך נישט קריטיזירען. עס איז א טאָסט. עס איז וועניג צו זאָגען: גוזמאות, עס איז א טאָסט. אזוי איז דער מנהג.

נאָר געקומען בין איך נישט אויף א סעודה און נישט צו הערען טאָסטען. מען האָט יעצט נישט דעם קאָפּ צו טאָסטען, און נישט דעם אפּעטיט צו סעודות אין דער טרויעריגער שווערער צייט. געקומען בין איך הערען א לעבעדיג ווארט וועגען די זאַכען, וואָס טהוען וועה, וועגען דעם יאָמער, וועגען דעם, וואָס קיין מענשליכע שפּראַך קאָן עס נישט אויסדריקען, אָבער מען מוז עס דאָך אויסדריקען.

איך האָב צוגעהערט מיט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט ספּרוים'ס רעדע. ער האָט זיך נישט געוויצעלט, ער איז געווען זעהר ערנסט, גערעדט פּראָסט ענגליש, מעהר ווי א ביזנעס-מאַן, און

איך מוז מודה זיין, אז וועגען די רציחות און די גרוילען אין רוסלאַנד האָט ער געפונען ענערגישע אַקצענטען, און עס האָט זיך געהערט אַ יודיש-פיהלענד, צוריסען האַרץ.

אָבער דער עיקר אינהאַלט פון זיין רעדע איז געווען — שלום. נישט ציוניזם, נישט יט"א, נישט יק"א, נישט רוסיש-יודיש קאָמיטע, נאָר אַלץ צוזאַמען, דען נאָר אין דעם פאַל איז פערהאַנען אַ האָפנונג צו העלפען די גלויבענס-ברידער. געגען דער אַלטער רוסישער „רעגירונג" האָט ער גערעדט נישט ווי אַ דיפּלאָמאַט, נאָר ווי אַ מאָראַליסט, נישט שפּיציג-שאַרף, נאָר גלייך און איינפאַך, מיט אַנ'אונגעהויער שטאַרקען פּראָטעסט.

דער טאָן האָט זיך געענדערט ביי זאַנגוויל'ן. ער האָט געקריגען די עליה (אַלץ ווערט פון פריהער בעשטימט און די עליות פערטיילט) צו האַלטען אַ טאָסט אויפ'ן רוסיש-יודישען קאָמיטע. עס איז גלייך, ווי מען וואָלט ראָדישעוו'ען מכבד געווען, ער זאָל מאַכען אַ „מי-שברך" דער שטערען-פּאַלאַטע. ער האָט אויף דעם מאָטיוו געמאַכט עטליכע בריליאַנטע וויצען. דאָס רוסיש-יודישע קאָמיטע — האָט ער געזאָגט — איז גלייך צו דעם אַלטען רעזשים. לאָרד ראָטשילד איז אפשר אַ גוטער מענש, אָבער ער האָט שלעכטע יועצים. רוסישע יודען — האָט ער געזאָגט — זענען 2 מאָל אַזוי פיעל, ווי די נאָרוועגער, וואָס האָבען יעצט געקרוינט אַ קעניג. יודען בכלל זענען 2 מאָל אַזוי פיעל, ווי ענגלענדער זענען געווען אין טודאָר'ס צייט. ווען מען קוקט זיך צו — צו דער גרויסקייט און שרעקליכקייט פון זייערע צרות, און צו דעם קאַפּעלע, וואָס זיי טהוען זיך צו רעטען — ווערט מען נבהל ומשתומם. פון איין פּראָגראַם ביז צום אַנדערן טהוען זיי גאָרנישט. ער האָט זיי פערגליכען מיט אַ אירלענדער, וואָס איז געשטאַנען און געאַרבייט אין אַ שאָפּע, וואו דער דאַך איז געווען געלעכערט און עס האָט מורא'דיג אַריינגערעגענט און אַריינגעבלאָזען. „פאַרוואָס פערריכסטו נישט דעם דאַך?" האָט איהם אַנ'ענגלענדער געפרעגט. „עס איז נישט מעגליך, ס'רעגענט דאָך"? — אָבער פאַרוואָס פערריכסטו נישט, בשעת עס רעגענט נישט? — „אַז עס רעגענט נישט — האָט ער געענטפערט — ברויך איך דאָך נישט צו פערריכטען!" צום סוף האָט זאַנגוויל אויסגעדריקט זיין

סימפּאַטיע פאַר דער קלײנער אַרבײט, פאַר דעם פלײס און ד אויסדויער פון דעם רוסיש-יודישען קאָמיטע. סיזיפוס — האָט ער געזאָגט, איז סימפּאַטיש. טויזענד מאָל שלעפּט ער דעם שטײן ביז שפּיץ באַרג, און טויזענד מאָל האָט זיך דער שטײן שוין אַראָבגעקײַקעלט. ער איז סימפּאַטיש!

ס'איז געווען אַ בריליאַנטער טאָסט.

גערעדט האָבען נאָך הערר זעליגמאַן, הערר הענריקעז און נאָך אײן מאָל הערר ספּילמאַן. דאָס לײטמאָטיוו פון אַלע רעדען איז געווען שלום.

איך בין ווײניגער, ווי אַלע, יעצט נוטה צו מחלוקת, און אויב מען זאָל קענען אַלע זיך צוזאַמענעהמען געגען דעם אַלגעמײנעם שונא—וואָלט דאָס געווים געווען גלײך—דאָך האָט מען נישט געהערט קײן אײן קלאָרען געדאַנק: דאָס רוסיש-יודישע קאָמיטע בלײבט רוסיש-יודיש קאָמיטע; מען איז שוין געגאַנגען צו מיניסטאָרען, זײ האָבען שוין געענטפערט, אַז „מען קען זיך נישט אַרײַנמישען"; מען האָט שוין פיעל מאָל פאָרגעשטעלט רוזוועלט'ן, און ער האָט שוין געטהון, וואָס ער האָט געקענט. סטרוים אַלײן האָט געזאָגט, אַז „מעהר קען מען נישט פערלאַנגען". מילא, פרעגט זיך, אויב מען קען מעהר נישט פערלאַנגען, ווײל „קודם-כל, זענען מיר אַמעריקאַנער, ענגלענדער א. ז. וו." — טאָ וואָס וועט זײן, ווען מיר וועלען אונז צוזאַמענעהמען? צוזאַמענעהמען ווענען קאָלאָניזאַציע? מילא, יק"א טהוט דאָך, וואָס זי קען, און די יט"א וועט טהון, וואָס זי קען — און ציוניזם? ציוניזם האָט דאָך זײן פּראָגראַם. אויף פּאָגראָמען, תיכף, קען ציוניזם נישט העלפען.

אײן זאַך האָט מיר פערשטערט די שמחה: די „גלויבענס-ברידער!" די עקזיסטענץ פון אײן יודישער נאַציאָן האָט מען נישט פּראָקלאַמירט. ווידער און ווידער האָט זיך געהערט אַלץ רחמנות אויף די געפּײניגטע, געמאַטערטע, נעבעך, רוסישע יודען.

זאַנגוויל האָט מיר געזאָגט נאָכ'ן עסען: זעהט איהר, ווי איך ברענג דעם עולם נעהנטער צו ציוניזם! — איך האָב איהם אַרײַנגערוימט אין אויער: ביאַליסטאָק! ער בעשטעהט נישט. ער האָט דעם עולם געברענגט נעהנטער.

איך וואָלט מיר געוואונשען צו מסכים זיין. דערווייל האָב איך געהערט נאָר רחמנות און רחמנות און סתם־מענשליכקייט און מיטלייד. און אַ גוטען רצון צו מאַכען שלום און צו ווירקען צוזאַמען. איך דערמאָהן מיך, אַז דאָס איז בעשלאָסען געוואָרען אויך אין ברי־סעל. וואָס איז אַרויסגעקומען?

נאָכ'ן עסען האָט מען נאָך אין אַ קליינע גרופּע גערעדט: ס'וואָלט גלייך געווען מען זאָל צוזאַמענקומען, נישט פיעל, עטליכע מענשען, זעהען עפּעס טהון.

מיט געמישטע געפיהלען בין איך אַרויס פון דער חברה חשמונאים — מיט מיין לאָנדאָנער אידעאַל. איהר ווייסט דאָך, וואָס דאָס לאָנדאָנער אידעאַל איז? נאָר האָפען דעם באָס. מיינער הייסט: וועסט־קילבורן.

אַזוי לאָזען זיך, מ'שטיינס־געזאָגט, אוים פּאָליטישע סעודות.

די מאַראָקאַנישע פּאָליצײַ.

(פֿון מײַן נאָטיץ-ביכעל).

בײַ׳ם יודישען בית-עלמן אין טאַנגער (מאַראָקאָ) האָב איך געזעהן אַ געצעלט: שוואַרץ, שמוציג, אומפּלעטהיג, חשך און דלות; דערנעבען האָבען געהויערט אַ פּאָר דאַרע, שאַרף-הויקער-דיגע קעמלען, וועלכע האָבען געקוקט מיט זייערע גרויסע אויגען-אַפּלען אויפ׳ן ווײַטען פּלאַץ מיט די געלע ערד, און געלעגען זענען עפּעס אַ פּאָר לאַפּעטוטען, האַלב-שוואַרץ, אָט אַזוי פֿון דער מאַסע אַראַבער פֿון גאַס, נישט שענער און נישט מיאוס׳ער, נישט העכער און נישט קלענער, מיט אַ פֿערשלאָפֿענקײַט, אַ פֿוילקײַט, אַ שטילע תּאווה. אַ בעהאַלטענע היץ — אויפ׳ן פּנים, און געקליידט אין די שלאָפֿרעקלעך, אין שטרײַפֿען, בלוי-גרין-געל, אין די לאַנגע שלאָפֿרעקלעך, חאַלאַטלעך, וואָס בײַ אונז טראָגט מען דאָס אין דערהיים, אין קליינע שטעדטלעך, זומער, אין אַ גרויסער היץ. און אָבגעריסען זענען זיי געוועזען, קרוע-בלויה, ס׳האָט גע-ריסען בײַם האַרץ.

וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט די חברה צום יודישען בית-עולם? האָב איך אַ פֿרעג געטהון מײַן מוסטאַפֿאַ׳ן — פּאָליצײַ! האָט ער געזאָגט, אַזעקמאַכענדיג מיט דער האַנד, אַ שטײַגער, ווי ער וואָלט זיך גע׳חדוש׳ט, וואָס איך פֿרעג אַ שאלה וועגען אַזאַ פּשוט׳ער זאַך, וואָס קינדער אין די וויגען ווייסען שוין.

אויף אַנ'אַנדער אָרט, דאָרט, וואו מען גײט אַרויף צו דער מַצֵבָה, אין אַ ווינקעל, ווידער אַזאַ מין פּאַוויליאָן, עטלִיכֶע שוואַרצע לײַלִיכער מִיט צווענהלען אויף דראַנגעס — אַ פּאַלאַטקע זאָל דאָס זײַן, אַ פּאַלאַטקע אין מִיטען שטאָדט, אין אַ ווינקעל, שטעלט אײַך פאָר, לְמָשָׁל, עק גרזיבאָווסקא און גראַניטשנא — ווידער אָט אַזאַ מין חברה, ווי דאָרט בײַם בית-עלמן. וואָס זענען די? האָב איך געפרעגט מוסטאַפאַ'ן. דאָ איז ער שוין געוואָרען גאַר בהקפּדה און האָט געענטפערט שאַרף: מילא, דאָס איז דאָך די פּאָליצײַ! ווי אַזוי דערקענט מען, אַז דאָס איז פּאָליצײַ? צווישען אַ סטאַדע פון גענז, פון טויזענד גענז, איז לײַכטער צו דערקענען אַנ'אײַניקעל פון אַ גאנז, וואָס איהר האָט אײַן מאָל אין לעבען געזעהן, ווי צו דערקענען אין דעם געווימעל, אין דעם געפּילדער, אין דעם תהו-ובהו פון יענע צעהנדליגער טויזענדער אַראַבער אין די חאַלאַטלעך, אַז די, וואָס זענען פּונקט אַזוי ווי יענע—זענען פּאָליצײַ.

— און וואָס בעדײַט, דאָ אַ געצעלט, דאָרט אַ געצעלט? — האָב איך מוסטאַפאַ'ן געפאָרשט.

— בעדײַט—חורט ער איבער — אַז יענץ איז די פּאָליצײַ פון יודישען בית-הקברות, און דאָס איז די פּאָליצײַ פון מַצֵבָה!

אַזוי איז די מעשה! נישט אײַן פּאָליצײַ איז דאָ אין מאַראָקאָ, נאָר אַ סך פּאָליצײַען! בית-הקברות — אַ פּאָליצײַ; מעטשעט — אַ פּאָליצײַ; געפּענגניש — אַ פּאָליצײַ; באַזאַר — אַ פּאָליצײַ; איטליכע פאַר זיך.

איהר קאָנט וויסען אין וואָס פאַר אַ שטאַנד איז, לְמָשָׁל, אַזוי ווי בײַ אונז אין וואַרשאַ, דער ווירט פון הויז, אַז איהר קוקט אָן דעם סטרוזש, ווי ער זעהט אויס, ווי ער וואוינט און כדומה.

די חאַלאַטלעך שטאַרק צוריסען, און די באַקענבײַנער פון די פּנים'ער שטאַרק בולט — מן-הסתם גרויסע צרות אויפ'ן בעל-בית! בעסער און פעטער זעהט אויס די באַזאַר-פּאָליצײַ... ניש'קשה אין באַזאַר.

מיר זענען אַמאָל שפּעט בײַנאַכט צוריקגעגאַנגען אַ גאַנצע חברותא (אַליין קאָן מען ווערען אַ בר-מינן)! און מוסטאַפאַ איז געגאַנגען פאָראויס און האָט געטראָגען אַ לאַמטערן מִיט אַ

סטעאַרין-ליכט. ביי אַ ווינקעל איז ער געבליבען שטעהן. ס'האָט זיך דאָרט עפּעס געריהרט. מיר זענען צוגעגאַנגען: עטליכע לאַפּסערדאַקעס, איינער איז געלעגען, דער אַנדערער האָט גע-קניהט, דער דריטער — געגענעצט מיט אַ שנויפּעלדיגען טאָן פון אונטער דער נאָז. וואָס איז דאָרט פאַר אַ חברה? — ווידער פּאָליציי! די פּאָליציי פון דעם געסעל, די נאַכט-פּאָליציי. איינער האָט געבעטען אַ שוועבעלע, אָנצוצינדען זיין ליולקע, ער האָט אָבער קיין טיטון אויך נישט געהאַט. דאָס מין בטלנות מיט דעם אָבגעלאָזענקייט, מיט דעם לאַפּטשופּאָוואַטען ברודערשאַפט איז געווען פונקט ווי אין „שטיבעל", אמאָל, צווישען בטלנים פון „אנשי-שלומינו". ס'איז דערזעלבער שטייגער עטיקעט. לויט דעם נגון און די תנועות האָב איך פערשטאַנען, אַז אָט דער איבראַהים אָדער מאַהאַמעד זאָגט צו מוסטאַפאַ'ן: הער נאָר, גיב אַהער פייער, שוטה איינער, און אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס! און מוסטאַפאַ שטעקט אַריין דעם גראָבען פינגער אונטער'ן גאַרטעל, גאָר חסיד'יש, און מען לאַכט. איינער האָט גענומען טיטון, דעם אַנדערן האָב איך געגעבען גלאַט אַ מטבע'לע; צוגענומען בכבוד-גדול. דער, וואָס איז געלעגען, האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

אין פינסטערן, שמאָלען געסעל, ביי'ם שיין פון סטעאַרין-ליכט פון לאַמטערן, וואָס דער גרויסער, שוואַרצער מוסטאַפאַ האָט געהאַלטען הויך, האָבען מיר, ד. ה. איך און מיינע רייזע-קאַמעראַדען, בעקוקט דאָס שטיקעל פּאָליציי. איך געדענק נישט די צייט, ווען איך זאָל האָבען אַזוי פיעל געלאַכט.

מוסטאַפאַ האָט גאָרנישט פערשטאַנען דאָס געלעכטער. אויף זיין ענגליש האָט ער געשפּראָכען-געבראָכען: פּאָליס! אָהלרייט! זיי זענען אויף היטען, מוזען זיי דאָך ליגען אין גאַס! וואו דען זאָלען זיי ליגען, צום טייוועל!

מיר האָבען זיך שטאַרק מתוכח געווען, און ס'איז דערנאָך געבליבען, אַז ער איז אפשר גאָרנישט אַזוי אומגערעכט. איטליכע אינסטיטוציע האָט איהר פּאָליציי. חאַלאַטלעך טראָגען זיי — וואָס דען זאָלען זיי טראָגען? פּעלצען מיט קאָמטשאַטקאַ-קעלנער? זיי דרייען ציביקעס — וואָס דען? האַוואַנעס זאָלען זיי רויכערן? אַי, ס'לאַנד איז אַזוי ווילד? ס'לאַנד אפשר יאָ, אָבער

טאַנגער איז גאָרנישט אַזוי ווילד. נישט נאָר היינט, נאָר אפילו אין די גוטע יאָהרען טרעפֿט אין קלענסטען שטעדטיל בײַ אונז מעהר רציחות ווי אין טאַנגער. פֿון דאָרט קלינגט עס נאָר מעהר, ווײַל ס׳זענען פֿערהאַנען אַננעהמערס.

אין „קאָנטינענטאַל“ זענען מיר געזעסען. דער פֿײַנער אַראַבישער קעלנער, אין אַ ווײַסען קיטעל, ווי צו יום־כפּור, און אין אַ טורבאַן, האָט דערלאַנגט מאָקאַ און מצרים־פּאַפּיראָסען, און מיר האָבען געפֿיהרט אַ דיספּוט וועגען פּאָליציי. דאָס איז געוועזען ערשט פֿאַר אַ יאָהר אָנדערטהאַלבען. די ערשטע מאַראָקאַנער פּאָליציי.

היינט זיצט חברה דיפּלאָמאַטען אין „אונזער“ אַלזיעסיראַס, וואו מיר האָבען די צײַט אַזוי גוט צוגעבראַכט, און דער טעלעגראַף איז פֿערנומען, און די אַגענטורען דולען די וועלט מיט דער פּאָליציי־פֿראַגע אין מאַראָקאָ.

אַוועק, איהר אַראַבער, מיט די חאַלאַטלעך, מיט די ליולקעציביקס, מיט די געצעלטען בײַ׳ם בית־עולמן, אין די ווינקעלעך, בײַ׳ם באַזאַר, בײַ דער כּסבּה! דער פֿראַנצויז קומט!

און עס קומט אַ פֿראַנצויז פֿון פֿראַנצויזענלאַנד, ווײַס ווי קרײַד, מיט געשמירטע וואָנסעס, מיט אַ שפּיציג בערדעל, מיט שאַרלאַטאַניש־חנ׳עוודיגע תנועות, אין אַ קורץ רעקעל, מיט אַ פּאַלערינקע, און ריידען רעדט ער עפּעס אַ מין לשון פֿון די טײַוולאָנים, אונטער דער נאָז, און שטעלט זיך אַוועק אין טאַנגער — און ער בעט נישט בײַ טוסטאַפֿאַ׳ן אַ שוועבעלע, און אַז מוסטאַפֿאַ זאָל געבען זיך אַ ריהר נישט ווי ס׳געהער צו זײַן, וועט אָט דער פֿראַנצויז איהם דערלאַנגען אַ צוויליזירטען זעץ, אַז עס וועלען זיך מוסטאַפֿאַ׳ן איבערדרעהען די בעבעכעס. אוים ליעבע חאַלאַטלעך, אוים ברודערשאַפֿט, וואָס פֿון איין שטיבעל, וואָס געלערנט אין איין חדר, פֿון איין קאָראַן און געקריגען שמיץ מיט איין קאַנטשיק! אַ פֿרעמדע אומה, אַ פֿרעמדע אמונה שיקט אַרײַן פֿון אַלדי שוואַרצע יאָהר זײַערע פֿאַרשוינען אַכטונג צו געבען אויף אונזערע באַזאַרען און אויף אונזערע מעטשעטען.

מוסטאַפאַ בעשטעהט נישט, און מיר חדוש'ען זיך, פאַרוואָס ער בעשטעהט נישט, פאַרוואָס געפעלען איהם נישט די פרעמדע פאַרשוינען מיט די פנים'ער, וואָס ער קאָן נישט ליידען, מיט'ן פרעמדען לשון, מיט די פרעמדע תנועות, מיט די פרעמדע בגדים?

אפשר וואָלט מען ביי אונז, אין אונזערע קלויזען און קלייזלעך, אין אונזערע קהל-שטובען, איך בעט אייך מחילה— אין אונזערע באָדען — געשטעלט אַ חברה קיראַסירען פון פראַנקרייך, אָדער די שאַרפע בערסאַליערס פון איטאַליען, אָדער די ענגלישע פּאָליסמענס מיט די לאַמטערנלעך, אויפ'ן אָרט פון אונזערע שמשים, וואָס מיר האָבען זיך אויף זיי אפילו צו בעקלאָגען, דאָך זענען זיי אונזערע שמשים, אונזער פלייש און בלוט, אויף אונזער סיסטקאסטען, מיט אונזער שלומפער!

איהר מיינט, אַז אינו דומה קלויז צו מדינה? אָבער איהר פערגעסט, אַז דער אַראַבער שטעהט נאָך אויף דער קולטור-מדרגה, ווי ביי אונז אַ מאָל, בעת די גאַנצע וועלט איז געווען קלויז.

און ער האָט פחד פאַר דעם פרעמדען מיט די זילבערנע קנעפ, מיט די שענע עפּאָלעטען, מיט די שווערדלעך ביי דער זייט, מיט די קאָמפּלימענטען, מיט די שענע ווערטלעך.

אוועק, חאַלאַטלעך! מען וועט געבען אַ פּאָליציי אַ צענטראַליזירטע, מיט סטאַציעס, מיט אַ פּרעפעקט, די פראַנצויזישע קולטור וויל אַריינפיהרען אויף אַזאַ וועגעלע—איהר אַלטע וואַרשויער געדענקט דאָס — ווי אַ מאָל וולאַסקאָווסקי, עליו השנופּל, פלעגט פאָהרען, און דרעהען מיט'ן קעפּעל, און קוקען אויף אַלע זייטען.

אוי, וועך וויים, אויב מוסטאַפאַ איז נישט געדעבט, אַז אָט יענע פּאָלאַטקעס מיט די חאַלאַטלעך זענען גאָרנישט די ערגסטע.

ס'איז אַבגעלאָזט, פערוואָרימט, ס'איז נישט שטאַרק-קולטורעל, דערפאַר אָבער אויך נישט סיסטעמאַטיש-רוצחיש. ס'איז דער פעטער ישמעאל, אַ ביסעל מדבר'דיג, אָבער נישט עשו.

פרובט האָט צו טהון מיט יענע גאַלונעס, מיט די פּאָלערינקעס! טרעט איבער אַ האָהר פון זייער אָרדנונג! דאָ וועט איהר

טועם זיין דעם טעם פון קאָנצענטרירטען, שען־אויסגעפוצטען גע־וואלט.

און אויב זיי שיצען פאר רציחות מעהר, איידער יענע חא־לאַטלעך—איז נאָך אַ גרויסע שאלה. ראַבט זיך, פערקעהרט.

די חאַלאַטלעך מוזען פון זיך אַליין ווערען אַנדערש.

און דאָך וועט עס אַזוי קומען, און עס מוז אַזוי קומען.

די מתים פון טאַנגירער בית־עולם וועלען קריגען אַנדערע שומרים. אוים געצעלטען, אוים קעמלעך, gardien'o וועלען פאָהרען אויף וועליסאָפּעדען.

דייטש לעגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. ער טענה'ט, פאָליציי! דאָס איז אַלץ! זאָגען זאָגט מען, ס'איז נאָר אַנ'אָב־טיילונג, אָבער אין אמת'ן: ווער עס האָט אין האַנד דעם קאַנ־טשיק, האָט אַלץ אין האַנד!

די „עכבר־ראשים" — ווען זיי קריגען זיך, זאָגען זיי אַרויס דעם אמת! מיר שרייען שוין לאַנג, אַז דאָס איז אַלץ, ובפרט אין אַזאַ לאַנד, וואו די אַרמעע איז חוזק.

וועט טאַקי ר' פראַנצויז אַריינקריכען אין מאַראָקאָ און וועט מאַכען מאַראָקאָ טונים בלע"ז — וועט דאָס זיין פערפאַלען.

איך גלויב נאָר ניט, אַז ער זאָל זיך קענען דאָרט דער־האַלטען, אין יענעם געדיכטען, קאָכעדיגען, טיעף־מאַהאָמעדאַ־נישען טאַראַראַם. ער, וואָס איז ניט שטאַרק מסוגל צו צוויליזאַציע און וואָס איז געוועהנט צו עסען דעזשעניע — פונקט אום 1'דינעה — פונקט אום 7, און פאַר'ן דינעה אַנ'אַפּעראַטיף, אַנ־הקדמה'לע — און בענקט נאָך פּאַריז.

איך גלויב נישט, אַז עס זאָל האָבען אַ קיום. און איך האַלט די גאַנצע מעשה פאַר אַ בליאַגע. נאָר ווי די מעשה איז — אַלץ גלייבער פראַנצויז, ווי דער שוטצמאַן מיט דער פיקעלהויבע און די בעקאַנטע וואָנסעס זאָל דאָרט אַריינקריכען מיט זיין לעבער־וואורשט און זויערקרויט און געזעץ ווענען „לעסטיגע אויסלענדער און" שטראַפגעריכטספערפאַהרענס־אויפזיכטס־בעהערדען־בעאַמטען־

טום", וואס „האבען, וואללען, מעכטען, ווערדען, ווירדען איינע באהנברעכענדע עפאכע שאפפען".

די פראנצויזישע בליאגע איז חאטש שען, אנגענעהם — די דייטשע איז שווער, גראבליך, פון אויבען גלאטיג, אינווייניג נהרג על פחות משוה פרוטה, און קבצניש-קמצניש-מגושמ'דיג-קנויזעריש („וואס קויפע איך מיר דאפיר") און אין דער פאליטיק געשעפט מיט עמלק צוזאמען.

מילא, זאל שוין ליעבער פראנצויז געהן און מאכען אבער-פאליצמייסטער-קולטור אין מאראקא.

אינהאלט:

	זייטע
אין גלות, אָריגינעל, פֿון נ"ם	5
אליהו הנביא'ס כוס, איבערזעצט פֿון העבּרעאישען דורך פּ.	9
אַ ברכה פֿון אַן'אַלמנה " " " " "	23
נישט אומזיסט " " " " "	34
בעריל פּופּעק " " " " "	40
יענטע די גבאי'טעס אייניקעל " " " "	46
איזידאָר ברעגנילים איז ניט מסכים " " "	51
וועלוועלס ביינקעניש " " " "	56
יוסיל אינטערעס " " " "	66
שלום " " " "	72
כבוד " " " "	75
שטויב, אָריגינעל, פֿון נ"ם	79
אונטערן באַנק " "	87
אַן'אַלטע שטאָדט " "	96
דער מלאך פֿון רעגען "	102
אַ שטיין בּיזט אַמאָל געווען	1 6
דער נייער וואלדמאַן, איבערזעצט דורך א. ב"ן	124
די אַלטע הגדה, אָרגינעל, פֿון נ"ם	128
אַ מלחמה מיט די שטערען, איבערזעצט דורך ע.	132
ביים זיידען, אָריגינעל, פֿון נ"ם	137
פּאָליטישע סעודות " "	145
די מאַראָקאַנישע פּאָליציי " "	153